STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07181

BLETLEKH

Pine Wald

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

684

פ. וואלד

בלעטלעך

א מתנה פונם באנקעט לכבוד חבר
נ. פרוכטער
דורכגעפירט 15־טן סעפט. 1929

ארויסגעגעבן פון אידישן ליטעראטן
און זשורנאליסטן פאריין אין
ארגענטינע.

בוענאס איירעס
1929

306



I

מענדל מאַלער

מענדל מאַלער

מענדל איז געווען א מאלער ארבעטער פון א יאָר 25. א גוטער, א שמייכלדיקער מיט א ראזעוון פנים, מיט ליבע וואס האט ארויסגעקוקט פון זיינע אויגן.

ס'איז געווען אין אכטן יאָר ווען מענדל איז שוין א צוויי יאר געווען אין בוענאס איירעס. אוועק אליין פון דער אלטער היים. „געשווארצט" די גרעניץ. געוואלט פאָרן אין „אמעריקע", נאָר געפאָרן אין ארגענטינע, ווייל ער האט געמוזט אנקומען צו דער „איזראעליטישער אליאנץ", וועלכע האָט די אידישע עמיגראציע געקירעוועט קיין ארגענטינע. מיט א פאַך אין האַנט — האָט ער זיך געטראכט — וועט ער אומעטום זיין ברויט פארדינען. א בחור אין ווען עס לעבט אויך א טוריסטישער גייסט און רייז נאָך דאָס אומבאקאנטע, דאס ווייטע, האָט אים ניט אפגעהאלטן דאס וואס ארגענטינע איז אזאַ ווייט, אומבאַקאַנט לאַנד, איז ער געפאָרן דרייסיק טעג און דרייסיק נעכט צווישן כוואַליעס און וואָלקנס אפן אטלאַנטישן אָקעאַן. געווארן א באליבטער „שיף־ברודער" פון די אלע מענדלס און בערלס אוןביילעס און גיטלס, וואס זיינען געפאָרן אף דער שיף. אָנגעקומען אין לאנד פון לאַ פּלאַטאַ טייך. אפגעקעסט פינף טעג און פינף נעכט אין דער ריזיקער, אומריינער, הילצערנער בויד, וואס האט געהייסן „אימיגראנטן האָטעל" וואס איז געשטאנען נעבן א פארשימלט טייַכל אפן אָרט וואו עס געפינט זיך דער גרויסער וואקזאל פון דער צענטראל ארגענטינע אייזנבאַן. געקומען אַף פלאסא לאוואזשע, וואָס איז געווען די בירזשע פון די אידישע ארבעטער אימיגראנטן, פון וועלכער מ'האָט זיך שוין דערוואוסט אפן שיף פארן אראפשטייגן. געגאנגען אין „אידישן ארבעטער פאריין" (ביקור

חולים) אַף וועמענס וועגט עס האָבן געהאנגען די פּאָרטרעטן פון מארקס, באַקונין און סאן מארטין און אונטער זיי — א רויטער געוואנט מיטן אויפשריפט: „די באפרייאונג פון ארבעטער קלאס איז די זאַך פון ארבעטער קלאס אליין"...

מענדל האָט גענומען א געדרוקט קארטל אין שפּאניש, וואס מ'האָט אים געגעבן אין דעם פאריין מיט אן אדרעס ארויסגענומען פון א געכטיקער „לא פּרענסא", און האט זיך געשטעלט ארבעטן.

אזוי האָט מענדל געארבעט בא זיין פאַך כמעט פון ערשטן טאָג וואס ער איז געקומען אין ארגענטינע. געביטן די באַלעבאטים, אָבער אומעטום געטון דאס זעלבע: געפּארבט טירן און פענצטער, געגאנגען מיט לייטערס און געפּארבט סטעליעס, געוויגט זיך אַף הענגענדיקע רישטאָוואניעס און געפּארבט פראָנטן. צוערשט געקומען עסן אין איינעם פון די צוויי איינציקע אידישע רעסטאראנען, מיינסטנטייל צו משה'ן אַף טאַלקאַהואַנאַ, און שפּעטער זיך צוגעוואוינט צו די שפּאנישע און איטאַליענישע רעסטאראנען. געגאנגען אין די אָוונטן אין ביבליאָטעק, אַף פארזאמלונגען אדער געמאכט מיט חברים א שפּאציר מיטן טראמוויי, וועלכער האָט ערשט ניט לאנג אָנגעהויבן צו גיין אַף עלעקטרי מיט א קלינגער, פארבייטנדיק דעם פריערדיקן טראמוויי אַף פערד מיט א האָרן... אין די זונטיקס פלעגט זיך מענדל צונויפקומען אין איינע פון די אינטימע חבר'לעכע קרייזן, וואס האבן זיך געשאפן פון שיף־ברידער און שיף־שוועסטער, פון לאנדסלייט, פון אידעאישע און פּארטיי חברים, פון ארבעט און קאמף. חברים־קרייזן לויטער שפּרודלדיקע יוגנט, פול מיט לעבן און געזאנג, וואס האבן פארטראטן דאס ארט פון פאמיליען לעבן אין דער אלטער היים.

טאָמער האָט איינער אמאל געפעלט אַף א צונויפקום, האָבן אלע געוואוסט די סיבה. עס האָט אבער פאסירט אז מענדל האָט איין מאל געפעלט און מ'האָט ניט געוואוסט די סיבה. די חברים זיינען געבליבן אומרויק און מענדלס אינטימסטער חבר האט גענומען אַף זיך געוואויר צו ווערן וואס עס האָט פאסירט.

* * *

דער חבר, פון דער נאַטור אַ פּריילעכער, איז געקומען מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ:

— מענדל איז אוועק אין שפּיטאָל פאַר טובערקולאָזע. ער שפּייט מיט בלוט...

מענדל, אַ שטילער, אַ צוריקגעהאַלטענער, וועלכער פלעגט שטענדיק אויסמיידן צו שטופּן זיך אויבנאָן, צו נעמען דאָס ערשטע וואָרט, צו זינגען דאָס ערשטע ליד, ווייל ער האָט זיך צו זיך אַזוי קריטיש באַצויגן ווי צו אַנדערע, האָט שוין פון אַ צייט געוואוסט אַז יעדעס מאָל וואָס ער קומט זיך צונויף מיט די חברים און חבר'טעס און זיצט מיט זיי אַזוי ענג — מ'פלעגט דאָך זיצן צו צוויי אויף איין בענקל אָדער איינע אויפן אַנדערנס שויס — און עסט מיט זיי און טרינקט מיט זיי און לאָזט אַריין זיין פאַרע אין זייערע העלדזער — טוט ער אַ גרויס „פאַרברעכן", דאָס גרעסטע פאַרברעכן קעגן אַזוינע גוטע, ליבע חברים און חבר'טעס; קעגן דער פריי־לעכער און געזונטער יוגנט און שפּרודלדיקן לעבן.

* * *

זינט מענדל האָט אין אַ טריבן פאַרנאַכט, בײַ דער אַרבעט, דאָס ערשטע שטיקל לונג אויסגעשפּיגן, האָט ער דערפילט אַז אין אים זיצט שוין דער טויט. און פון דעמאָלט אָן האָט מענדל אָנגעהויבן טראָגן זיין ראַזעוועקייט אויפן פּנים ווי אַ מאַסקע, און אין אַ מאַסקע האָט זיך פאַרוואַנדלט זיין שמייכל, זיין אַרבעטן נאָך מיט מער פלייסיקייט ווי פריער. אַנשטאָט גוטע ריינע באַרג לופט האָט ער איינגעזאַפּט דעם בליי־שטויב פון די פאַרבן און די פייכטקייטן פון בוענאָס איירעס. אפילו זיין צונויפקומען זיך מיט די חברים איז אויך געוואָרן אַ פאַרשטעלעניש, וואָס דערצו האָט אים געדינט זיין שטילקייט, זיין צוריקגעהאַלטנקייט, וואָס דאָס איז געווען זיין אייגנ־אַרטיקער באַצייכנטער שטריך אין דער חברים גרופּע.

אָפּשיידן זיך פון דעם לעבן — האָט זיך מענדל געזאָגט — הייסט פאַר מיר אָפּשיידן זיך פון גאַנצן לעבן. און לעבן ווילט זיך איצט נאָך מער

ווי שטענדיק.. ס'איז ניט קיין פארגעניגן אויסצושפייען די לונגען, דאך ווילט זיך לעבן... — — — — — — — — — — — — — — — — —
— —

ווען ס'איז מענדלען געווארן גאָר שלעכט און מ'האָט אים פון דער ארבעט געטריבן, האָט ער זיך געלאָזט פירן אין יענעם שפּיטאָל אריין ווענענס נאָמען עס מאכט שוידערן.

* * *

אין א צייט ארום איז מענדל פון שפּיטאָל ארויסגעקומען נ י ט ווייל ער איז געוואָרן געזונטער, נ אָ ר ווייל ער איז נ י ש ט ג ע וו אָ ר ן ג ע ז ו נ ט ע ר. חברים האָבן אים אָנגעבאָטן שטיצע, אָבער מענדל מיט דעם טויט וואס האָט שוין ארויסגעקוקט פון זיינע אויגן, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יעדער שטיצע. ער האָט אויך אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט חברים.

* * *

אין א פרייטיק, באַם זון אונטערגיין, ווען דער גלאָק פון באַטאַנישן גאָרטן פון פּאַלערמאָ האָט אָפּגעקלונגען דעם לעצטן קלאַנג, און מענטשן מיט פולע, געזונטע לונגען האָבן פארלאָזט דעם גאָרטן צוזאמען מיט די לעצטע שטראַלן פון דער פארגייענדער זון, האָט אין דער פארנאכטיקער גאָרטן שטילקייט אָפּגעהילכט א רעוואָלווער־שאָס —

דאָס איז געווען מענדלס פעסטער באַשלוס ארויסקומענדיק צוריק פון שפּיטאָל. — פארטריקנטע בלעטלעך דאַרף מען אפרייסן — פלעגט ער זאָגן.

אַביסל מענטשן־בלוט האָט זיך איינגעזאַפּט אין דער ערד. מער נישט. צומארגנס האָבן אין דער אַלע געשפּאַצירט געליבטע פּאָרלעך ווי געווענלעך...

דאָס אידישע „פעלד" אין ליניערם איז נאָך געווען ליידיק. די ערשטע צוויי קברים זיינען געווען איבערגעטראָגענע פון „טשאַקאַריטאַ"*) ווען די אַכט חברים האָבן אריינגעטראָגן מענדלס קאַסטן, איז אין מיטן „פעלד" געשטאַנען א רוסישער גוי און געגראָבן דעם גרוב...

---

*) קריסטליכער בית עולם.

אדעלא

אַדעלאַ

א קליין געוויקסיקע, א צארטע, מיט דינע שטריכעלאך אף איר ברוינעם שטערן, מיט אויגן שווארצע וואס האָבן געלויכטן. א צארטער שמייכל האָט געשיינט אף איר פּנים —

— אדעלאַ.

זי איז געווען א בונדיסטקע, וואס האָט מיט טיפן פארשטאנד פארטיידיקט און אימפּאָנירט דעם בונדס פּרינציפּן אף די דיסקוסיעס פון די פּיאנערן פארזאמלונגען דא אין בוענאס איירעס. איר שפּראך —אזא קלאָרע, א סימפּאטישע, א צערטלעכע, א ווירקנדע. אין רעדן האָבן זיך אירע הארציקע טענער צושפּילט, דאָס פּנים האָט זיך צופלאמט, די אויגן צו־לויכטן, זי האָט זיך אויפגעהויבן אף די פליגל פון אידעאל און דערהויבן מיט זיך די גאנצע פארזאמלונג.

* * *

פון אבסטראקטע דיסקוסיעס איז מען איבערגעגאנגען צו פּראקטישע איניציאטיוועס. מיט ליב און לעבן ווארפט מען זיך אריין אין דער ארבעט, אין וואָס מען געפינט די באפרידיקונג פארן געוויסן צו האָבן פארלאזט דעם קאמף פּלאץ אין דער אלטער היים. עס שאפט זיך א גייסטיקע היים אין נייעם לאנד. א חברלעכע סביבה. מען לעבט און מען פילט, אז דאס לעבן איז נוצלעך פאר דער ארבעט און פאר דער פארווירקלעכונג פון גרויסן אידעאל צו באפרייען די וועלט. נאָר אדעלא וואָס האָט אזוי געשיינט פון גליק פון דער אנגעהויבענער ארבעט און האָט אזוי גליקלעך געמאכט פילן

אירע חברים מיט איר פריידיקער און קלוגער מיטארבעט, איז פּלוצים פארשוואונדן געווארן...

* * *

איידער ארגענטינע איז „אנטדעקט" געוואָרן אלס לאנד פאר דער איינוואנדערונג פון אידישע ארבעטער, איז געגאנגען א אידישע ארבעטער איינוואנדערונג קיין ענגלאנד. אין יענער צייט האָבן אין ענגלאנד געלעבט און געווירקט אזעלכע אנארכיסטישע פירער ווי קראפאטקין, מאסט, ראַ־קער, און דער אנארכיזם האט געפינען א גינסטיק פעלד פאר ווירקונג צווישן די אידישע ארבעטער אימיגראנטן אין לאָנדאָן.

די אידישע ארבעטער וואס זיינען אהער געקומען פון לאנדאן, זיינען כמעט אלע געווען אנארכיסטן.

זיי זיינען קליין געווען אין צאל. זיי האָבן זיך אבער מער געלאזט הערן פון אנדערע אידעאליסטישע גרופּירונגען. אף זייערע שטורמישע עפּענטלע־כע ארויסטרעטונגען האָבן זיי אָפּגעווארפן יעדע רעפאָרם אין דער קאפּי־טאליסטישער געזעלשאפט.

— נישט קיין לאַטעס אף דער אלטער געזעלשאפט ווילן מיר, נאָר איינגאַנצן א נייע געזעלשאפט... קיין שטאַט! קיין רעגירונג! קיין פארלאַ־מענט! קיינע הערשער! א פרייע אנארכיסטישע געזעלשאפט זאל זיין! און זייערע פלאם־פייערדיקע רעדנער פלעגן מיט העלע פארבן אויסמאלן די פרייע קאמונעס, אין וועלכע עס וועלן זיך גרופּירן די וואס וועלן דאס און מען וועט וועלן. דער צוזאמענבונד וועט זיין ליבע און פארנונפט... אין דער קאמונע וועט זיך יעדער פריי אויסקלויבן די ארבעט וואָס וועט אים זיין ליבער, אויב עס וועט איינעם פארמיאוסט ווערן איין ארבעט וועט ער זיך נעמען צו א צווייטער, אזוי וועט די ארבעט זיין א פרייער שפּיל, נישט קיין לאסט, און אויב איינער וועט זיך פילן מיד אדער וועט נים קענען צי ער וועט נים וועלן ארבעטן, וועט ער אויך געניסן פון דעם גוטס פון דער פרייער אנארכיסטישער קאמונע, וואס וועט נים האבן קיין תפיסות, קיין

פּאָליציי, קיין מיליציע, און עס וועט זיך בעסער לוינען צו שטיצן איינעם אדער מער חברים איידער אויסהאלטן פּאַראַזיטישע אינסטיטוציעס...

און גענּיסן וועט יעדער וואס זיין הארץ וועט גלוסטן: ניטאָ קיין פארשקלאפונג צו א דיסציפּלין, צו א רעגלאמענט, צו א פּראָגראם. פריי־הייט, אומבאַגרעניצטע פרייהייט!

און די „לאנדאנער" האָבן זיך טאקע שוין גענומען איינפירן דעם נייעם שטייגער לעבן, אנהויבנדיק פון זיך אליין. צו וואס ווארטן אף דער גאנצער געזעלשאפט, אדער אף דער מערהייט, וואס איז פארקריפּעלט, פארדארבן, פול מיט איבלען און פאראורטיילן? און מען האָט זיך גענומען שאפן קאָמו־נעס, אין וועלכע עס זאל ניט זיין קיין געזעץ, נאר פארנונפט; אין וועלכער כ'זאָל זיין אנשטאט רעליגיע — אטעאיזם; אנשטאט געזעצלעכע רעליגיע־זע און קאָמערציעלע חתונה — פרייע ליבע, מאנכע האָבן זיך אויך גענומען לעבן וועגעטאַריאניש און נאטוראליסטיש.

* * *

א גייסטיקער פירער פון די „לאנדאנער" איז געווען נון, וועלכער איז אין לאָנדאָן, ווי מען האָט דאס דערציילט, איבערגעגאנגען פון די מיסיא־נערן צו די אנארכיסטן.

נון איז געווען א פולבלוטיקער מאן מיט פעיקייטן און טאלאנט. זיין באנעמונג צו אלע איז געווען א ליבלעכע, א העפלעכע; זיין האלטונג — א סימפּאטישע; זיין שפּראך — א ווייכע, א סאמעטענע. ער איז אינגאנצן געווען פול מיט לעבן און צוציונג. זיין פּנים האט שטענדיק געפלאמט און פון אונטער זיינע ברייטן שטערן האבן געברייצט און גערופן א פּאָר פארפי־רערישע אויגן. נון איז באליבט געווען בא זיינע חברים אנארכיסטן, איז אויך געשעצט געווען פון ניט אנארכיסטן און די חבר'טעס האָט ער היפּ־נאָטיזירט...

* * *

אדעלאַ האָט זיך פאַרליבט אין נונען און איז אוועק מיט אים לעבן אין א פרייער קאָמונע...

א גרופּע יונגע פריינט און פריינטנס וועמען עס האָט פּאַראייניקט דער רייץ פון א נייעם שטייגער לעבן, האָבן אין ראַנד פון שטאָט געדונגען א הויף מיט א שטיקל פּלאַץ אַף גאָרטנוואַרג און עופות. יעדער האָט צושטייער געגעבן וואָס ער האָט געהאַט און פונם קנאַפּן וואָס איז געווען פון אַלעמענס ביישטייערונג האָט מען איינגעקויפט דאָס נויטיקסטע: בעטלעך, טישלעך, בענקלעך, קיך געשיר, ארבעט געצייג, עופות צו האָדע־ווען. מען האָט זיך איינגעטיילט מיט די עטלעכע צימערן און יעדער האָט נאָר געוואָלט אָפּטרעטן דאָס בעסערע פּלאַץ דעם חבר אָדער חברטע. מיט א מונטערער, חברלעכער שטימונג האָט מען זיך א נעם געטון צו דער ווירט־שאַפטלעכער ארבעט. גערייניקט דעם הויף, אָפּגעאַקערט דאָס שטיקל פּלאַץ, אריינגעוואָרפן קערנער פון מאַיס, פון בוריקעס, ציבעלעס, ארבעס, קרויט.

קיינער האָט ניט באַפעלט וואָס צו טון. קיינער האָט ניט געטון אונטער עמיצענס א באַפעל. אַלע האָבן דאָס אליין פאַרשטאַנען און עס איז ניט געווען קיין אונטערשיד פון מענער ארבעט און פרויען ארבעט. יעדער האָט געטון וואָס אים איז געווען געפעלן. און ווען איינער האָט זיך אינדער־פרי אוועקגעשפּאַצירט און געקומען צום גרייטן טיש, האָט עס אפילו די אנדערע אביסל פאַרדראָסן, אָבער יעדער איז דאָך פריי צו טון און ניט צו טון, ווי ער וויל...

נאָר נאָך די ערשטע עטלעכע טעג האָט אָנגעהויבן ווערן קנאַפּער דאָס לעבנס מיטל. די עופות וואָס מען האָט געהאַט געקויפט פאַר רעפּראָדוקציע און אייער, האָט מען גיך אויפגעגעסן. דאָס ביסל גאָרטנוואַרג וואָס מען האָט פאַרזייט איז נאָך ניט אויפגעגאַנגען, נאָך ניט ארויסגעשפּראָצט אפילו. און וואָס וועט שוין זיין, אז עס וועט ארויסוואַקסן? — האָט זיך אנגעהויבן א רייד צווישן די קאָמונע מיטגלידער — מען וועט דאָס אויפעסן אין א פּאָר טעג, און וואָס וועט ווייטער זיין?..

די נויט האָט געפירט די מיטגלידער פון דער קאָמונע אפן ארבעט מארק.

מאנכע האָבן געקריגן ארבעט און אנדערע זיינען געבליבן ארבעטלאָז. פון די וואָס האָבן געארבעט, האָבן מאנכע מער פארדינט און מאנכע ווינ־ציקער. און דאָס וואָס איינער האָט פארדינט האָט ער אליין זייער נויטיק געהאט פאר זיינע באדערפענישן... די וואָס האָבן געארבעט אינדרויסן צו פארדינען זיך אף לעבנס מיטלען, זיינען פון דער ארבעט געקומען מידע און האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּגעבן צו דער הויף ווירטשאפט. די ארבעטלאָזע האָבן דערפילט ווי עס ווערט זיי צוגעוואָרפן צו טון די הויז ווירטשאפט, האָבן זיי פארלוירן דעם חשק דערצו און האָבן די ארבעט אויך ניט געטון. איז דער הויף געוואָרן פארלאָזט, דער גאָרטן — אויך פארלאָזט. וואלקנדלאָך האָבן זיך אָנגעהויבן פארציען אפן קליינעם הימל פון דער קאָמונע. איינער באם צווייטן האָט אָנגעהויבן צו באמערקן נאָר אומפריינטלעכע זאכן. עגאָאיזם. אזוי האָט גאָרניט לאנג געדויערט און די קאמונע איז פארוואנ־דלט געווארן אין א געוועגלעכן אפּגעלאזטן הויף מיט באזונדערע שכנים מיט קעגנזייטלעכע פּרעטענזיעס, פארדרוסן, ברוגזן, ביז עס איז געוואָרן איבערדריסיק צו וואוינען אין איין הויף אפילו און מען האָט זיך צעשיידט.

* * *

נון איז געוואָרן אוים אקטיווער אנארכיסט. ער האָט געווידמעט זיינע פעיקייטן זיין באשעפטיקונג אלס רייזנדער און דערגרייכט צו א גוטע עקאָנאמישע פּאָזיציע, ווערנדיק דער באליבסטער אנגעשטעלטער באם באלעבאָס.

זיינע פארדינסטן אף דער געזיכערטער שטעלע האָבן אים דערלויבט צו קויפן זיך א שטוב אף אויסצוצאלן און האָט זיך גאנץ באלעבאטיש איינגעאָרדנט.

פון יענעם רייצנדן שטייגער לעבן וואָס סהאָט געדויערט ביז דער

רעאליזירונג פון דער קאָמונע, איז זי נאָר געבליבן אלס אנדענק אַטעא — דער נאָמען פון זייער אינגעלע.

אָבער אדעלא וואָס האָט געבליט אין איר אידעאליסטישער סביבה, האָט זיך אין דער אנארכיסטישער סביבה, וואו סאיז געוואָרן הערבסטי־קער, ניט איינגעלעבט. דאָס מאַמע לעבן און די שטוביקע ווירטשאפט איז איר גאָרניט געווען אינטערעסאנט. אנטוישט און אָפּגעצאַמט פון ברייטן לעבן, פילט זי זיך איינזאַם, ענג, און וועלקט ווי א בלעטל, וואָס איז אָפּגעריסן געוואָרן פון בוים. זי פילט זיך אלץ מער גייסטיק אויסגע־וועפּט פון וואס זי ווערט קערפּערלעך אפּגעלעבט, טרוקן, צובראכן, קרענק־לעך, און פּלאָנטערט זיך ווי א שאָטן צווישן שטוביקן מעבל.

* * *

איינמאל אין אָוונט, זייענדיק אין א פראווינציעל שטעטל, מאַכט צו מיר נון:

— איר האָט אפשר באַמערקט ווי מיין אדעלא פילט זיך ניט גוט. זי האָט אייך גאָרנישט דערציילט?

— ניין...

און נון, וועלכער האט זיך היינט געפילט אויסערגעוויינלעך, אומרויק, דענערווירט, דערציילט מיר זייער באַשלוס און דעם אופן ווי זיי האָבן דאס באַשלאָסן:

— ס'איז געווען דער אָוונט איידער איך בין געפאָרן אהער. אדעלא, ווי געוועגלעך, די לעצטע צייט, איז קראַנק, מוטלאָז, אומעטיק, כאָטש זי קלאָגט זיך ניט און שווייגט. רוף איך זיך אָפּ:

— אדעלא, האסטו ניט אַ טראַכט געטון וועגן דעם אז עס וואָלט אפשר נויטיק געווען צו בייטן די לופט, די סביבה?..

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— איך מיין, צי עס וואָלט ניט א פּלאַן געווען צו פאָרן אין דער שווייץ?.. די רייזע, דער לעבן אין אן אנדער לאנד, אין אייראָפּע, אין דער שווייץ, צושטרייט, דערפרישט, דערמונטערט...

אין אדעלאן האָט זיך עפּעס ווי אפּגעריסן. זי האט א ציטער געטון. עפּעס א פרעמדער שמייכל האָט זיך געלייגט אף איר מויל און זי האָט געפרעגט:

— פארלאזן מיר, הייסט עס, ארגענטינע?..

— וועגן איינגאנצן פארלאזן ארגענטינע איז נאך צו פרי צו רעדן... איך האָב וועגן דעם איבערגערעדט אין געשעפט און מיין באלעבאָס באַוויליגט מיר אן אורלויב אויב דו וועסט וועלן איך זאָל דיר באגלייטן ביז דער שווייץ און דיר העלפן זיך דארט איינארדנען... דערנאך וועל איך זיך אומקערן אהער, דיר שיקן גענוג צום לעבן און שפּעטער וועלן מיר זען: אָדער איך וועל פארן אהין און מיר וועלן בלייבן אין אייראָפּע אדער דו וועסט אן אויפגעלעבטע צוריק קומען אהער.

אדעלא האָט א ווײַלע געשוויגן. שווער אָפּגעאָטעמט. ס'איז געווען די שטימע פון א דערשטיקטן קרעכץ און ניט רירנדיק זיך פון ארט, וואו זי איז געזעסן איינגעבויגן מיטן פּנים צו דער ערד, האָט זי געזאָגט:

— גוט, איך פאָר...

מער האבן מיר ניט גערעדט. אדעלא האָט זיך גענומען א בוך לייענען און איך האב זיך אזוי צוגעשפּארט אין אנגעטועכץ ביז דעם ערשטן באַן פון פארטאָג.

דאָס גרייטן זיך צו דער רייזע האָט לאנג נישט געדויערט. אין עטלעכע וואָכן ארום איז שוין די שטוב געווען אפּגעלאזט, דאס מעבל אויספארקויפט און זיי האָבן גענומען א צימער אין א האָטעל ביז דעם טאג פון דער אָפּרייזע.

אין לעצטן טאג, גאנץ פרי, ווען נון איז ארויס אין וואש צימער האָט אדעלא אפויר גענומען פון אונטערן קישן זיין רעוואלווער און... אין דער פרימארגן שטילקייט פון האָטעל האָט אָפּגעהילכט א שאָס!

די „קאָמעדיע האָט זיך געענדיקט"...

סטאַניסלאַוועסקי

סטאַניסלאַווסקי

די חברים האָבן אַלץ נאָך גערעדט פון טשעסקי, דעם געוועזענעם אַפי־ציר אין דער צארישער ארמיי, וואָס האָט געמאַכט אַזא קאָמישן איינדרוק אין יענעם אָוונט, ווען ער איז געקומען אויפן ארבעטער מיטינג אין א ספּע־ציעל געבאַרגטן פראַק, דעקאָלטירטן זשילעט, ווייסע הענטשקעס, ראַזירט און פּערפומירט, צו האַלטן זיין רעפעראַט וועגן...

אָט דאָס איז דאָך טאַקע געווען די פראַגע. דער עולם האָט ניט געוואוסט וועגן וואָס און וואָס ער האָט גערעדט, און די חברים האָבן פאַרזיכערט, אַז ער אַליין האָט אַזוי פיל געוואוסט פון זיין רעדע ווי דער עולם...

עפּעס האָט ער דאָרט הייזעריקלעך, אָן טעם, ניט קאַלט, ניט וואַרים; ניט זיס, ניט ביטער, דערציילט, און דאָס בסדר איבערגעחזרט, אַז ער איז געווען אָפיציר אין דער רוסישער צארישער ארמיי, און ניט גלאַט אַן אָפיציר. ער איז אַזוי אָנגענומען און דערהויבן געווען, אַז אָן אַ צאָל טויט־אורטיילן אויף פּאָליטישע ארעסטאַנטן זיינען פאַרן אויספירן אונטערגע־שריבן געוואָרן מיט זיין אייגענער האַנט ביז... עס האָט אים אָנגעהויבן צו מאַטערן דער געוויסן. נישט מער אונטערשרייבן טויט־אורטיילן האָט גע־מיינט ציען אויף זיך אַ חשד און אפשר אויך אַ טויט־אורטייל. איז ער דערפאַר אַנטלאָפן...

דאָס איז געווען דער גאַנצער אינהאַלט פון פאַרמלאָזן רעפעראַט. און געזאָגט האָט ער עס אַזוי האַרצלאָז, אַז קיינער האָט אים ניט געגלויבט, און די חברים האָבן אָנגעהויבן צו ריידן פון אים ווי פון עפּעס אַ טאַלאַנטלאָזן אַפּעריסט.

מען האָט זיך געשעמט פארוואס מען האָט ארגאניזירט דעם דאָזיקן רעפעראט, נאָר עס איז געבליבן א טרייסט: די הונדערטער פעזאס וואס זיינען געבליבן פון דעם רעפעראט זיינען באשטימט געווארן אפצושיקן פאר די פּאָליטישע ארעסטירטע אין צארישן רוסלאנד.

באַלד נאָך דעם רעפעראט האָט אָנגעהויבן צו ווייזן זיך אין דער ביבליאָטעק א פארשוין, א הויכער, א בלאָנדער, נאָר מיט א טונקל אָפּגעברענט פנים און הענט פון פעלד און זון. זיין קליידונג איז געווען ווי פון א וואָכעדיקן גאוטש1); אלפארגאטן2) אף די פיס, באָמבאטשעס3) מיט מאנקעטן בא די קנעכלעך פון די פיס. א ברייטן פאסיק מיט אלערליי שנאַלן און בייטעלעך און שיידלעך, אין וועלכע דער גאוטש האלט זיין גאנץ פארמעגן און אויך זיין מעסער אדער רעוואלווער ארום גארטל, א ברייט העמד ארייגעגרוקט אין די באָמבאַטשעס. דאס העמד פארשפיליעט ביזן קאלנער, אָן א קראוואט. אפן קאפ א טשאמבערגע4).

לויט זיין פיזיאָנאָמיע און האלטונג איז ער געווען א סלאַוו, אבער לויט זיין פארטונקלטער הויט און קליידונג איז ער געווען א גאָוטש פון דער ארגענטינער פאמפאַ5).

דאס איז געווען סטאַניסלאַווסקי.

ווען ער איז צום ערשטן מאָל ארייגעקומען אין לאָקאל און באַמערקט ווי מען כאפט אף אים „גענייוויִשע" בליקן, האָט ער זיך באלד צוריק ארויסגעשלייכט. דעם צווייטן מאל איז ער געקומען שוין אביסל פארשטאַטישט און איז געבליבן שטיין אין דער ראַם פון דער טיר פון לייען זאַל, וואו עס איז פונקט פארגעקומען א טעארעטישער דיספוט איבער „רעליגיע און סאָציאַליזם". ער האָט נאָר אויסגעהערט די דיסקוסיע און איז אוועק. דעם

1) טיפיש־ארגענטינישער פויער.

2) לייוונטענע שיך.

3) אזוינע הויזן.

4) אזא הוט.

5) סטעפ.

דריטן מאָל איז ער געקומען, האָט ער איבערגעקוקט די קאַטאַלאָגן פון די רוסישע און אידישע ביכער, דערנאָך האט ער זיך אריינגעזעצט צווישן די לייענער אין לייען־זאַל און אריינגעקוקט אין א רוסישער צייטונג. דאס מאָל האָט ער געוואַרט ביז צום שליסן דעם לאָקאַל און באם ארויסגיין האָט ער געזאָגט דעם חבר מיטן שליסל:

— איך בין געווען אפן רעפעראַט פון טשעסקי וואס אייער ארגאַני־זאַציע האָט ארגאַניזירט. אויב אייער אָרגאַניזאַציע וויל, וואָלט איך אויך געגעבן א רעפעראט, אַף וועלכער טעמע איר ווילט און פאר וועלכן צוועק איר ווילט..

דער חבר מיטן שליסל האָט אים אזוי אומצוטרוילעך אָנגעקוקט און אים געענטפערט:

— גוט, איך וועל דאס פארלייגן.

צומאָרגנס האָט דער חבר איבערגעגעבן ווי דער פרעמדער פאַרשוין באָט זיך אָן געבן א רעפעראַט.

די חברים פון קאָמיטעט, וואס האבן זיך נאָך געפילט געשטרויכלט פון טשעסקים פלאַפלעריי, האָבן זיך שוין געוואָלט אויסהיטן פון א צווייטער שטרויכלונג. עמיץ האָט א זאָג געטון: „אָט איז א צווייטער אוואַנטוריסט", כאָטש ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון א פשוטן, רויען מענטש, דאָך מ'דאַרף נאָר ניט מאַכן קיין גרויסן רעש. און עס איז באַשטימט געוואָרן צו מאַכן א „שטילן" רעפעראַט, א מין עקזאַמען אַף דעם פאַרשוין וואס שטעלט זיך פאָר אַלס רעדנער.

מען האָט אים פארגעבן א טעמע: „סאַציאַל־רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן", און מען האָט גערופן אַף מעכיקאָ 2070 אין דער אויבערשטער סאַלע.

* * *

דעמאָלט אז איין ארגאַניזאַציע האָט איינגעאָרדנט א רעפעראַט, א עפנטלעכע דיסקוסיע צי אפילו נאָר א „שמועס", פלעגן קומען די מיטגלי־

דער פון אלע אנדערע אידישע ארבעטער ארגאניזאציעס און אזוי מענטשן פון אלערליי פּארטייאישע אידעאָלאָגיעס, נישט נאָר ווי גלייכגילטיקע צו־הערער נאר ווי אקטיוו פאראינטערעסירטע, ווי אָפּאָנענטן, ווי אנטיילנע־מער. יעדער רעפעראט האָט זיך פארוואנדלט אין א פרייע טריבונע, און טאָמער איז דער רעפערענט אדער דער רעדנער, וואס די ארגאניזירער האָבן ארויסגעשטעלט, ניט געווען גענוג שטארק, איז די פארזאמלונג ארונטערגעפאלן אונטער אן אנדערער ווירקונג; אונטער דער ווירקונג פון די וואס האָבן זיך געקאָנט אימפּאָנירן מיט מוח, מיט שפראך און... ניט זעלטן אויך מיט הענט און זיי האבן פארכאַפּט די מאכט איבער דער פארזאמלונג.

פון מויל צו מויל האָט מען זיך דערוואוסט פון „שטילן" רעפעראט וואָס דארף פּאָרקומען און מען האָט זיך געגרייט צו דערציילן די „אמתע מעשה" דעם רעפערענט, אויב ער וועט „דערלאנגען" אזא מין „רעפעראט" ווי טשעסקי...

צו דער באשטימטער צייט איז די סאלע געווען איבערפולט.

דער פּאָרזיצער, ווי מורא האבנדיק פאר א דורכפאַל, האָט דערקלערט דער פארזאמלונג, אז די ארגאניזאציע איז ניט פאראנטווארטלעך פארן רעפעראט. זי האָט נאָר ניט אָפּגעוואָרפן דעם פארשלאג צו זיין די פאר־מיטלערן צווישן דעם רעפערענט און דער פארזאמלונג. ער רופט דעם רעד־נער צום וואָרט, און סטאניסלאווסקי, וועלכער איז געזעסן צווישן עולם, גייט צו צום טיש און... איבער דער סאלע צעקלינגט זיך, ווי פון א גלאָק, דאָס וואָרט:

— חברים!

זיין ריזעדיקע שטימע, קלארע דיקציע, פארביקע און טעמפעראמענט־פולע שפראך, ווי זיין צוציענדע זשעסטיקולאציע, האָבן באלד פארכאַפּט די אודיטאריע און איר געהאלטן געשפּאַנט. דער עולם וואס איז געקומען „עקזאמינירן" דעם רעדנער און זיך מיט אים אָפּרעכענען... האָט זיך באלד

פארלוירן אין א וואלד פון אזעלכע קלאָרע און צעוואקסענע געדאנקען, וואס האָבן זיך אזוי מייסטערהאפט קאָמבינירט און האָבן אזוי איבערצייגנד געווירקט. צוויי שעה צייט אז עס דויערט שוין דער רעפעראט און דער עולם איז נאָך אלץ געשפאַנט מיט אויפגעריסענע אויגן צו דער ריזיקער פיגור פון רעדנער וואס אטאקירט, אלס סאָציאל־דעמאקראט, אזוי איבער־צייגנד און מעכטיק דעם גאנצן פראָנט פון די סאָציאל־רעוואלוציאָנערן.

ווען ער האט געענדיקט, האָט ער געבעטן אָפּאָנענטן. כאָטש ער האָט גערעדט אין רוסיש (ער איז געווען א רוס), האָט ער געהייסן רעדן אין אידיש און אַף וואס פאר א שפּראך איינעם איז לייכטער. עס זיינען ארויס־געטראטן אייניקע סאָציאל־רעוואָלוציאָנערן און אנארכיסטן. זיי האָבן אבער צו שוואך פארטיידיקט זייערע אידעאלאגיעס און קאמפס־מעטאדן. סטאַניסלאווסקי, אין זיין ענטפער, האָט צוערשט זייערע פּאָזיציעס פאר־שטארקט מיט די געדאנקען, ארגומענטן און ציטאטן פון די פירער פון דער סאציאל־רעוואלוציאנערער און אנארכיסטישער באוועגונג, דערנאך האט ער זיי מיט זיינע געדאנקען און ארגומענטן צעשלאגן.

* * *

אין שטאָט האָט זיך פאנאנדערגעטראָגן די נייס וועגן דער גרויסער קראפט, וואס האט זיך באוויזן. עס זיינען באלד נאכגעקומען וועכנטלעכע און צוויי מאָל אין דער וואָך רעפעראטן פון סטאַניסלאווסקי. זיינע רע־פעראטן האָבן צוגעצויגן די ארבעטער און די אינטעליגענץ פון אלע ריכטונגען. זיי זיינען געווען דער גייסטיקער אויסדרוק אין יענער אנהויב בויונגס צייט. זיין יעדער רעפעראט איז געווען א ווערק. זיין היגער רעפעראט וועגן „טעאריע און פּראַקטיק פון אַנארכיזם“ איז שפּעטער אין רוסלאַנד דערשינען אין א בוך.

סטאַניסלאווסקי איז געווען א זון פון א דורותדיקער יחוס משפחה. ער האָט זיך אָפּגעזאגט פון זיינע פּריווילעגיעס, פון זיינע קאריערעס, פון

זיין לעבן אין וואוילטאג און פארשווענדונג און איז, אזוי ווי די „נאראָדאָוואָלצעס“, אין די צייטן פון אלעקסאנדער דעם צווייטן, אוועק אין פאלק, מיט דעם אונטערשיד וואס די „נאראָדאָוואָלצעס“ זיינען אוועק אין דאָרפישן פויערים פאָלק און ער איז אוועק אין שטאָטישן ארבעטער פאלק.

סטאניסלאווסקי האָט ניט געוואלט קומען צום פראָלעטאריאט ווי א אינטעליגענטישער-בעל טובהניק. ער האָט געפילט א אינערלעכע באדערפעניש מיטן פראָלעטאריאט זיך אויסצומישן, צונויפגיסן זיך מיט אים. לעבן א פראָלעטאריש לעבן. פילן אפן אייגענעם פלייש דעם יאָך פון ארבעט אונטער דער קאפיטאליסטישער עקספלאטאציע; ארבעטן שווער אפן שטיקל ברויט און ניט זעלטן הונגערן. און אזוי אין דער טיפעניש פון ארבעטער לעבן האָט ער געפארשט און געלערנט די פסיכאָלאָגיע פון די ארבעטער מאַסן, זייער דענקען און שטרעבן; אזוי האָט ער שטודירט די ריכטונגען און אידעאָלאָגיעס וואס ווירקן אפן ארבעטער קלאַס.

און אז סטאניסלאווסקי האט זיך ארויסגעלאזט זוכן די קוואלן פון אנארכיזם, איז ער דורכגעפארן די סלאווישע לענדער, די גערמאנישע, די ענגלישע. ער האָט אין זיי געטראפן גאנץ אומבאדייטנדע אנארכיסטישע גרופקעס, וואס נערן זיך פון אנארכיסטישער ליטעראטור. איז ער ווייטער געפארן אין די לאטייניש לענדער. אין זיי האָט ער שוין געטראפן קליינע קוואלן וואס האבן געפלאסן פון דער אייגנשאפט, פון טעמפעראמענט, פון דער פסיכאָלאָגיע פון זייערע פעלקער. און דארט וואו ס'איז געווען ווינציקער ארדנונג, ווינציקער סאָלידקייט, איז געווען מער אנארכיזם. דערנאך האָט ער זיך פארנומען אפן וועג קיין ארגענטינע, וואס איז אליין א לאטייניש לאנד, איינע פון די נייסטע אמעריקאנישע לענדער, וואו עס זיינען אומגעקומען אן א צאָל אינדיאנישע שבטים אין די דריי הונדערט יאָרן פון שפאנישער קאָלאָניאלער הערשאפט, און וועמענס נקמה און רעבעלירנדער גייסט עס האָט זיך אריבערגעטראגן צו די דורות, דורך די אינדיאנישע בלוטן, וואס האבן זיך אריינגעגאסן אין די אָדערן פון די איינגעוואנדערטע לאַטיינישע פעלקער-מאסן. ער האָט זיך פארגעשטעלט אז ארגענטינע, וועמענס הונדערט יעריקע געשיכטע עס איז פול מיט בונטן, אויפשטאנדן און

רעוואלוציעס און איז דערצו א צוזאמענפלוס פון אומצופרידנהייט, וואס איז ארויסגעשטויסן געווארן אדער האט זיך אליין ארויסגעכאפט פון אלע אייראפעאישע לענדער, און הויפטזעכלעך פון די לאטייניש לענדער, דארף זיך געפינען דער גרעסטער קוואל פון אנארכיזם —

און אט איז ער געקומען קיין ארגענטינע; געקומען פון קיינעם ניט באמערקט, מיטן עמיגראציאנס שטראם, ווי איינער פון די טויזנטער און טויזנטער פשוטע, ניט פארזארגטע, ארימע ארבעטער אימיגראנטן, וואס וואלגערן זיך ווי דאבלאזע שאף אין די עמיגראנטן לאגערן און ווערן ווי שאף געפירט אין די ברודיקע, פארפעסטעטע קעלערס פון די שיפן.

געקומען אהער, איז ער אוועק ארבעטן אלס פעאן*) אפן פעלד, זיך אויסגעמישט מיט די פשוטסטע, פראלעטארישע פעלד־ארבעטער, זיך אנגעטון אין זייערע קליידער, געארבעט ווי זיי און געלעבט ווי זיי און אזוי געלערנט זייער פסיכאלאגיע. און ווען ער איז געקומען פון דארף אין שטאט, האט ער זיך דא אויך אויסגעמישט מיט די פעאנען, געווארט, ווי זיי, גאנץ פרי, באם פארט, בא די געביידעס, מען זאל אים צונעמען צו דער ארבעט. און אים האט מען דווקא צוגענומען פריער פאר אנדערע, ווייל ער איז געווען א פארשוין, א הויכער, א געזונטער מיט הענט, אקסלען און פלייצעס, וואס קאנען הויבן און טראגן די שווערסטע זאכן. אזוי האט ער געלעבט צווישן דעם נידריקסטן ארבעטער שיכט, צווישן די וואס ארבעטן שווער און ווערן אמווינציקסטן באלוינט.

פון דעם פארדינסט פון אזא פעאנען ארבעט האט ער נאר געקאנט אזוי ארים לעבן ווי עס לעבן די פעאנען ארבעטער. געוואוינט אין א קאראלאן**), מיט נאך אן ארבעטער אין א קליין צימערל אן לופט, אן זון. א קאטרע***) פאר א בעטל מיט א קליין וואלענעם קישעלע, מיט א סטאפענע גרויע קאלדערע, מיט א קעסטל אנשטאט א בענקל, איז געווען זיין מעבל.

---

*) פשוטער ניט קוואליפיצירטער ארבעטער.

**) ארימסטער הויף.

***) אזא בעטל.

עסן איז ער געגאַנגען אין די ביליקסטע רעסטאָראַנען. אויסער דעם האָט ער פאַרמאָגט א זאַק מיט ביכער און זשורנאַלן וועגן אַנאַרכיזם און אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם אין די פאַרשידנסטע שפּראַכן, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן אין די לענדער.

סטאַניסלאַווסקי האָט געהאַט א גוטע רעקאָמענדאַציע צו דער היגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָבער איידער ער האָט געוויזן די רעקאָמענ־דאַציע האָט ער אָנגעשריבן אַן אָפּהאַנדלונג איבער דער היגער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי און קרעפּטיק קריטיקירט איר רעפאָרמיזם. ער האָט דאָס געטון ווי איינער וואָס וויל אויסבעסערן אַן אייגענע זאַך, איז עס בא אים אויסגעקומען ניט סאָציאַליסטיש, ניט חבריש, וואָס מען האָט זיינע קרי־טישע אַרטיקלען איבער דער היגער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ניט אָנגע־נומען צום דרוקן אין פּאַרטיי אָרגאַן, האָט ער צוריקגענומען זיינע אַרטיקלען און די רעקאָמענדאַציע ניט געוויזן מער.

זיין פאָרשנדע מיסיע האָט סטאַניסלאַווסקי דאָ שוין געהאַט געענדיקט. ער איז נאָר נאָך געבליבן א שטיקל צייט צו העלפן דער בוינג פון דער אי־דישער אַרבעטער באַוועגונג. דערנאָך האָט ער זיך געגרייט אין וועג אַריין, צוריק קיין רוסלאַנד. קיין געלט אויף א שיפסקאַרטע פון דריטן קלאַס אויף א פּאַסאַזשיר שיף האָט ער ניט פאַרמאָגט, איז ער געגאַנגען פאַרדינגען זיך אַלס אַרבעטער אויף אַן אָקסן שיף. חברים האָבן זיך דערפון דערוואוסט, האָבן זיי דאָס ניט געקאַנט איבערטראָגן. איז באַשלאָסן געוואָרן אים בעטן ער זאָל אָננעמען דעם חלק וואָס פעלט אים פאַר א שיפסקאַרטע, (די סומע איז אין א פּאָר חדשים אַרום צוריקגעקומען פון זיין מוטער אין מאָסקווע מיט אַן אויפריכטיקן מוטערלעכן דאַנק פאַרוואָס מען האָט איר זון אַרויס־געהאָלפן אין א נויט...).

* * *

אין דער לעצטער נאַכט פאַר סטאַניסלאַווסקיס אַוועקפאָרן האָבן זיך חברים פאַרזאַמלט בא סטאַניסלאַווסקין אין קאָראַלאַן צימערל. דאָרט האָט

מען געפּראַוועט א געזעגנונגס באַנקעט און זיך געלאָזט וואוילגיין באַ ברויט מיט הערינג און א גלאָז ביר. א גאַנצע נאַכט האָט מען זיך געפרייט און געפרייט ביז טרערן..

מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז סאָציאַליזם קאָן מען בויען אף דער גאַנצער וועלט. און מיר, אונטערערדישע בויער פון יענער זייט ים, האָבן טאַקע דאָ אנגעהויבן אונדזער בויונגס ארבעט, אָבער געפילט האבן מיר אז אין אונדזער אַלטער היים בויט מען דעם סאציאליזם מיט מער טעם, מיט מער באַגייסטערונג, מיט מער לעבנס־געפאַר; און געפילט האָבן מיר אז דאָרט ווערט ער שנעלער און בעסער געבויט, און עס האָט זיך צעברענט א בענקשאפט צו מאַמע לאַנד...

אין יענער הייליקער מינוט איז דער ריזיקער סטאַניסלאַווסקי געשטאַנען מיט קאָפּ און אויגן אראָפּגעלאָזט און אזוי האָט ער אָנגעהויבן פּליסטערן:

— ליבע, טייערע, חברים! איך פאָר צוריק אין לאַנד פון וואַנען די געקרוינטע בעסטיע האָט אייך פאַרשטויסן. איך גיי זיך שטעלן ווייטער בויען די גרויסע געביידע וועמענס פונדאמענט איר האָט אין אונטערערד געגראָבן. קאָן זיין אז באַם אריבערטרעטן די גרעניץ וועט מען מיר אָנטון די אייזערנע בראַזלעטן און מיך אריינפירן אין טורמע, אפשר אף קאַטאָרגע און... אפשר אף דער תליה, אָבער מיר קוקן דעם טויט מונטער אין די אויגן אריין. דער טויט פון א רעוואָלוציאָנער איז אויך לעבן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער זאַך; נייע מחנות פון ארבעטער קלאַס ווערן באַגייסטערט פון א רעוואָלוציאָנערן טויט און שטעלן זיך אין די רעוואָלוציאָנערע רייען און רוקן ארויס נייע מוטיקע קעמפער אין פראָנט.

זיין שטימע ווערט דרייסטערער, קלינגנדער און ער זאָגט ווייטער:

— די צאַרישע רעאַקציע פייערט איר זיג. די קאָנסטיטוציע פון אָקטאָבער איז אַפילו ניט קיין לייטיש בורזשואזע קאנסטיטוציע. אבער די פריצים און די קאפּיטאַליסטן ווילן בעסער אזא קאנסטיטוציע איידער ווייטער פירן די רעוואלוציע אינאיינעם מיטן פּראָלעטאַריאַט, נאָר עס שאַדט ניט. עס איז בעסער דאס וואס די הערשנדע קלאַסן האבן זיך צו־

ריקגעצויגן פון דער רעוואלוציע און זי געלאזט נאר פארן פראלעטאריאט, דאס וועט פירן דערצו אז די רוסישע רעוואלוציע וועט זיין א פראלע-טארישע.

די חברים האבן אויפגעהויבן די גלעזער פארן זיג פון דער רוסישער רעוואלוציע, און סטאניסלאווסקי האט דערנאך געזאגט:

— טייערע חברים! מיר זעען זיך איצט און עס קאן זיין אז מיר וועלן זיך מער קיינמאל ניט זען, וויל איך אייך זאגן מיין הארציקסטן דאנק פאר דער פרייד וואס איך האב געהאט, טרעפנדיק דא אייך, אין וויטן לאנד, אזוי טריי, איבערגעגעבן און אקטיוו פאר אונדזער גרויסן אידעאל; פאר דער מעגלעכקייט וואס איר האט מיר געגעבן אייך אין אייער פיאנערישער ארבעט עפעס מיטצוהעלפן און פאר דער ליבער, חברישער סביבה וואס איך האב צווישן אייך געפינען. דערלויבט מיר מיטצופירן פון אייך א גרוס פאר אייער אלטער רעוואלוציאנערער היים; דערלויבט מיר אין איר נאמען צו באגריסן אייער ארבעט אין אייער נייער היים און — זייט געזונט!

שלוימקע

ISRAELITA
B. GALITZIA
BUENOS AIRES

שלוימקע

אף די פארזאמלונגען פון דער „ביבליאטעקא רוסא“ האט מען פרינצי־פּעל גערעדט צוויי שפּראכן: רוסיש און אידיש. לויט די טענדענצן. צוליב דעם איז אויסגעקומען אז בעסערע אידיש קענער האבן גערעדט שלעכט רוסיש און בעסערע רוסיש קענער האבן גערעדט שלעכט אידיש. אף די דאזיקע פאר־זאמלונגען פלעגט קיינמאל ניט פארפעלן צו קומען איינער אין א שווארץ רוסיש העמדל איבער די הויזן אריבערגעלאזט און ארומגענומען מיט א גארטל. ער האט געטראגן שטיוול, א רוסיש היטל מיט א דאשיק וואס איז אים אראפּגערוקט געווען איבער א פּאר קליינע אויגן, וואס האבן זיך ווי באהאלטן פון דער ליכטיקייט. דאס פּנים איז אים געווען רויט, ווי אנגעב־לאזן און די שפּיצן פון זיינע וואנצעלעך אף דער אויבערשטער פולער ליפּ ארויפגעשטייפט.

אף די פארזאמלונגען פלעגט ער קומען דער ערשטער, זיך געשטעלט אין א ווינקל אדער בא דער וואנט, דאס היטל אראפּגערוקט איבער די אויגן דעם קאפּ אראפּגעלאזט, געהערט און געשוויגן, מיינסטנטייל מיט פאר־מאכטע אויגן, וואס האבן זיך נאר פון צייט צו צייט געעפנט א קוק צו טון אף דעם אנדערן חבר, וואס האט גענומען דאס ווארט, אדער ווען דער רעד־נער איז געבליבן א ווײַלע שטיל צונויפצונעמען זיינע געדאנקען. ער איז ניט אוועק איידער די פארזאמלונג האט זיך געענדיקט און ווען זי האט זיך געענדיקט ארום צוויי אזייגער פארטאג, פלעגט ער ארויסגיין פאר דער טיר, וואו ער האט איבערגעווארט ביז מ'האט דעם לאקאל פארשלאסן, ביז אלע פארזאמלטע זיינען אוועקגעגאנגען, פונקט ווי ער וואלט געשטאנען אף דער וואך.

— דאס איז געווען שלוימקע.

דאס האלטן זיך אין די רוסישע קליידער איז בא שלוימקען געווען א געפיל זאך אזוי לאנג ביז ער האט זיך דערפילט גוט אין זיין נייער היים.

ווען די יונגע ארגאניזאציע האָט זיך געשפּאלטן אף א „רוסישן" אוואנגארד און „אידישן" אוואנגארד, איז שלוימקע געקומען צום אידישן און געזאגט:

— סרייבט ארײַן א מיטגליד.

חברים האבן זיך איבערגעקוקט. אפשר האָט דער מענטש מיט זיין „קאצאפּסקן" אויסזען פארבלאנדזשעט...

— עס זיינען דא צוויי אוואנגארדן: א „רוסישער" און א „אידישער"...

— וואש ארט אייך? מ'זשאגט פארסרייבט, פארסרייבט מען. איך האב ליב רושישע רוסן. אידישע רוסן האב איך פיינט...

שלוימקע איז געווען א בחור נישט מיט קיין באַזונדערע פעיקייטן, ניט צום ריידן ניט צום שרייבן. ער האָט אויך ניט געהאט קיין מאניע צו דעם. ער האט נאר געשעצט די חברים וואס האבן יאָ אזעלכע פעיקייטן און אליין האט ער געהאט א געזונט הארץ, א ברייטס, מיט א סך געפיל, איז זיין באַציונג צו אלץ און צו אלע געווען א הארציקע, אן ערלעכע און איבער־געגעבענע. דעריבער איז ער באלד געווארן דער באליבסטער, דער אינטימ־סטער חבר, כאָטש ער האָט יעדן שטעבעלירט און נאָר געהאט פּרעטענזיעס.

— וואָש איז דער אונטערסיד פון דיר און א פערד? — פלעגט ער גוטמוטיק, שמייכלדיק, זאָגן צו א לאנדסמאן, א שיף ברודער, א חבר בא דער ארבעט, אדער ביישלעפער.

— נאר דו ארבעטסט, עסט און סלאפסט...

— ווען איינער איז געווען אבי פארשריבן אין פּראָפעסיאָנעלן פאריין אָדער אין א פּאליטישער צי אין א קולטורעלער אָרגאַניזאַציע, און איז צו איר ניט געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן, האָט ער זיך פון שלוימ־קען שוין ניט אויסבאהאלטן.

— דו ביסט קיין יאָט ניט. א טויטער ביסטו. גיי אין דר'ערד ארײַן! ווער דארף דיר?

אז די חברים האבן זיך געלאזט אויסוועלן אין קאמיסיעס, פאר באשטימטע אמטן אדער ארבעטן און נאכלעסיק באציען זיך צו דאס, צו וואס זיי זיינען געוועלט געווארן, איז שלוימקע שוין ארומגעגאנגען א בייזער, א אויפגעבלאזענער:

— רק מ׳לאזט זיך אויסוועלן און טויגן טויג מען אף כפרות!

שלוימקע אליין האט זיך קיינמאל פאר קיין זאך ניט געלאזט אויסוועלן.

— חבר שלוימקע ווערט פארגעשלאגן אלס מיטגליד אין קאמיטעט.

— מוחל. איך אנטזאג זיך.

— חבר שלוימקע ווערט פארגעשלאגן אלס אנפירער אין דער פראפעסיאנעלער קאמיסיע.

— מוחל, איך נעם ניט אן.

— חבר שלוימקע שטייט אלס קאנדידאט פאר דער ביבליאטעקס קאמיסיע.

— מ׳האט שוין געהערט. איך ניט!

— חבר שלוימקע ווערט פארגעשלאגן אלס ערשטער קאמיסאר צו פירן די מאניפעסטאציע.

— רק דאס זעלבע!

אבער שלוימקע איז געווען אומעטום. אין קאפ האט ער געהאלטן פארצייכנט די חברים פון אלע קאמיסיעס, פון אלע אמטן און פון אלע ארבעטן און זיי דערמאנט זייערע פליכטן און זיי געמונטערט צו ארבעט. שלוימקע האט ניט געפעלט אף קיין זיצונג פון קיין קאמיסיע. געזען אז אלץ וואס איז נויטיק זאל זיין אין טאג ארדנונג. נישט געלאזט אז פראגן זאלן אפגעלייגט ווערן. געמאכט פארוואורפן, געהאט פרעטענזיעס, געסטראשעט אז ער וועט גאר נישט טאן און... בא יעדער פראקטישער ארבעט איז שלוימקע דער ערשטער, דער טעטיקסטער.

* * *

שלוימקע האָט פאַר זיך אַליין גאַרנישט עקזיסטירט. צו קיינעם ניט געהערט. זיין לעבן האָט ער אוועקגעגעבן דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט פון היינט און פון מאָרגן. ער איז געווען אַלעמענס זון; אַלעמענס ברודער; אַלעמענס געליבטער. בא שלוימקען האָט ניט עקזיסטירט קיין אונטערשיד פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און פּריוואַטן לעבן. עס איז נאָר דאָ איין לעבן וואָס נעמט אַלץ אַרום.

* * *

שלוימקע איז געווען דער ערשטער אויף צו „דערשמעקן" אַלע נייעס פון שטאָט. אַזוי האָט ער אויך דערשמעקט דעם פּאָגראָם פון צענטן יאָר אויף די אַרבעטער אינסטיטוציעס, אין טאָג ווען ער האָט זיך געגרייט. יענעם אָוונט איידער מ'האָט נאָך געעפנט די לאָקאַלן האָט שלוימקע זיך שוין געדרייט אין אויפגעבלאָזענער אין שמאָלן לאַ פּאַז געסל און געוואָרפן אויגן אויף יעדן פאַרבייגייער.

אַז מ'האָט געעפנט די לאָקאַלן און ס'האָבן אָנגעהויבן אָנקומען חברים, לערער און גלאַט מענטשן, האָט שלוימקע אָוועקגערופן די טורניסטן און זיי איינגערוימט.

— עס וועט זיין אַן איבערפאַל!

— ווער? וואָס? פון וואַנעט ווייסטו?

— וואָס פרעגט איר! מ'זשאַגט אייך ס'וועט זיין אַן איבערפאַל... פאַר־טיקט אויף די זייטיקע מענטשן! הייסט זיי גיין!

שלוימקע האָט זיך באַלד א נעם געטון צו באַוואָרענען די וויכטיקסטע זאַכן: די פאָן, דעם רעגיסטער פון די מיטגלידער, דעם שטעמפּל, די פּראָ־טאָקאָלן, וואָס ער האָט אוועקגעטראָגן צו א פאַמיליע. ווען ער האָט נאָר געטראָפן אין גאַס: נאָענטע חברים פון אַנדערע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַ־ציעס האָט ער געוואָרנט אַרויסצונעמען פון די לאָקאַלן דאָס וויכטיקסטע. עס וועט זיין אַן איבערפאַל! די שטימונג אין גאַס איז געוואָרן געדריקטער פון מינוט צו מינוט, ווי פאַר א שטורם. ווען ער האָט צוריקגעשפּאַנט צום לאָ־

קאל, האבן די ציימונג פארקויפער שוין אויסגעשריען די דערקלערונג פון קריגס צושטאנד.

— סוין סליסן! — האָט שלוימקע א באַפעל געטון און גענומען אונטער־טרייבן און ארויסשטופן אלעמען.

שלוימקע האָט געוואוסט אז שטעלן א ווידערשטאנד איז אוממעגלעך. דער פאגראם ווערט געמאכט אונטער דער שוץ און מיט דער הילף פון דער פאליציי. די חברים זיינען ווינציק, נים גרייט און נים באוואפנט צו א ווידער שטאנד. האט שלוימקע אלעמען אוועקגעטריבן, נאר אליין איז ער נים אפ־געטראטן.

— גייט, איך קום באלד אונטער... איך וועל דא א ווײַלע זיך ארומ־דרייען אוועקצושיקן די חברים וואס וועלן אנקומען.

— וועלן מיר בלייבן מיט דיר.

— איך דארף אייך אף אן אנדערשמאָל. ס'איז אייך ווינציק אז איי־נער זאל ארײַנפאלן? טראגט זיך אפ!

* * *

נאכן פאגראם האט שלוימקע זיך ארײַנגעווארפן אין דער ארבעט צוריק אויפצובויען דאס צושטערטע. ווער האט דען געוואוסט, אז האלב פון זיין ארבעטסלוין איז ארײַנגעטון געווארן אין דער דאזיקער ווידעראויפ־בויונג? האט מען ארויסגעלאזט זאמל ליסטעס, האט שלוימקע געהאלטן אין איין פאדערן נאך א ליסטע, וועלכע ער פלעגט אנפילן מיט נעמען און סו־מען און טאקי אליין באצאלט פאר זיי, און ווען ס'איז שוין געווען כמעט אלץ צוריק אויפגעבויט: די טויזנטער ביכער האבן פריידיק ארויסגעקוקט פון די ברייטע שאפעס. די פארטרעטן פון די סאציאליסטישע גייסטער און פון די שאפער פון דער אידישער און רוסישער ליטעראטור האָבן ווידער אראפגעשיינט פון די ווענט און דאס באנייטע געזעלשאפטלעכע לעבן האט געזונגען א ליד צו דער שאפונגס פעאיקייט פון אידישן ארבעטער —

— איז שלוימקע געפאלן א קרבן פון דער ארבעט. ער איז אראפּגעפאלן פון א רעשטאָוואַניע און דערהארגעט געווארן.

דער יונגער בוים, וועלכן עס האָבן פארפלאנצט די פּיאָנערן פון דער אידישער פּראָלעטארישער קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט, האט א ציטער געטון — נאך א בלעטל געפאלן. א טיפער צער האָט זיך צוטראָגן איבער דער אידישער ארבעטער גאס. איז דאך שלוימקע געווען אלעמענס באליבטער; איז דאך זיין פארמעגן געווען אזוינס וואָס געפינט זיך אזוי ווינציק אין דער וועלט און וואס רופט ניט ארויס בא קיינעם קיין קנאה, קיין שנאה; און ער האט דאך זיין פארמעגן, שוין אין זיין יונגער בליונג צייט, אוועקגעגעבן דעם אידעאל, דער ארבעטער משפּחה, די חברים, די פריינט.

שלוימקעס קערפּער האט מען געברענגט אין „אוואנגארד", וואס איז געווען זיין היים. א בארג בלומען איז אויסגעוואקסן ארום זיין קאסטן, פון וועלכן ס'האָט נאָר ארויסגעקוקט שלוימקעס פּנים, אן אויפגעבלאזנס, מיט אויגן וואָס האָבן זיך באהאלטן אונטער זיינע אויגן לעפלעך, ווי דאָס איז געווען זיין געוואוינהייט, ווען ער איז פון עפּעס עמאציאנירט אדער אויפגעטראגן געווארן. עס האט אויסגעוויזן ווי עס פארדריסט אים דער אקצידענט בא דער ארבעט. עס איז אים א שאד וואס די ארגאניזאציע און די חברים פארלירן א חבר... און אין דער זעלבער צייט קאן ער ניט קוקן וואס די חברים און חבר'טעם פון זיין ארגאניזאציע און פון אנדערע גיבן אים אָפּ אזוי פיל כבוד; שטייען ארום אים מיט צוגעדריקטע הערצער, מיט איינגעהאלטענעם אטעם און שלינגען די טרערן אין זיך, האט ער זיך געשעמט און באהאלטן זיינע אויגן...

און א גאנצע נאכט און א האלבן טאג האָבן אלץ געשטראמט מענטשן צום לעצטן מאָל נאָך א קוק טון אף זייער געליבטן, אף דעם גוטן און טרייען און ערלעכן מענטש וואָס ליגט איצט אין קאסטן.

א גרויסע מאסע איז געקומען באגלייטן שלוימקען אין דער אייביקייט אריין. עס איז געווען אן ארבעטסטאג, אבער ווער, וואס האט געקענט שלוימקען, האָט אין יענעם טאָג געקאנט ארבעטן? און ווער האט שלוימקען ניט געקענט? די לויה איז געווען א גרויסע, אן איינדרוקספולע, דער קאסטן אין

וועלכן ס'האָט געדוט שלוימקעס קערפּער איז אייגעהילט געווען אין דער רויטער פאָן און איז געטראָגן געוואָרן אַף די אַקסלען פון צוועלף חברים — אַרבעטער, וואָס האָבן פון צייט צו צייט, אַפן לאַנגן וועג אָפּגעטראָטן דעם כבוד אַנדערע חברים. מענטשן אין דער גאַס, וואו די לויה האָט זיך פאַרביי געצויגן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איינגעגראָבן זייערע אויגן אין רויט-געהילטן קאַסטן, וואָס איז געשוועבט איבער דער גייענדער מענטשן-כוואַליע, האָבן אַראָפּגענומען די היטלען און האָבן געמורמלט צווישן זיך:

— א היילּיקער...

דער אַלטער

דער אַלטער

זעקס וואכן שוין אז די אידישע בעקער שטייען אין שטרייק. די שוואַ־כערע האָבן מער ניט געקאנט איבערטראגן דעם הונגער. זיינען זיי אוועק צו דער ארבעט. פאררעטער די חברים. גייען ארום די שטרייקער מיט אראפגע־לאזטע קעפּ, האפנונגסלאז, מיט כמארעס אין די אויגן: „וואס טוט מען"? אין שטוב פייפט די נויט. די קינדער שרייען פון הונגער. גיין ארבעטן אין אנדערע בעקערייען קאנען זיי ניט. גיין בעטן זיך בא די אידישע באלעבא־טים, וועלן זיי ווידער דארפן שלעפּן דעם יאָך פון צוועלף שעה באנאכטיקער ארבעט, זיבן טעג אין דער וואך און דערצו באהאנדלט ווערן ווי הינט.

מישע, וועלכער האָט אנגעפירט דעם שטרייק, האָט אריינגענומען זיין קאָפּ אין די הענט, ארויסגעשטעלט זיינע פייערדיקע אויגן, געשוויגן און געטראכט און דערנאך געזאגט:

— חברים, עס קאָן זיין אן אויסוועג: א קאָאָפּעראטיוו בעקעריי!

און מישע האט אנגעהויבן שילדערן פאר די בעקער ארבעטער די גוטס־קייט פון א קאָאָפּעראטיוו:

— מען וועט ארבעטן אכט שעה אין טאג און זעקס טעג אין וואך, און מען וועט ניט זיין אונטערוואָרפן א באלעבאס אן עקספּלאטאטער. אליין ארבעטן, אליין פארוואלטן מיט דערווירטשאפט און אליין געניסן די פרוכט פון דער ארבעט. מיט אונדז וועט זיין די סימפּאטיע פון אלע ארבעטער, פון די ברייטע מאסן...

בא אייניקע ארבעטער האבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן פאר פרייד.

— חברים! האָט מישע ווייטער גערעדט, איר מוזט אבער וויסן, אז א

קאָאָפּעראַטיוו איז ניט קיין שפּילכל, עס איז אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכע אונטערנעמונג. עס איז איינע פון די פּראַלעטאַרישע צוועקן. מיר וועלן דאַ זיין די ערשטע צו פאַרווירקלעכן דעם צוועק. אויב ווער עס האָט עפּעס קעגן — האָט ער דאָס וואָרט.

— וואָס קען מען האָבן קעגן — רופט זיך אָפּ איינער פון דער פאַר־זאַמלונג, דאָס איז דאָך פאַר אונדז אַ גליק־זאַך, אַ רעטונג.

— אָבער שטעלן אַ בעקעריי, דאַרף מען דאָך האָבן געלט, רופט זיך אָפּ אַ צווייטער פון דער פאַרזאַמלונג.

— מיר וועלן פאַרזעצן אונדזער ביסל אָרימקייט, רופט זיך אָפּ אַ דריטער.

— יאָ, חברים, רעדט ווייטער מישע, אַלע דאַרפן זיך אָנשטרענגען צו שאַפן דאָס נויטיקע. איר געפינט זיך אין אַ לאַגע, וואָס איר קענט ניט וואַרטן ביז עס וועט זיין גענוג מיטגלידער און געלט פון זיי. נאָרמאַל עפנט זיך אַ קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג מיט דעם געלט פון מיטגלידער. מיר מוזן צוערשט עפענען די בעקעריי, דערנאָך שאַפן די מיטגלידער און זייער אָפּצאָל.

און עס איז געבליבן, אַז אין עטלעכע טעג אַרום זאָל מען זיך צונויפ־קומען און זען צי עס איז דאָ מיט וואָס אָנצוהויבן.

* * *

זוכנדיק מיטלען, האָט מישע אויסגעפינען אַז דער באַלעבאָס פון מעכיקאַ 2070 האָט אויפגעשטעלט דאָס הויז פאַר דער בעקעריי פון דער קאָאָפּעראַטיוו „אַרבעטער היים“, איז אים איינגעפאַלן צו דערפרעגן זיך צו דעם דאָזיקן מענטש. האָט מישע גענומען לייזער דעם בעקער און זיי־נען אוועק אין דער „אַרבעטער היים“.

— וואָס זאָגט איר עפּעס גוטס?

— מיר ווילן אייך בעטן דעם נאָמען און אַדרעס פון הויז־באַלעבאָס.

— דאָס איז אוממעגלעך, מיר קאָנען אייך דאָס ניט זאָגן.

— אָבער צוואַנציק אַרבעטער משפּחות געפינען זיך אין אַ פאַר־

צווייפלטער לאגע. דער שטרייק איז א פארשפילטער. די ארבעטער זיינען געבליבן אפן גאס. דער איינציקער אויסוועג איז א קאאפעראטיוו בעקריי, וואס קען האבן דעם גרעסטן דערפאלג.

— צווישן אונדז זאל דאס בלייבן, גייט די בעקריי פון דער „אר־בעטער היים" זייער שלעכט. אלע טאג האבן מיר קריגערייען, געשלעגן סקאנדאלן און דער שלום דערפון איז — פארלוסט! דער בעקער עלעמענט איז ניט דערצויגן צו א קאאפעראטיווער ארבעט.

— בא אונדז וועט זיין אנדערש, בעסער.

דער כערענטע פון דער בעקריי „ארבעטער היים" איז צוגעגאנגען צום טעלעפאן. האט ארויסגערופן דעם פאבריקאנט פון א אייזנגיסעריי און אים געמאלדן, אז א דעלעגאציע פון אידישע ארבעטער וואס גייען מאכן א קאאפעראטיוו פון ברויט, וויל אים זען. ער האט געענטפערט אז אין א שעה ארום זאל מען זיך טרעפן אין קאפע „וויקטאריא".

פונקט צו דער באשטימטער מינוט קומט אריין אין קאפע „וויקטאריא" א גרייז גרויער זקן, נאר א פעסט געבויטער, א פול פנים מיט דיקע פאלדן. דער זקן וואס האט געמאכט דעם איינדרוק פון א הארעפאשניק, וואס רוט זיך אפ אף דער עלטער, האט באמערקט דאס טישל וואו עס זיינען געזעסן מישע, לייזער און דער שפאנישער חבר פון דער בעקריי „ארבעטער היים" און איז מיט שווערע טריט צוגעגאנגען. מען האט זיך באגריסט, באקענט און אף פרייער צו מאכן די שטימונג, וואס איז געווען אביסל אן אנגעצויגענע, האט דער אלטער א פרעג געטון אין שפאניש מיט א דייטשן אקצענט:

— נו ווי גייט עס אין דער בעקריי?

— גוט... האט געענטפערט דער שפאנישער חבר רויט ווערנדיק.

— די צוויי זאכן: גוט און שלעכט האבן קיין גרעניץ ניט... און אז מען זאגט „גוט" ווען עס איז שלעכט קומט אוים אז עס איז גוט שלעכט... — שמייכלט דער אלטער.

דער קעלנער האט צוגעטראגן קאווע. דער פרויען ארקעסטער האט אנ־

געהויבן א טייל פון „פאגליאטשי" צו וואס אלע האָבן א ווײַלע זיך צוגע־הערט, אבער ניט ווארטנדיק ביז דער ארקעסטער וועט ענדיקן, רופט זיך אפּ דער אלטער, קוקנדיק צו מישען און צו לייזערן:

— וואס האבן עפּעס די פריינט צו דערציילן?

— מיר ווילן דערציילן וועגן א איניציאטיוו צו שאפן א קאָאָפּעראטיוו פון אידישע ארבעטער, האָט מישע געזאגט מיט א קלאפּענדיק הארץ און שווער געאטעמט.

— זיינען דאָ א סאך אידישע ארבעטער אין בוענאָס איירעס?

— זיי זיינען דא אין די מאסן. זייער צאל פארמערט זיך מיט יעדן טאג.

— דורך איינוואנדערונג?

— יאָ.

— פון וואנען קומען זיי?

— פון רוסלאנד, פון פוילן, פון גאליציע.

— עס איז דאס ערשטע מאל אז איך רעד מיט אידישע ארבעטער. פאר מיין צייט זיינען זיי אין דייטשלאנד ניט געווען. עס זיינען געווען באנקירן, סוחרים, דאקטוירים, שריפטשטעלער, נאר ארבעטער נישט. האבן די אידישע ארבעטער דא א געזעלשאפטלעך לעבן?

— זיי האבן פאליטישע ארגאניזאציעס, קולטורעלע, פראפעסיאנעלע.

דער אלטער האט זיך א ווײַלע איינגעהערט אין די אקארדן פון פרויען אָרקעסטער און דערנאך געזאגט:

— איך בין א קאפּיטאליסט, מיינע אינטערעסן זיינען אין קעגנזאץ צו אייערע. עס האָט זיך אבער באהאלטן אין מיר א פונק פון יענער צייט, ווען איך בין געווען אן ארבעטער און האָב געפילט אף מיין רוקן דעם קאפּיטא־ליסטישן יאָך און געשטאנען אין די קעמפנדע רייען פאר דער באפרייאונג פון ארבעטער קלאס.

מישע האט דערפילט ווי עס וואקסט אים דאס הארץ פאר פרייד. בא לייזערן אפן פנים האט זיך צוגאסן א ליכטיקייט.

— ווען ביסמארק האט דורכגעפירט זיין אנטיסאציאליסטן געזעץ —

האט דער אלטער ווייטער דערציילט — האב איך אויך געמוזט נעמען דאס פּעקל אפן אקסל און בין געגאנגען קיין בעלגיע. האב זיך דארט געשטעלט ארבעטן אלס מעכאניק און דאס ערשטע וואס האט מיך דערפרייט אין דער פרעמד איז געווען די ברוסעלער ארבעטער קאָאָפּעראטיוו.

דאס איז געווען ווען די קאָאָפּעראטיוו האט זיך אנגעהויבן שאפן. איך האב זיך געפילט גליקלעך צו זיין איינער פון אירע הונדערטער בויער. עס האבן ניט געפעלט קיין שוועריקייטן. די קאטוילישע רעגירונג און די פרומע באלעבאטים האבן אנגעווארפן שטיינער, אבער מיר מיט אונזערע שטארקע ארעמס האבן די שטיינער אוועקגעשליידערט, און מיר האבן געבויט אונזער זאך מיט פרייד, מיט באגייסטערונג.

און אזוי איז אויפגעבויט געווארן א ריזיקע זאך מיט אן אייגענער ארדנונג, אייגענער עקאנאמיע, אייגענער פּאליטיק, אייגענער קולטור — א גאנצע פּראלעטארישע רעפּובליק.

דער אלטער האט נאך לאנג גערעדט מיט בענקשאפט און באגייסטערונג פון יענער פּרוכטבארער קאָאָפּעראטיווער ארבעט. דערנאך האט ער געזאגט:

ס'איז געווען א שטיק אוואנטורע מיין פארן אין ארגענטינע. איך האָב זיך פארגעשטעלט אז אין ארגענטינע, וואו קיין קאפּיטאליזם איז נאך ניט אנטוויקלט; וואו קיין איינגעווארצלטע רעאקציאָנערע טראדיציעס און פאר־אורטיילן זיינען ניטא; וואו מען לעבט נאך אין רעוואלוציאנערע קינדער יארן, וועלן זיין נאך בעסערע מעגליכקייטן פאר דער רעאליזירונג פון מיינע קאָאָ־פּעראטיוויסטישע פאנטאזיעס. וואס האָבן זיך בא מיר געהאט צושפּילט און האב געזען אין דער קאָאָפּעראטיוו דעם בעסטן און שענסטן וועג צום סאציאליזם.

אבער וואס האָט זיך אויסגעלאזט פון מיינע פאנטאזיעס? איך בין אריין ווי אין א וויסטעניש. ניט געטראפן אפילו קיין איין מענטש פאר וועמען ארויסצורעדן דעם געדאנק וועגן א קאָאָפּעראטיוו. האָב איך גע־נומען א ביקס אפן אקסל און בין אוועק זוכן מיין אייגענע עקזיסטענץ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די זיבן שלאַנקע פּרויען פון אָרקעסטער, אַלע אין גרינע פאַנטאַזיע קליידער, האָבן זיך גענומען צו זייערע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן און אָנגעהויבן שפּילן „אַאידאַ", דער אַלטער האָט זיך אַ ווײַלע צוגעהערט צו דער זיסער מוזיק. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטון אָפן וואַנט זייגער. באַמערקט אַז ס'איז שוין צײַט צו גיין און אַ פרעג געטון:

— מיט וואָס קען איך אײַך דינען? וואָס האָט איר שוין געטון פאַר אײַער קאָאָפּעראַטיוו?

— מיר האָבן פאַרשריבן מיטגלידער, קאָנסומענטן, האָבן אויפגעזוכט אַ גוט אײַנגעאָרדענטע בעקערײַ, וועלכע מען וויל אונדז אָפּטרעטן און מען קאָן זיך אין איר שוין שטעלן אַרבעטן; מיר האָבן זיך שוין געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט סוחרים פון מעל און הייץ מאַטעריאַלן, די שטרײַיקער האָבן פאַרזעצט אַלץ וואָס מען האָט בא זיי געוואָלט נעמען און צונויפגעשלאָגן פּופצן הונדערטער...

— איז וואָס פעלט אײַך נאָך?

— עס פעלט דרײַ טויזנט פּעזעס, האָט מישע אַרויסגערעדט מיט אַלע כחות און רויט געוואָרן.

— עס פעלט אויך אויס אַ גאַראַנטיע אויף אויסצאָלן די בעקערײַ, האָט לייזער צוגעגעבן געוואָגט.

— ווילן מיר בא אײַך באָרגן די סומע.

— וויפל באַטרעפט די בעקערײַ?

— זעקס טויזנט!

דער אַלטער האָט אַרויסגענומען דרײַ טויזנטער, זיי דערלאַנגט מישען בא וועמען די אויגן זענען שיר פון קאָפּ ניט אַרויסגעשפּרונגען, און דער אַלטער האָט צוגעגעבן:

— שיקט מיר צו דעם באַלעבאָס פון דער בעקערײַ וועגן דער גאַראַנטיע און... לאָמיר זען וואָס איר וועט אויפטון. פאַרגעסט ניט, אַז דער עיקר איז האַרמאָנישע אַרבעט, סאָלידאַרישקייט.

באַם געזעגענען זיך האָט דער אַלטער אָנגעזאָגט אין ערגעץ ניט דערמאָנען זײַן נאָמען.

מישע מיט לייזערן האָבן ניט געפילט די ערד אונטער זיך. עס איז בא זיי פליגלען אנגעוואקסן...

— לייזער, גיב נאר א טאפּ! עס ליגט טאקע דריי טויזנט אין קעשענע, אדער איך חלום...

— דריי שטיק ווי גוט געבאקענע ברויטן. מיר וועלן די יאטן מאכן א סורפריז!

אז מישע מיט לייזערן זיינען אריינגעקומען אין בעקער - פאריין, זיינען אלע געזעסן פארטרויערט און פארטרערט. לעקעך גייט צו צום טיש און שיט אויס פופצן הונדערטער.

— אָט דאָס איז דאָ, מער ניט. געריסן פון טויטע און לעבעדיקע, מער ניט געקאָנט צונויפנעמען. וואס קאָן מען מיט דעם מאכן? גארניט!

— כא, כא, כא! שיסן ארויס מיט א געלעכטער מישע מיט לייזערן און לייגן ארויס דעם „חלום" אויפן טיש.

אלע בלייבן מיט פארשטארטע אויגן און אפענע מיילער:

— וואס טוט זיך דא!

— דריי טויזענטער! אמתדיקע דריי טויזנטער!

— ווי אזוי? פון וועמען?

— געבארגט בא אן אלטן דייטש, ווען מיר זאלן גלויבן אין גאט, וואלט מען געקאנט זאגן, אז גאט האט אים צוגעשיקט. דער „אלטער" גיט אויך די גאראנטיע.

— אי, גוט!

— עס זאל לעבן די קאָאָפּעראטיוו!

און די יונגערע בעקער האָבן זיך צעטאנצט.

עס איז באלד באשטימט געווארן א קוואדריזשע*) צו דער ארבעט און די איבעריקע פארן רעפארט**).

אין עטלעכע טעג ארום האָט די אידישע גאס געקלונגען מיטן קאָאָ־פּעראטיוון ברויט, וואס האט געהאט א פולע וואג, און געווען געשמאק, שיין

---

*) בעקעריי פערסאנאל

**) צוטראגן דעם פראדוקט צו די קאנסומענטן

און ביליק. די פאדערונג אַף דעם ברויט איז געוואקסן מיט אזא שנעלקייט אז מיט וויפל מער מען האָט געבאקן יעדן טאג איז עס אלץ געווען ווינציק.

אין זעקס וואכן ארום האט דער „אלטער" גערופן מישען, וועלכער איז געווארן כערענט***) פון דער קאאפעראטיוו. צו דער באשטימטער צייט האבן מיר זיך געטראפן אין קאַפע „וויקטאריא". דער אלטער האט שוין גע־ווארט.

— נו, ווי גייט עס? האָט דער אלטער געעפנט דעם שמועס.

— אויסגעצייכנט! מער ווי מען האט זיך געקענט פארשטעלן, אומע־טום ווערט געבעטן דאָס קאאפעראטיווע ברויט, מיר קאנען גארניט נאכקומען די פאדערונגען. די רעסטאראטארס בעטן אונדזער ברויט, אז ניט פארלירן זיי די קליענטן, דאס זעלבע די קרעמער. פון די ארבעטער משפחות איז שוין אפגערעדט. א כאראקטעריסטישער פאקט: אן ארבעטער קומט א היים אַף מיטיק און דערזעט אפן טיש נישט קיין קאָאָפעראטיווע ברויט. נעמט ער דאס ברויט און ווארפט עס ארויס. פארענטפערט זיך זיין ווייב, אז אונדזער רעפארטירער האט איר ניט געברענגט קיין ברויט. מען האט דאס בא אים צוכאפט איידער ער איז צוגעקומען צום הויז. שרייט דער מאן: איך וויל פון גארנישט וויסן. אז נישט קאָאָפעראטיוון ברויט, וויל איך אינגאנצן קיין ברויט ניט!

— דאס איז זייער שיין, שמייכלט דער אלטער מיט ליכטיקע אויגן און פרעגט:

— פארוואס פראדוצירט איר ניט אזוי פיל וויפיל עס פאדערט זיך?

— דערצו וואלט מען באדארפט פארדאפלען און אפילו פארדרייפאכן דעם פערזאנאל און מען וואלט געדארפט ארויסשיקן כאטש א האלב טוץ „כארדינעראס",****) ענטפערט מישע פאליטיש און איז דערמיט אויסן צוויי

***) הויפט פארוואלטער

****) ברויט־וועגעלעך פארן רעפארט

זאכן: ווייזן די גוטע פערספעקטיוון פון דער קאאפעראטיוו און געבן אנצו־הערן דעם אלטן, אז מען קאן אים נאך ניט אומקערן דעם חוב.

— איז וויפיל דארפן קאסטן די „כארדינעראס"? טוט א פרעג דער אלטער.

— זעקס פערד און זעקס וועגלאך, קאָן מען קריגן פאר פיר טויזנט פעזעס...

דער אלטער שטעלט זיך אויף און זאגט:

— איר וועט דא צוואווארטן א ווײַלע, איך גיי נאר דא אריין אין באנק און קום באלד צוריק.

אז מיר זיינען געבליבן אליין, זאגט מיר מישע:

— מיר דאכט זיך אז ליידיק וועלן מיר ניט אוועק.

— וואס דיר קען איינפאלן!!

עס קומט צוריק אריין דער אלטער, זעצט זיך. נעמט ארויס פיר טויזנ־טער, דערלאנגט זיי מיר אלס פארזיצער פון דער קאאפעראטיוו.

— אבער מיר האבן דאך אייך ניט אפגעגעבן דעם אלטן חוב, זאג איך פארשעמט.

— זאל אייך דאס ניט קימערן. פארזארגט דער קאאפעראטיוו מיט אלץ וואס זי נויטיקט זיך. די ארבעטער האבן פארזעצט זייערע בעבעכעס, זעט זיי אפצוגעבן דאס געלט און זאלן זיי אויסלייזן זייערע זאכן.

דערנאך איז אוועק א שמועס וועגן פארשידענע געזעלשאפטלעכע פראגן ביז מען האָט זיך אפגעשטעלט אף צוויי באדערפענישן פאר דער היגער אידישער ארבעטערשאפט: א פאריינען הויז און א טעגלעכע צייטונג.

עס איז פונקט געווען אין יענעם מאמענט ווען דער „אמבו" טעאטער, וואס איז פון אידן אויפגעבויט געווארן פאר א שול־סאלאן, האט געטראגן אף זיך א רויטן לייוונט מיט א ווייסער אויפשריפט: „עס פארקויפט זיך".

— איך בין נעכטן פארבייגעגאנגען, באמערקט דער אלטער, און עס איז מיר איינגעפאלן, אז דאס וואלט געווען א פאסנדע זאך פאר א פאריינען הויז, נאר באלד האט זיך מיר געשטעלט מעביקא 2070 פאר די אויגן, דאס הויז איז שרעקלעך פארנאכלעסיגט, האט עס מיר אפגעשלאגן

דעם חשק. נאר זאָל אייער קאָאָפּעראַטיוו געבן א פּריילעכן רעזולטאַט, וועלן נאך היינטיקס יאר קאנען זיצן די אידישע אַרבעטער ארגאניזאציעס קאָנצענטרירט און האבן אן אייגענעם סאלאן פאר טעאטער, מיטינגען; אין דעם פאריינען הויז וועט קאנען אייגעאָרדענט ווערן א גרויסע ביב־ליאָטעק, א קלוב, שולן, א פאלקס אוניווערזיטעט...

— דאס וואלט געווען א אמתדיקע היים פארן אידישן ארבעטער, האבן מיר צוגעגעבן באגייסטערט.

— דאס אַלץ וועט קאנען איינגעאָרדענט ווערן אף קאאפּעראַטיווע יסודות, האָט דער אלטער פארגעזעצט, אַלץ וואס האָט צו טון מיט עקאָ־נאמיע, ווירטשאפטליכקייט און קולטור ווערט פאראייניקט אין דער קאָא־פּעראַטיוו, וואס איז ניט פארטייאיש און שטויסט ניט אוועק פון זיך קיין פראָלעטארישע פארטיי גרופּע. די קאאפּעראטיווע אונטערנעמונגען וועלן אזוי זיך אויסברייטערן, פארמערן. שווערער איז איצט צו אנטשיידן די פראגע וועגן א צייטונג, וואס דארף האָבן א ליניע, א ריכטונג, א פּראָגראם.

— די קאאפּעראטיווע, ווען זי וועט ארוים אפן ברייטן שליאך פון איר אנטוויקלונג, וועט אפשר יאָ קאנען צונויפנעמען באַ יעדן די פונקטן וואָס פאראייניקן און פון זיי אויסשטעלן די ליניע, די ריכטונג און דאס פּראגראם פון דער צייטונג — זאָג איך כדי עפּעס צו זאָגן...

דער ארקעסטער האט געענדיקט דעם טריאומף מארש פון „אאידא“. די קאפּע אטעמט אפּ. מיר דריקן די מאסיווע האנט פון אלטן, ער גייט צו זיין פאבריק. מיר — צו דער קאָאָפּעראַטיוו.

אין זיבן טעג ארום פליען איבער די גאסן זעקס „באַרדינעראס“ מיט דער ליכטיקער אויפשריפט: „בעקעריי פון דער אידישער ארבעטער קאאפּע־ראַטיוו“.

* * *

אין צוויי חדשים ארום האָבן זיך פארמאכט די ערשטע פריוואטע בע־קערייען. די אנדערע, די גרעסערע, ראנגלען זיך נאָך. זיי ווארפן זייער גאנצן

אנגעזאמעלטן קאפּיטאל אין קאמף מיט דער קאאָפּעראַטיוו, וועלכע באַשעפּטיק שוין פערציק מענטשן.

אפן פינפטן חודש גייט ארויס א מוניציפּאלע אָרדענאנץ צו ארבעטן מיט מאַשינען. די לאַגע איז געוואָרן געדריקט. מען דאַרף צאָלן אַבליגאציעס פאר די געעפנטע קרעדיטן און דאַ דאַרף מען נייע זעקס טויזנט פּעזאָס אף מאַשינען. מען קען זיי קריגן אף פּופציק פּראָצענט קרעדיט נאָר מיט א גוטע גאַראַנטיע. ס'איז דאָ איין איינציקער אויסוועג:

— „דער אַלטער"...

* * *

עס ווילט זיך טאַקע זייער טרעפן מיט אים. איז דאָך אַזאַ פאַרגעניגן צו פאַרווײַלן מיט א מענטשן, וואָס האָט אַלע מעגליכקייטן צו בלאָזן זיך און איז דאָך אַזוי באַשיידן; וואָס האָט אַלע מעגליכקייטן צו טון שלעכטס און טוט דאָך גוטס, נאָר זיין אויפריכטיקע, כמעט נאַאיווע, אידעאַליסטישע באַציונג צו אונדזער זאַך פּלאָגט אונדזער געוויסן. עס דאַכט זיך אונדז אַז מיר באַשווינדלען אים. מיר מיסברויכן מיט זיין גוטס. מיר זאָגן אים ניט דעם גאַנצן אמת. מיר באַהאַלטן פאַר אים דעם סאַבאָטאַזש וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַרײַנגאַנוועגען אין דער קאאָפּעראַטיוו. ווילט זיך ניט גיין צו אים און עס ווילט זיך ניט טאַקע דערפאַר, ווייל מיר ווייסן שוין, אַז מיט ליידיקע הענט וועלן מיר פון אים ניט אוועקגיין. אַבער די קאָלעקטיווע זאַך באַפעלט אונדז: „גייט!"

— מיר ווילן אייך בעטן אַנטשולדיקונג, וואָס מיר האָבן אייך ניט געקענט ברענגען כאָטש א טייל פונם חוב — הויב איך אָן פאַרשעמט, קוקנדיק מיט אנשטרענגונג אפן בראָנזענעם פּנים פונם אַלטן, וואָס זיצט קעגנאיבער מיר באַם קאַפע טישל.

— איך האָב אייך שוין געזאגט, אז מיין חוב לאזט צום לעצט, ענטפערט דער אלטער און זאגט: איך ווייס, אז די פּראדוקציע פון אייער קאאפּעראטיוו וואקסט. איך בין דורכגעגאנגען דעם אידישן געגנט און האָב דאָס געזען און נחת געהאט. איך וויל נאר וויסן: זיינען די ארבעטער צופרידן? הערשט האר־מאניע און איבערגעבענהייט בא דער ארבעט?

— יאָ... רופט זיך אָפּ מיין חבר און ווערט רויט.

— דאס איז דער עיקר.

— דאָך, זאג איך, איז די לאגע נישט אזוי פרייליך... מיר האָבן ניט געוואלט שטערן אייער נחת אבער מיר מוזן אייך זאגן, אז מיר שטייען פאר א געפאר!

— וואס פאר א געפאר!

— איר האָט דאך אוואדע געהערט פון דער מוניציפּאלער אָרדענאנץ. עס ווערט פארבאטן די ארבעט אָן מאשינען צו מאכען דאס טייג. מען דארף מאכן א אויסגאבע פון נייע זעקס טויזנט פעזאס. דריי פון זיי דארף מען באלד איינצאלן און פאר די אויסצאלונגען פון די אנדערע דריי, פאדערט מען א גוטע גאראנטיע...

— וואס רעדט איר! — לאכט הארציק דער אלטער — מאשינען, דאס איז דאך קאפּיטאל, לעבעדיקער קאפּיטאל. א פאקטאר פון רייכטום, עקאנא־מיע און פּראָדוקטיוויטעט.

ער האט ארויסגענומען דריי טויזנטער און צוגעגעבן:

— נאָך דער גאראנטיע שיקט מיר צו דעם סוחר. ווען די מאשינען וועלן פונקציאנירן וועט איר מיר דערלויבן צו קומען א קוק טון. אבער נאר איר אליין זאלט וויסן פון מיין וויזיט.

אין א טאג נעמען מיר א פּאר ברויט פון דער קאאפּעראטיוו בעקעריי — א מתנה דעם אלטן. דאס מאל זיינען מיר אוועק צו אים אהיים. ער האט געוואוינט אין א פּאלאַץ אף איינע פון די שענסטע גאסן פון פלארעס. דער פּאלאַץ אין גאטישן סטיל האָט זיך ארויסגעהויבן אין מיטן פון א

גרויסן באבלומטן גארטן וואס האָט געאטעמט מיט פארפום. א שווייצאר האט אונדז געעפנט דעם שווערן אייזערנעם טויער. דער אלטער איז אונדז ניט אנטקעגן געקומען, כדי אונדזער וויזיט זאל ניט זיין אויפפאלנד פאר זיין הויזגעזונט. ער האָט אף אונדז געווארט אין זיין אויפנאם קאבינעט און נעבן אים איז געזעסן זיין גוטמוטיקע און סימפאטישע פרוי, פאר וועמען ער האָט אונדז פארגעשטעלט.

— דאָס זיינען די הערן פון דער אידישער ארבעטער קאאפעראטיוו.

מיר האָבן איר דערלאנגט דאָס ברויט, וואס זי האָט צוגענומען צום הארץ און מיט א פריידיק פנים באדאנקט פאר דער גרויסער מתנה. זי האט דאס ברויט ארויפגעלייגט אף א זילבערנער טאץ און עס צוגעטראָגן דעם אלטן. זיין פנים האט אנגעהויבן לויכטן:

— וואָס פאר א שיינער געשמאקער ברויט!

עס האט זיך פארבונדן א שמועס וועגן דער גלענצנדיקער צוקונפט פון דער קאאפעראטיוו, וואס האט אונדז אנגעטרונקען מיט האפנונג, אזוי איז דאס געווען שטענדיק: אז מיר זיינען ארויס פון דער קאאפעראטיווע בעקע־ריי, וואו עס האָט געפעלט הארמאניע, חברליכקייט, געפיל און באוואוסט־זיין פאר דער קאלעקטיווער זאך; וואו עס האָט אנשטאט דעם זיך געשפירט א פארבארגענער סאבאטאזש, וואס איז געטון געווארן דורך איבערגעקויפטע עלעמענטן פון די באלעבאטים און וואו די אויסגאבן זיינען געוואקסן אין אן אומגעהויערער גרעסערער פראפארץ פון די איינקונפטן, האבן מיר געטראגן אין זיך פעסימיזם, מוטלאזיקייט, אונטערגאנג. נאר אונדזער שטימונג האט זיך באלד געענדערט ווען מיר זיינען געוועזן מיטן אלטן. ער האט אונדזער געמיט דערהויבן, ער האָט אונדז באשיינט מיט לעבן, מיט גלויבן; ער האָט אונדז באטרונקען מיט האפנונג און מיר זיינען שטענדיק פון אים אוועק מונטער, אפטימיסטיש.

* * *

מיר זיינען געקומען אים נעמען אף א באזוך אין דער קאאפעראטיווע־בעקעריי, וואס האט שוין געארבעט מיט מאשינען, אזוי ווי עס האט געפא־דערט די ארדענאנץ.

אפן וועג זאגט ער אונדז:

— אין א פּאָר חדשים ארום מאך איך א רייזע קיין אייראָפּע. צום לעצטן מאל פילן פון דער נאענט דאס לעבן וואס האָט מיך געבוירן און דערצויגן; וואו איך האב געלאזט מיין יוגנט און מיין פּראלעטארישקייט; וואו איך האָב געליטן, געקעמפט פאר דער באפרייונג פון ארבעטער קלאס און וואו איך בין פארפאלגט געווארן; פיזישע פארפאלגונגען וואס האבן זיך פארוואנדלט אין א גייסטיקן געגנוס. איך וועל זיין אין דער ברוסעלער קאָאָ־פּעראטיוו און ברענגען איר פון אייער קאאפּעראטיוו א גרוס. עס איז דאס טייערסטע וואס איך פיר מיט זיך קיין אייראפּע.

* * *

מיר זיינען געקומען צום הויז פון דער קאָאָפּעראטיווער בעקעריי. אפן הויז האָט געהאנגען די כאראקטעריסטישע רויטע לייוונט מיט ווייסן אויפשריפט: „עס פארקויפט זיך".

אזוי ווי יעדן טאָג כמעט פלעגן קומען מענטשן אנקוקן דאס קאָאָפּערא־טיווע ווערק, האט א ניי פּנים ניט גערופן ספּעציעלע אויפמערקזאמקייט. אויסער געציילטע חברים האָט קיינער ניט געוואוסט אז „דער אלטער" איז דא אין דער בעקעריי.

דאס הויז האָט געהאט א ברייטן טויער אריינצופארן אין הויף, וועלכער האט פארנומען א לענג פון א האלבער קוואדרע*), צום גאס איז געווען די קלייט מאדערנע איינגעארדנט. די ווארימע ברויטן פון לעצטן אויוון האָבן אראָפּגעשיינט פון די פּאליצעס. פון קלייט האט אריינגעפירט א טיר אין קאנטאר און פון דאנען האט אריינגעפירט א טיר אינם צימער פון דירעקטאריום און זיצונגען פאר דער קאאפּעראטיווער קאמיסיע. פון די־רעקטאריום ביז דער בעקעריי, פון צוויי אויוונס, זיינען עטלעכע צימערן געווען פארנומען מיט דעפּאזיטן פון מעל און אנדערע פּרימא מאטעריאלן.

---

*) גאס־בלאק.

איין צימער איז געווען אפגעגעבן פאר דעם פערסאנאל פאר שמועסן און לייענען אין דער פרייער צייט. נאך א צימער איז אפגעגעבן געווארן דעם פערסאנאל אף איבערטון זיך. פון דעם גארדעראב צימער האט אריינגעפירט א טיר אין באד צימער פארן פערסאנאל אפצוטושן זיך נאך דער ארבעט און אף אפוואשן זיך פארן אריינגאנג צו דער ארבעט. די בעקעריי איז געווען א גרויסע, א באקוועמע מיט אלע מאדערנסטע איינריכטונגען און מאשינען. ארבעטער, בלויז אין די אונטערהויזן, נאקעט דער אויבערשטער טייל קערפער, מיט ווייסע היטעלעך אף די קעפ זיינען געשטאנען יעדער בא זיין טייל ארבעט און צוגעגרייט דעם ברויט צום אויוון, אין וועלכן עס האט געפלאקערט א פייער פון קעבראטשע*) נאך דער בעקעריי, אין דער טיף פון הויף איז געווען א גרויסער גאלפאן**) פאר דעפאזיטן פון האלץ צו הייצן די אויוונס, אלפא צום עסן פאר די פערד און כארדינעראס.

דער אלטער האט דאס אלץ באקוקט מיט גרוים פרייד און האט געהאלטן אין איין לויבן די קאאפעראטיווע ארבעט.

— קאן זיין אז איך וועל אין אייראפע פארווײלן א דריי פיר חדשים — רופט זיך אפ דער אלטער נאכדעם ווי ער האט אלץ געהאט באטראכט און אויסגעדריקט זיין צופרידנהייט. — ווען איך וועל צוריקקומען וועלן מיר זען צו שאפן דאס פאריינען־הויז פאר דער אידישער ארבעטערשאפט.

דער אלטער דערמאנט זיך אן דער שילד וואס הענגט אפן פראנט פון הייז און פרעגט:

— ווייסט איר ניט וויפיל דער אייגנטימער וויל פארן הויז?

עס ענטפערט מישע דער כערענט:

— נעכטן ערשט איז דא געווען דער אייגנטימער און געפרעגט צו די קאאפעראטיווע וואלט ניט געוואלט אפקויפן בא אים דאס הויז. ער מוז עס פארקויפן וואס שנעלער און דעריבער וויל ער עס אוועקגעבן אף א מינימום פרייז.

---

*) אזא הארטע האלץ.

**) שטאל־שפייכלער.

— וויפיל וויל ער?

— פופציק טויזנט...

— נישט מער, באמערקט דער אלטער און זאגט:

דאכט זיך אז איר צאלט מער פון צוויי הונדערט פעזאס דירה געלט?

— צוויי הונדערט זעכציק.

— דאס הייסט אז אין פיר און צוואנציק יאר קאנט איר אויסצאלן דאס הויז בלויז מיט דירה געלט...

איידער דער אלטער איז אוועקגעפארן האט ער דאס הויז געקויפט פאר דער קאאפעראטיוו.

דריי חדשים האט די פארוואלטונג פון דער קאאפעראטיוו זיך נאך געראנגלט מיטן סאבאטאזש, וואס האט געוואלטעוועט, וואס א טאג אלץ סקאנדאלישער. אפן פערטן חודש ווען דער אלטער איז צוריקגעקומען פון אייראפע איז די קאאפעראטיוו שוין געווען געשלאסן. באנקראטירט.

„דער אלטער" איז געשטארבן.

און שטענדיק ווען איך גיי פארביי דאס הויז אף ריווערא דערפיל איך אזא בענקשאפט, און עס שווימט ארויס פאר מיינע אויגן די ליבטיקע געשטאלט פון דעם יונגן זקן...

ליבטמאַן

ליכטמאַן

— זאָל דיך נישט אַרן: אַריינגיין צו ליכטמאַנען איז דען נישט דאָס זעלבע ווי אַריינגיין אין פאַריין?

— דאַרפסט מיר נישט דערציילן קיין מעשות. כ'ווייס דאָס פריער פאַר דיר, אָבער אַז ס'איז דאָ אַ פאַריין דאַרף מען גיין אין פאַריין.

— ווער זאָגט דען אַנדערש? איך זאָג נאָר אַז טאָמער טרעפן מיר נישט אין פאַריין ליכטמאַנען, זיינען מיר דאָרט שטום און טויב און בלינד. און דאָ מוזן מיר שוין היינט וויסן וואָס צו טון. דער באַלעבאָס האָט אָפּגעזאָגט אַן אַרבעטער פאַרוואָס ער האָט געזאָגט: געננוג זיך אויסגענוצט מיט די „גרינע“, וואָס ער האָט גענומען באַ דער שיף. ער האָט עס געזאָגט ווייל ער איז געווען דרייסטער; ער האָט געזאָגט דאָס וואָס מיר האָבן גע־דענקט און געוואָלט. פאַרוואָס זאָלן מיר בלייבן אַרבעטן? מיר מוזן באַלד אינדערפרי, איידער מיר שטעלן זיך אַרבעטן, אַרויסשטעלן די פאָדערונג עס זאָל צוריק אַריינגיין אַרבעטן דער אָפּגעזאָגטער חבר און טאַקע אויך פאָדערן אַ לוין־העכערונג. שוין צייט. אָבער עס איז בעסער אַז ליכטמאַן זאָל זיין דערביי. ער קאָן זיי, די אידישע באַלעבאָטים, דורך און דורך. ער ווייס ווי אַזוי זיי צוצושטעלן צום וואַנט.

אַזוי האָבן צוויי אידישע שניידער אַרבעטער גערעדט, גייענדיק אין גאַס און זיינען אַזוי אַריין צו ליכטמאַנען אין שטוב.

ליכטמאַנען האָבן זיי נישט געטראָפן. זיין פרוי, וועלכע איז נישט לאַנג געקומען פון רוסלאַנד, האָט געגרייט צום טיש.

— איז דאָ דער חבר ליכטמאַן?

— ער דאַרף באַלד אַריינקומען. איז געגאַנגען אויפזוכן „לאַסאַלן". ס'פעלט אים אויס „אוואַנגאַרדן" פאַר „זיינע" קאַראַלאַנען. ער מוז היינט באַזאָרגן קוזשע פערצן ניינצן.*

* * *

ליכטמאַן האָט אויפגעזוכט „לאַסאַלן" מיט אַ פּאַק „אוואַנגאַרדן" אין קינע קאַפע אין קאַריענטעס.

— גיב אַ מאַה „אוואַנגאַרדן".

— כ'האָב דיך קוים דערלעבט! און איך מיט וואָס וועל בלייבן?

— מיינע קאַראַלאַנען זיינען טויזנט מאָל וויכטיגער פון דיינע קינע־קאַפעען. קיין איין בורזשוי וואוינט נישט אין זיי.

— ס'וועט דיר גאָרנישט העלפן. מער ווי פופציק גיב איך דיר נישט.

ליכטמאַן האָט גענומען די פופציק „אוואַנגאַרדן", איז באַלד אוועק מיט זיי אויף קוזשאַ פערצן ניינצן. איינגעטיילט זיי דאָרט אַלע שכנים. ווער עס האָט באַצאָלט און פאַר וועמען ליכטמאַנען איז אויסגעקומען צו באַצאָלן.

פון קאַראַלאַן איז ליכטמאַן איבערגעלאָפן די צוועלף קוואַדרעס ביז אויף מעביקאַ אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, וואו ער האָט באַשטימט זיך טרעפן מיט וואַקסמאַנס אַרבעטער, כדי אויסצואַרבעטן מיט זיי פאָדערונ־גען פאַר זייער באַלעבאָס.

ס'איז אוועק אַ שעה, צוויי, דריי, ס'איז שוין עלף דער זייגער באַ־נאַכט. דער פרוי קלעפּן זיך שוין די אויגן און ליכטמאַן איז אַלץ נישטאָ. די צוויי שניידער אַרבעטער זיינען אוועק אין פאַריין.

אַ סקעלעט פון שמאָלע און לויזע ביינער איבערגעצויגן מיט אַ וויים־בלויליכער הויט, ערטערווייז אויסגעפּילט מיט ווייכע מוסקולן, דורכגע־פלאָכטן מיט געדיכטע נערוון און אָדערן. אַ געקאָרבטער שטערן, ברילן וואָס

---

*) דער נומער פון אַ געוועזענעם באַרימטן קאַראַלאַ.

האלטן זיך לויז אױף דער נאז, א האלדז וואס שטעקט אין א שטענדיק צו גרויסן קאָלנער. א האנט וואס קאן צוקוועטשט ווערן בא א שטארקן דרוק. א הארץ אן גיפט, אן כעס. אויגן מילדע. אויפריכטיק ביזן מארך פון די ביי־נער. א ביסל א צוטראגענער. מיינט אלץ אז ער איז יענעם עפּעס שולדיק. ליבט באגייסטערונג און ווערט באגייסטערט פון יעדע קלייניקייט אפילו— דאָס איז ליכטמאן.

זיין פּריוואט לעבן איז אים א נעבן זאך, א מין אפּקומעניש. די הויפּט זאך בא אים איז דאס געזעלשאפטלעכע לעבן, זיין אידעישע ארגאניזאציע, זיין פּראפעסיאנעלער פאריין, דער ארבעטער קאמף, ווייל דאס איז א קאמף פאר גערעכטיקייט.

רופט אים איינמאל צו דער באלעבאס און זאגט צו אים אזוי:

אונדזערע אינטערעסן זיינען פארשידן און פיינטלעך, אבער ערגעץ אין א ווינקעלע פון הארץ באהאלט זיך דאך א מענטשלעך געפיל. א סימ־פּאטיע צו איינעם. אזא געפיל האב איך צו אייך. איר זיינט א גוטער, א ערלעכער. איך פיל ווי איך וואלט זיך אליין געטון שלעכטס אייך מיט עפּעס צו קריוודען; אייך צו פאראורזאכן קרענקונג. איר קאנט בא מיר אר־בעטן ווי לאנג איר ווילט נאר אליין. דאכט זיך אז איך צאל אייך ניט קיין שלעכטן לוין. בין גרייט אייך דעם לוין צו העכערן. איך פארשטיי אז איר האט איצט גרעסערע באדערפעניש... ווייל איך אייך בעטן, אז איר זאלט מיך נישט צווינגען אייך אפּזאגן... לאזט אפּ מיינע ארבעטער... אין פאריין טוט וואס איר ווילט, אבער פארוואנדלט נישט מיין ווארשטאט אין א פּראָ־פעסיאנעלן פאריין! איר פארשטייט דאך אז מיינע אינטערעסן דערלויבן דאס נישט.

ליכטמאן איז עפּעס ווי צומישט געבליבן. עס האט זיך אים אויסגע־וויזן, אז דער באלעבאס איז יאָ און נישט גערעכט און ער האט זיך געשטעלט איבערצייגן דעם באלעבאס:

— אבער די ארבעטער האבן דאך אויך א רעכט צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן; צו פארבעסערן זייער לעבן; און אז זיי פארשטייען דאס נישט אליין דארף דער וואס פארשטייט יאָ, זיי געבן צו פארשטיין; און

אז זיי זיינען נאך נישט אין פּראפעסיאנעלן פאריין, דאַרף מען זיי אהין ברענגען. און פון וואנען זאָל מען זיי ברענגען אז נישט פון ווארשטאט?...

— איר זיינט טאקע אפנהערציק — רופט זיך אָפּ דער באלעבאס

— און דאס איז אפשר איינע פון די מעלות פארוואס איך סימפּאטיזיר מיט אייך, אבער איך קאן נישט דערלויבן מיין ווארשטאט פארוואנדלען אין א קאמפס פּלאץ קעגן מיינע אינטערעסן. איר האָט אויסצוקלייבן איינס פון די צוויי: אפּשטעלן אייער פּראפּאגאנדע אין מיין ווארשטאט אדער זוכן א אנדער פּלאץ.

די פּראקלאמאציע, וואס ליכטמאן האָט מיטגענומען צו צוטיילן צווישן די ארבעטער און ארבערטערקעס פון ווארשטאט, האָט ער צוטיילט און זיי געבעטן קומען אין פאריין.

צומארגנס איז ליכטמאן מער נישט געקומען צו דער ארבעט.

* * *

ליכטמאן האָט ליידנשאפטלעך ליב געהאַט צו רעדן — רעדן אומעטום, אין יעדער צייט און מיט וועמען עס איז; רעדן אױף דער טריבונע, רעדן מיט חברים און מיט קעגנער; מיט ארבעטער און מיט באלעבאטים; מיט שטרייקער און מיט שטרייק ברעכער — רעדן אפילו מיט דער פּאליציי. זיין רעדן איז שטענדיק געווען וועגן אידעאל, וועגן ארבעטער אידעאל, וועגן ארבעטער לעבן, פּרינציפּן, ארגאניזאציע, גערעכטיקייט, קאמף, און אין זיין רעדן און נישט געווען קיין פּאָליטיק, קיין באהאלטענער מיין און זעלטן ווען א דורכגעטראכטער געדאנק. דאס הארץ איז בא אים געווען אפן און עס האָט גערעדט זיין געפיל. ער האָט נישט איבערגעקליבן מיט איינעם צו רעדן אזוי און מיט א צווייטן אנדערש. ער האָט מיט אלעמען גערעדט גלייך. זייענדיק ארעסטירט בא א שטרייק האָט ער געקענט אפן וועג ביז דער קאמיסאריע רעדן מיט די פּאליציאנטן, וואס האָבן אים געפירט, וועגן דער גערעכטיקייט פון שטרייק און וועגן דער אומרעכט פון באלעבאס, וואס האָט זיך איינגעאקשנט און וויל נישט פארשטיין, אז די ארבעטער זיינען אויך מענטשן און האָבן דאס רעכט צו לעבן בעסער, מענטשלעכער... און אזוי האָט ער אויך גערעדט מיט'ן קאמיסאר. און אז מ'האָט אים אריינגע-

לאזט צווישן די גאסן ארעסטאנטן, האָט ער מיט זיי אויך גערעדט וועגן דער גערעכטיקייט פון ארבעטער קאמף.

עס איז בא ליכטמאנען געווען די גרינגסטע זאך אויפכאפן זיך אין מיטן נאכט, אדער אוועקגיין פון מיטן דער ארבעט, אויב מ'האָט געדארפט ערגעץ גיין „רעדן".

מאכט זיך, אז זיין פרוי איז ערנסט קראנק. עס קומט דער דאקטער און פארשרייבט א רעצעפט וואס זי מוז באלד נעמען. ליכטמאן כאפט דעם רעצעפט־צעטל צוזוליופן אין אפטייק, דערמאנט ער זיך אבער, אז אין פאריין קומט פאר א דיסקוסיע. לויפט ער צו און בעט א וואָרט... וואַרט צוויי שעה ביז עס קומט צו זיין ריי, רעדט דערנאך א שעה צייט, ווארט אפן רעזולטאט פון דער דיסקוסיע, אין וועלכער ער איז אריינגעצויגן מיט דער גאנצער נשמה, און ווען ער קומט שפעט באנאכט צו דער אפטייק טרעפט ער זי פארמאכט.

ליכטמאן, וואס האָט זיך קיין מאל נישט אומגעקוקט אף זיך אליין, האָט אנגעהויבן גיין צום דאקטער. מען האָט אים געטריבן דערצו ווי א קינד ווען ער האָט שוין קיין כח נישט געהאַט צו האלטן זיך אף די פיס.

— אז שוין יאָ גיין צו א דאקטער — האָט ער זיך געזאגט — זאל די צייט נישט פארלוירן גיין אומזיסט — זאל מען טאקע אויסנוצן א געלעגנהייט א רעד צו טון מיט א פארטיי חבר, א פירער, וועלכער איז שטענדיק פאר־נומען און מ'קאן קיין מאל קיין ווארט נישט אויסרעדן מיט אים! איך האָב אים א סאך צו פרעגן — האָט ער זיך געזאגט — און אויך א סאך צו זאגן אים...

און איז אוועק צום דאקטער ענריקע דיקמאן.

דיקמאן איז אין יענע צייטן געווען א נאציאנאלער דעפוטאט, האָט ער דעריבער געהאט רעדוצירט זיין אויפנאם צייט אין זיין קאנסולטאריע באהאנדלט קראנקע ביז א האלבע שעה פאר דער זיצונג אין פארלאמענט.

אז ליכטמאן איז געקומען אין קאנסולטאריע, האָט אים דיקמאן גאנץ חברלעך אויפגענומען. געבעטן אים זיצן און פארשפארט צו פרעגן ליכט־מאנען, וואס ער האָט עפעס צו זאגן, ווי דאס איז דיקמאנס אופן פון אויפ־

נעמען א פּאַציענט. ליכטמאַן האָט באַלד, אָן צערעמאָניעס געעפנט דעם שמועס.

דיקמאַן איז א מענטש וואָס לאָזט זיך רעדן, איבערהויפּט מיט א חבר און אוואדע מיט אזא פּשוטן, אויפריכטיקן, איבערגעגעבענעם ארבעטער ווי ליכטמאַן.

האָבן זיך אזוי די וויזיטן פאַרוואַנדלט אין דיסקוסיעס צווישן ליכט־מאַנען און דיקמאַנען איבער די וויכטיקסטע פראַגן פון לעבן, פון שטרעבן און קאַמף און נאכדעם ווי מען פלעגט אזוי אפּדיסקוטירן א שעה און מער צייט האָט געקאָנט טרעפן ליכטמאַן זאָל אוועק אָן א מעדיצינישער אונ־טערזוכונג. פאַרגעסן....

פאַקט מיך, איין מאָל, ליכטמאַן אפן מיטן גאַס, א צוטראַגענער:

— וואָס זאָגסטו צו אונדזערע סאָציאַליסטישע פירער! כ׳האָב זיך נאָר וואָס מיט אים, מיט דיקמאַנען, צוקריגט. דאָס הייסט א סאָציאַליסט!? ביזט געקומען צו מיר — זאָגט ער — ווי צו א דאָקטער? איז מיין אויפגאַבע דיך צו באַהאַנדלען ווי א פּאַציענט... און הער וואָס ער זאָגט מיר: רעצעפּטן וועלן דיר גאָרנישט העלפן, דו מוזט האָבן רו, פולשטענדיקע גייסטיקע רו. נישט ערגערן זיך, נישט אויפרעגן זיך, נישט עמאָציאָנירן זיך, נישט באַ־גייסטערט ווערן; דו מוזט אויפהערן, זאָגט ער, זיך אָפּגעבן מיט געזעל־שאַפטלעכע זאַכן, צוריקציען זיך פון אַלץ; איך וואָלט דיר געזאָגט, זאָגט ער, זאָלסט אויך אויפהערן צו ארבעטן ביז דו וועסט קומען צו זיך, אָבער פון וואַנען וועסטו לעבן? טאָרסט זיך מיט קיין זאַך נישט פאַראינ־טערעסירן, דאַרפסט זיך פלעגן, רוען און עסן. אָבער, חבר, זאָג איך, וואָס וואָס איז דאָס פאַר א לעבן? ווי קאָן זיך דאָס דערלויבן א סאָציאַליסט?... מאַכט ער: איך זאָג דאָס דיר נישט ווי א חבר, נישט ווי א סאָציאַליסט, נאָר ווי א מעדיקער. האָב איך שוין דאָס גאָרנישט פאַרשטאַנען. ווי קאָן מען זיך שפּאַלטן אויף צוויי? סאָציאַליסט באַזונדער און מעדיקער באַזונדער.... האָב איך אים געזאָגט אז אזא סאָציאַליזם פאַרשטיי איך נישט און בין אוועק.

אין א פּאָר טעג אַרום איז פאָרגעקומען א גרויסע סאָציאַליסטישע מאַ־ניפעסטאַציע. ליכטמאַן איז איינער פון אירע פאָנען־טרעגער. ער שפּאַנט

אין העכסטער באגייסטערונג, שרייט פֿאַרן זיג פֿון דער ארבעטער זאַך, רוט ניט קיין סעקונדע. ווען ער שרייט ניט זינגט ער — זינגט מיט אַלע כוחות די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער לידער.

* * *

ליכטמאַנס משפּחה האָט זיך פֿאַרמערט. זיין עול פּרנסה איז געוואָרן גרעסער און זיין געזונט צושטאַנד ערגער. א סאַך געזונט האָט אים אויך געקאָסט די שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי, אין מלחמה צייט, נאָכדעם ווי די פֿירער האָבן פֿאַרראַטן א קאָנגרעס רעזאָלוציע און האָבן אין פּאַר־לאַמענט געשטימט פֿאַר איבעררייסן די באַציונגען מיט דייטשלאַנד, כדי צו פֿאַרטיידיגן די „נאַציאָנאַלע ערע“, די פּאַר „שפּורלאָז“ פֿאַרזונקענע שיפֿ־לאַך. פֿון דער דאָזיקער באַשטימונג ביז א מלחמה איז אין יענער צייט געווען ווינציקער ווי איין שריט. עס איז נישט געקומען דערצו ווייל איריגאָ־זשען, דער פּרעזידענט, וואָס האָט נישט ליב געהאַט אונטערצושרייבן די סאַנקציעס פֿון פּאַרלאַמענט, האָט דעריבער אויך די דאָזיקע סאַנקציע נישט אונטערגעשריבן. דערוויילע איז פֿאַרגעקומען א שפּאַלטונג אין די סאָציאַליס־טישע רייען. ליכטמאַן איז אַוועק מיט דער אָפּאָזיציע, אָבער עס האָט אים זייער פֿאַרדראָסן און טיף באַנג געטון פֿאַר וואָס דאָס איז געשעען...

זיין דעליקאַטער געזונט צושטאַנד האָט אים מער נישט דערלויבט צו גיין און צו קריגן ארבעט אַלס ארבעטער באַ יענעם. ער האָט געמוזט ווערן אהיים ארבעטער, א „באַלעבאָס“...

און זייענדיק פֿאַר זיך באַלעבאָס איז מען דאָך נישט צוגעבונדן צו דער ארבעט, ווי א לוין ארבעטער, קאָן מען זיך דאָך אַרויסכאַפּן ווען מען דאַרף פֿאַרגלייכן א קאָנפֿליקט צווישן א באַלעבאָס און ארבעטער, פֿירן אונטער־האַנדלונגען, רעדן מיט שטרייקער זיי צו באַמוטיקן און מיט שטרייק־ברע־כער אָף זיי צו ווירקן. און אַזוי האָט מען געזען טאָג איין טאָג אויס ליכט־מאַנען אומלויפֿן א פֿאַרשמייעטן פֿון איין וואַרשטאַט אין צווייטן; פֿון די

וואַרשטאַטן אין פּאַריין. דער קאָפּ איז אים געווען פֿול מיט קאָנפֿליקטן צווישן אַרבעטער און באַלעבאַטים.

כּדי אין זיין שטוב זאָל ניט אויספֿעלן ברויט און מ'זאָל זיך אויך ניט דאַרפֿן שעמען אַרויסצוגיין מיט אַ קינד, האָט מען געדאַרפֿט דעריאָגן באַנאַכט די אַרבעט, וואָס מ'האָט באַטאָג פֿאַרנאַכלעסיקט; מ'האָט אויך געמוזט אין קלייט צושטעלן די אַרבעט צו דער צייט און איבערהויפּט צושטעלן אַרבעט אַניט וואַרפֿט מען אים אַרויס, און אַזוי האָט ליכטמאַן געאַרבעט איבער די קרעפֿטן און געלאָזט זיינע שלאָפֿקייטן פֿריי אַנטוויקלען זיך און איז געגאַנגען צום דאָקטער.

איצט איז ער אָבער שוין ניט געגאַנגען צו דיקמאַנען, צום „רעפֿאָרמיסט“, איצט איז ער געגאַנגען צום אייגענעם קאָמוניסטישן חבר — צו אַלדאָ קאַנטאַני, (שפּעטער געוואָרן אויס קאָמוניסט און געוואָרן גובערנאַטאָר פֿון סאַן כואַן), וואָס איז מיט דער אָפּאָזיציע אויך אַוועק פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. קאַנטאַני, אַלס מעדיקער האָט ליכטמאַנען אויך געזאָגט אַז ער דאַרף רו, פֿלעגע, וויניקער אַרבעטן, אָבער ער האָט דאָס אַנדערש געזאָגט, עס זאָל אויסקומען אַז ניט דאָווקע אים, ליכטמאַנען, מיינט מען דאָס; קאַנטאַני האָט ליכטמאַנען גוט געקענט. ער האָט געוואוסט אַז ליכטמאַן איז מער גייסט ווי קערפּער, וועט קיין רו נישט נעמען ער וועט זיך אונטער אַ רו־דיקטאַטור נישט אונטערוואַרפֿן; ליכטמאַן האָט אים שוין געהאַט אַריינגעזאָגט: אַז רוען וועט ער צייט האָבן נאָכן טויט. דיקטירן אים וואָס ער וואָלט געדאַרפֿט צוליב זיין געזונט, וואָלט דאָס אים נאָך מער אויפֿגערעגט און נאָך מער דערשיטערט זיין געזונט. פֿלעג ער אים שטענדיק פֿאַרשרייבן אַ טאָניק נאָך אַ געוויינלעכן שמועס אַדער דיסקוסיע וועגן דער נייער און אַלטער פּאַרטיי און וועגן אַנדערע טעמעס.

* * *

ליכטמאַן איז געווען צו אַלץ איבערגעגעבן, נאָר מער ווי צו אַלץ איז ער איבערגעגעבן געווען צום פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַריין. דער פֿאַריין איז גע־

ווען זיין גאנץ לעבן, אים האָט ער אוועקגעגעבן זיינע בעסטע יארן, מיטן פאריין איז ער געווען צוזאמענגעוואקסן. ווער האָט זיך עס געקענט פאר־שטעלן ליכטמאנען אן דעם פאריין אדער דעם פאריין אן ליכטמאנען?

האָט זיך אָבער אין פאריין אויפגעהויבן א פראגע וועגן דעם פאקט וואס אין אים גייען אריין ניט נאר לוין־ארבעטער, נאר אויך היים ארבע־טער, באלעבאטימלעך, טאקע קאבצאנישע אָבער דאך באלעבאטימלעך, און עס איז באשלאסן געווארן, אז דער שניידער ארבעטער פאריין זאל זיין נאר פון לוין ארבעטער, און דאס איז טאקע געווען א רעוואלוציא־נערער, קלאסיסטישער באשלוס, וואס ליכטמאן האָט אים אויך אפלא־דירט אין דער הייסער מינוט. אבער אין א פאר וואכן ארום פאלט צו מיר אריין ליכטמאן מיט א פנים פאר וועלכן איך האָב זיך דערשראקן.

— ווען איך האָב ניט קינדער אף מיין געוויסן איז געענדיקט...! באגיי איך זעלבסמארד!

— וואס איז געשען!...

— נאָ! זע! — ווארפט ער מיר ארויס א צוקנייטשט פאפירל — מיך. פארשטייסט... מיך אויסגעשלאסן פון פראפעסיאנעלן פאריין!...

ליכטמאנען האָט זיך גארנישט געלייגט אפן שכל אז אים זאל מען אויס־שליסן. אים איז גארניט איינגעפאלן, אז דער פאריין וועט דארפן זיין אויס־געהאלטן מיט זיין באשלוס און אויסשליסנדיק אלע „באלעבאטים" אויך אים, ליכטמאנען, אויסשליסן.

אָבער ליכטמאן האָט נאך לאנג געטראגן אין קאָפּ די קאנפליקטן צווישן ארבעטער און באלעבאטים. נאך א צייט לאנג האָבן ארבעטער „פאר־בלאָנדזשעט" צו ליכטמאנען אפן וועג צום פראפעסיאנאלן פאריין.

א דערשלאגענער, א קראנקער, האָט ליכטמאן דאָך ניט געפעלט אף קיין ארבעטער אקט, אין קיין ווינקעלע וואו עס זיינען זיך נאר צונויפגע־קומען ארבעטער, חברים; אומעטום וואו מ'האָט דעבאטירט, פארטיידיקט פאזיציעס און פרינציפן; אומעטום וואו עס איז געווען לעבן, שטרעבן און וואו מ'האָט געזונגען דאס ליד פון קאמף און באפרייאונג.

ליכטמאן האָט שפעטער דערהאלטן שיפסקארטעס צו קומען מיט דער

משפחה קיין צפון אמעריקע. ער האָט זיך מיט זיי לאנג אומגעטראגן. עס האָט אים נישט געצווינגן אהין.

ער איז דאך אוועקגעפארן. און אין די בריוו וואס ער האָט געשיקט שרייבט ער:

— מיין געזונט צושטאנד האָט זיך א סאך געבעסערט. כמעט שוין אינגאנצן געזונט, ארבעט, פארדין גוט, וואוין באקוועם: גיי אויף מיטינגען, רעפעראטן, הער די בעסטע רעפערענטן, און זע א סאך פערזענליכקייטן, נאר עס איז אלץ עפּעס אזוי לעבלאז, מאשינעל, אפגעמאסטן, אן באגייסטערונג, אן געזאנג—

און עס בענקט זיך; ער, ווי עס בענקט זיך און עס ציט קיין ארגענטינע!...

פלעסל

פלעסל

די ווידעראויפלעבונג פון „אוואנגארד“ איז געקומען פון וויזשא קרעספאַ, וואו עס האט זיך שוין געהאט פארמירט א געדיכטער אידישער ארבעטער צענטער. די „יאַטן“ וואס האבן זיך גרופירט אין דער וויזשאַ קרעספער ארבעטער ביבליאטעק, האָבן באשטימט אז די ארגאניזאציע מוז אויפגעלעבט ווערן און האָבן געמאכט א „אַנפאַל“ אַף די חברים אין צענטער, זיי אויפגעפאדערט צו דער ארבעט.

צווישן די ווזשא קרעספער איז געווען איינער א הויכער, א אויסגעדאַר־טער, א הוסטנדיקער, א אומרויקער, מיט פוליטור פלעקן אַף די פינגער — — פלעסל.

א פשוטער ארבעטער, א פוליטורער, א קאַרגער, א אָפּשפּאָרער, האָט ער אָפּגעשפּאָרט עטלעכע הונדערט פּעזאס אין באנק און... א פּאָר צעפּויל־טע לונגען. אבער ווער האט דען געוואוסט פון זיינע אפשפארונגען? אפשר האט ער געפילט ווי עס גייען אים אוים די כוחות, אז ער וועט מוזן אויפ־הערן ארבעטן? האט ער געזאמלט אין באנק א פּעזא צו א פעזא, ניט פאר־גינען זיך אויסצוגעבן א „איבריקן“ סענט, געוואוינט ענג, אָן לופט, אָן זון, אבי וואו „דאס פעקל ביינער“ אוועקצולייגן נאָך האלבע נאכט, כדי פארטאָג זיך אויפכאַפּן צו דער ארבעט. און געשפייזט האָט ער זיך אויך מיט אַבי וואָס, מיט דאָס ביליקסטע און ערגסטע, און געגאנגען איז ער אין רעסטאראן ניט אזוי צוליבן עסן ווי זען זיך מיט חברים, מיט „יאַטן“ צו הערן פון זיי נייסן, צו דערציילן זיי נייסן, טיילן מיט זיי איינדריקן וועגן פאַקטן און געשעענישן פון לעבן, פון די פארטייען; קאָמענטירן געהערטע רעפעראַטן, געלייענטע ארטיקלען. דיסקוטירן מיט עמאָציע, מיט ברען,

מיט ערגערניש. ער אליין איז געווען א צייטונג, א לעבעדיקע, א רעדנדיקע. ניט געווען א ווינקעלע, וואו פלעסל זאל ניט זיין און באלד אויפכאפן אלץ וואס ער האט געזען, געהערט, דערפילט, דאס אפגעדרוקט אין זיך און דאס פאנאנדערגעטראגן. וואו ערגעץ א רעדל, אין צענטער צי אין ווידשא קרעספא האט מען שוין געוואוסט אז דארט איז פלעסל, וואס דערציילט, שפארט זיך, קוויקט זיך, ערגערט זיך, קאכט זיך. וואו פלעסל איז געקומען האט מען שוין פון אים זיך אלץ דערוואוסט, און וואו האט פלעסל פארפעלט צו קומען? האט דען אים אפגעהאלטן א שלעכט וועטער, א רעגן, א שטורם אדער זיין שווינדזיכטיקער הוסט?

און אזוי האט פלעסל דורכגעטריבן זיינע טעג — ניט דערעסנדיקע, נעכט — ניט דערשלאפטע. געארבעט מיט אנשטרענגונג אינם שטויב פון די האליץ ווארשטאטן און געברענט און געטרוקנט זיינע צעפרעסענע לונגען מיטן אלקאהאל פון פוליטור, וואס ער האט אין זיך איינגעזאפט בא דער ארבעט.

ס'איז צוועלף אזייגער באנאכט. די פארזאמלונג האט שוין אויסגע־הערט און אפדיסקוטירט דעם פינאנציעלן באריכט. ס'האט זיך ארויסגעוויזן אז דער פראפיט פון קאנצערט מיט מישע וויאלין האט שוין דער זשורנאל קאנסומירט און ס'איז שוין ניטא מיט וואס צו באשטעלן דעם ווייטערן נומער. דער דרוקער הויבט ניט אן די ארבעט אויב מ'גיט אים ניט פריער א השובן האנט געלט, און די אמביציע איז דער זשורנאל זאל ארויס פונקט צו דער צייט. איז פון דער גאנצער פארזאמלונג — וואס האט ערשט נעברוויזט, און באם פארזיצער איז געווען א לאנגער צעטל פון פארשריבענע „ווערטער" און מ'האט געמוזט אפשטימען צו שליסן די דעבאטן — גע־ווארן איין שטיק שטיל־שווייגעניש, א געדריקטע, עס האט זיך נאר געהערט דער טיק־טאק פון וואנט־זייגער. שוין א פאר מאל אז דער פארזיצער האט געפרעגט ווער עס וויל דאס „ווארט", קיינער רופט זיך ניט אפ. מען איז געבליבן זיצן ווי געליימט, בלויז פלעסל, וועלכער איז געזעסן מיטן קאפ

אראפגעלאזט און געציפט דעם פוליטור פון די פינגער, האָט איבערגעריסן די געדריקטע שטילקייט, איבערגעשפרייט מיט זיינע לאנגע פיס פון איין אָרט אפן אנדערן, דערנאך זיך אָפגעשטעלט אין מיטן זאַל און א ווארף געטון צום פארזיצער א פראגע:

— א הלואה וועט מען אָננעמען?

די פארזאמלונג האָט צוריק אויפגעלעבט. חברים ווארפן זיך דורך מיט בליקן, מיט ווערטער, מיט וויצן: „וואָס הלואה"? „ווער"? „ווער איז דאָ דער קאפיטאליסט, דער באנקיר"? „מ'קען געבן אין גאראנטיע די דעפּי־ציטן, אין דעם זיינען מיר רייך!" אנדערע בעטן ווערטער, פאָדערן אז די וויצן זאלן איבערגעלאזט ווערן פאר דער קאפע, דאָ זאל מען ערנסט באַ־האנדלען די פראגע. דער „אוואנגארד" איז א גוטע גאראנטיע, האָט נאָך קיינעם ניט אָנגעזעצט. חברים ווען זיך ארויסלאזן איינמאָנען באַ די אבאנענטן, שאפן אנאנסן, מ'וועט צוטרעטן צו א נייער אונטערנעמונג, מ'וועט זיך באשטימען מיט האלבע טעג ארבעט.

עס ווערט איינשטימיק אנגענומען צו מאַכן די הלואה. עס בלייבט נאָר די פראגע ווער זאל מאַכן די הלואה, באַ וועמען?..

— ווען דארפן די מאַטעריאלן ארייגעגעבן ווערן אין דרוק, דער זשורנאל זאל דערשיינען פונקט צו דער צייט? — האָט פלעסל געשטעלט די פראגע.

— מאָרגן.

— די זאך איז דערליידיקט! מאָרגן וועט זיין געלט, האָט פלעסל געזאגט מיט אזא זיכערהייט, אז קיינער האט ניט געצווייפלט אין דעם און קיינער האָט גארניט געוואגט עפּעס איבערצופרעגן.

צומאָרגנס, מיטיק־צייט, איז פלעסל פון ווארשטאַט ניט אוועק אין רעסטאראן עפעס איבערצוכאפן, נאָר אין באַנק, וואו ער האָט געהאט זיינע אָפּשפּאָרונגען און ארויסגענומען דעם ערשטן הונדערטער.

* * *

חברים זיינען געגאנגען אויפמאָנען באַ די אבאָנענטן. מ'האָט זיך באשטייערט מיט האלבע טעג ארבעט, מ'האָט אויך מיט דער צייט דורכ־

געפירט א אונטערנעמונג און דער זשורנאל איז דערשינען פונקטלעך, ניט נאָר דאָס מאָל, נאָר יעדן חודש, אזוי אסאך חדשים, אָבער בא יעדן נומער, וואָס מ'האָט געדאַרפט ארויסנעמען פון דרוק, איז פלעסל אוועק אין באַנק, וואו ער האָט געהאט זיינע אָפּשפּאָרונגען און ארויסגענומען א הונדערטער ביז זיינע אָפּשפּאָרונגען האבן זיך אויסגעשעפּט.

* * *

אז ס'איז שוין ניט געבליבן נאך וואס צו גיין אין באנק אריין איז פלעסל געווארן אביסל אומעטיקער, דעם קאָפּ אביסל אראפּגעלאזט, אָבער אפּגעלאזט האָט ער זיך ניט. ער איז אלץ נאך געגאנגען אין די רעסטאראנען ניט אזוי צוליב עסן, ווי טרעפן זיך מיט „יאטן", טוישן זיך מיט איינדריקן, הערן און דערציילן נייסן, קאָמענטירן די טאָג־געשעעניש, דיסקוטירן, ערגערן זיך. אין דער ארגאניזאציע האָט ער זיך געפילט אביסל געפאַלן. עס האָט אים אויסגעוויזן אז ער איז שולדיק אין דעם, וואס דער זשורנאל האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אף א יאָר צייט... און ווען דער זשורנאל האָט ווידער אָנגעהויבן צו דערשיינען, האָט פלעסל אלץ געמאכט דעם איינדרוק ווי ער איז ניט אינגאנצן צופרידן. ס'האָט אים פארדראָסן וואס ער האָט אַמאָל, בשעת ער איז געווען ארבעטלאָז און געהונגערט, געבעטן מ'זאָל אים עפּעס געבן אפן חשבון פון זיין חוב... עס האָט אים אויך פארדראסן פאר וואָס ער קען ניט מער, אזוי ווי פריער, זיין נוצלעך דעם זשורנאל. ער האָט זיך אבער ניט אפּגעלאזט. מען האָט אים נאך געזען א לאנגע צייט ארומ־שווענבן אין אלע ווינקלען פון געזעלשאפטלעכן לעבן, אויפכאפּן אלץ און צוטראגן דאס, ווי א רעדנדיקע צייטונג.

מיט דער שווינדזיכטיקייט זיינער האָט ער זיך ניט געצערטלט. זי האָט געבעטן בייטן די לופט און ער איז דאווקע געבליבן אין בוענאס איי־רעס; זי האָט געבעטן רויקייט, ניט עמאָציאָנירן זיך, ניט אויפרעגן זיך, און ער — פונקט דאס פארקערטע; זי האָט געבעטן ניט גיין אף פארזאמ־לונגען, ניט אויפזיין שפּעט באנאכט, א סאך שלאָפן, און ער איז דאווקע

געלאָפן וואו נאָר א פארזאמלונג, דאווקע זיך קיין מאָל ניט אויסגעשלאָפן; זי האָט געבעטן אז גיין אין רעסטאָראַן זאל דאס זיין צוליב עסן און גוט עסן, נארהאפטיקס, און ער איז געגאנגען אין רעסטאראן רעדן, דיסקוטירן, אַמפּערן זיך; זי האָט געבעטן אוועקלייגן די ארבעט אין פארשטיקטן, פאר־שטויבטן ווארשטאַט און ער האָט געזאגט: „אפשר זאל איך זיך זעצן קוקן ווי די פייגעלעך פליען?" און ער האָט געאָטעמט די פארשטויבטע לופט און די אלקאהאלישע גערוכן פון פּוליטור.

און די שווינדזיכט האָט זיך אין אים נוקם געווען. —

און ווען חברים, פארהארטעוועטע אין קאמף פארן לעבן, האָבן דאך דורך טרערן געקוקט אפן פרישן גרוב אין וועלכן פלעסל ווערט פארשאָטן, האָט זיך מיר אלץ אויסגעוויזן, אז פלעסל וועט אויך דאָ ניט בלייבן רויק... אז באלד כאַפּט ער זיך אויף, טרייסלט אראָפּ פון זיך דאס זאמד און שפּאַנט מיט זיינע לאנגע פיס אין צענטער אריין צו דערציילן די פאסירונג, וואס מיט אים האָט פּאסירט...

בְּאֵרִים

באַריס

ווען דעם צארס מענטשן האָבן זיך גענומען נוקם זיין אַן אַלע, אַף וועלכע ס'איז נאָר געפאַלן אַ חשד פון רעוואָלוציאָנערישקייט פאַר דעם, וואָס דער צאַר איז געצוואונגען געווען אונטערצושרייבן אַ קאָנסטיטוציע און געבן אַ דומע, האָט אַ גרויסע טייל פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אינטע־ליגענץ זיך געפילט פאַרלוירן. מען האָט זיך געפרעגט: צי האָט געלוינט צוליב דעם צאַרס דומע, צו אָפּפערן קאַריערעס, רייכטום, פּריווילעגירט לעבן און ווערן געיאָגט און געפּלאָגט, שמאַכטן אין די טורמעס און אַף סיביר, נישט האָבן קיין מינוט זיכערקייט און רו, שטענדיק אין קאַמף מיטן טויט פאַר די אויגן?

פון אַנטוישונג האָט מען זיך געוואָרפן צו אַלערליי באַרוישונגען פון אויסגעלאַסנהייט, זנות און שכרות, כדי צו פאַרגעסן אין זיי די נאָענטע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט, צו לעשן מיט זיי די ברענענדיקע וואונ־דן. אַנדערע זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ פּעסימיזם, אין אַ מעלאַנכאָליע, און האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אַף די טונקעלע וועגן פון מיסטיציזם, פון גאָט־זוכע־ריי; נאָך אַנדערע פון דער רעוואָלוציע אַנטוישטע און פון געוויסן געפּלאָגטע און פון די צאַרישע דינער געיאָגטע, האָבן זיך אָוועקגעלאָזט וואו די אויגן האָבן זיי געטראָגן, צושאָטן זיך איבער דער ברייטער וועלט, אַנטלאָפן פון מענטשן, פון ציוויליזאַציע.

* * *

איינער פון זיי איז געווען באַריס, אַ זון פון רוסישן אַדל, פון פּריצישן שטאַנד, אַ געוועזענער קאָזאַקן אָפיציר, וועלכער האָט געדינט דער רעוואָ־

קוציע אונטערן מיליטערישן מאנטל. געאפפערט זיין פערזענלעכן גליק, זיינע פריווילעגיעס, זיין פאמיליע, פארמעגן; געגאנגען אין פייער, שטענדיק גרייט געווען אוועקצוגעבן זיין לעבן אין די געפערלעכסטע אונטערנעמונגען פאר דער רעוואלוציאנערער זאך. ער האט אלץ געלאזט און זיך אוועקגעטראגן אין דער ווייטער וועלט.

רוסישע רעוואלוציאנערע אינטעליגענטן און אזוינע, וואס האבן זיך צו זיי צוגעטשעפעט, זיינען געקומען אהער דירעקט פון רוסלאנד אדער דורך שווייצאריע, וואו עס איז געווען די הויפט קוואַרטיר פון דער רוסישער רעוואלוציאנערער עמיגראציע; וואו עס זיינען געווען די אויסלענדישע קאמיטעטן פון די רעוואלוציאנערע פארטייען אין צארן־לאנד און פון וואנען עס איז יארנלאנג אנגעפירט געווארן די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין רוסלאנד.

די וואס זיינען געקומען אהער אין ארגענטינע, האבן זיך דא צושפרייט. ווער פון זיי עס האט זיך אוועקגעלאזט אין די אנדן און ווער פון זיי עס האט זיך אוועקגעלאזט אין ווייטן דרום, אין פאטאגאניע, אנדערע האבן זיך אוועקגעלאזט אין האלב טראפיקאלישן ווייטן צפון. עפעס האט זיי געטריבן צו דאס ווייטסטע, דאס אומבאקאנטע, דאס פאנטאסטישע.

* * *

באַרים איז אוועק אין דער ווייטער, טיפער טשאקא, אהין אין געמורמל פון אוראלטע וועלדער, וואס דערציילן אומענדלעכע אינדיאנער לעגענדעס.

מיט א ביקס אפן פלייצע פאר באשיצונג און פאר יאגט, פון וואס ער האט זיך דארט דערנערט, האט באַרים אזוי אפגעלעבט און אויסגעלעבט זיי־נע אנטוישונגען אין די טשאקער וועלדער, אין פארלויף פון לאנגע יארן, ביז עס האט אים צוריק א ציי געטון אין שטאט אריין, צו קולטור, צום ברויזנדן לעבן און קאמף.

שרייבן, קונסט־מאלעריי, איז אמאל בא אים געווען אזא צייט פאר־טרייב אין די קורצע אנטראקטן פון שטורמישן קאמף. דא האט ער עס זיך געמוזט מאכן פאר א פראפעסיע. קיין גרויסע פארדינסטן פאר די דאזיקע אר־בעטן האט ער אבער נישט געהאט. דאס וואס ער האט דערפון פארדינט האט אים קוים געלאנגט אף בראנפן און ציגארעטן.

ער האט אויפגעזוכט דעם רוסישן ארבעטער, וואו ער האט געארבעט אף די באן־וועגן, אף שאסייען, אין די גרויסע פלייש קאנסערוון פאבריקן, בא די נאפט קוואלן און דעפאזיטן און באם אויפרייס פון שטיין בערג. ער האט זיי געטראפן אין די שענקן, וואו זיי האבן געשיקערט. אליין א אינ־טעליגענט, האט ער פון זיך אראפגעווארפן אלע אינטעליגענטישע מאנירן און זיך צונויפגעגאסן מיטן לעבן פון רוסישן, זייער עקספלאטירטן שווארצן ארבעטער. ער האט מיט זיי גערעדט, אף זייער שפראך, וועגן דער אינטעלי־גענץ מיט סארקאזם, מיט גאל. דעם קולטורלאזן רוסישן ארבעטער האט דאס באפרידיקט און האט מיט זיין גאנצער רוסישער ברייטהארציקייט אויפגענו־מען באריסן ווי א „נאש בראט", ווי א אייגענעם, מיט צוטרוי, מיט גלויבן.

קיין קליינע, דריבנע ארבעטן האט אבער באריסן נישט באפרידיקט. ער האט נישט געקענט בלייבן בא די רוסישע ארבעטער א געמיטלעכער דערציער; ער האט איבערהויפט נישט געקענט זיין קיין דערציער. זיין נויגונג איז געווען א קעמפערישע. ער האט געזוכט דאס פעלד פון ברייטן קאמף און דעריבער זענען זיינע ארטיקלען אין דער געשאפענער רוסישער ארבעטער פרעסע גע־ווען פייערדיקע אויפרופן, וואס האבן נישט זעלטן געטראגן אין זיך אזוינס וואס קאן פראוואצירן. דאס גלייכן זיינען געווען זיינע פייערדיקע רעדעס, פון וועלכע עס האט אמאל ארויסגעשריען א אנטיסעמיטישער טאן, רעדנדיק וועגן איד, בלשון רבים, אלס די פארקערפערונג פון עקספלאטאציע, שווינדל און געמיינהייט, וואס אין דעם איז שולדיק געווען זיין אומבאקאנט זיין מיטן אידישן ארבעטער, אידישן הארעפאשניק, אידישער פרייהייטס קעמ־פער; האט נאר געוואוסט פון אידישן בורזשוי, פראצענטניק; אין דעם איז אויך שולדיק געווען זיין נישט קאנען קאנטראלירן זיך, זיין פייערדיקער טעמ־פעראמענט און שיכרות, און בא אזוינע פאלן איז אים שטענדיק אויסגעקור־

מען צו פארענטפערן זיך אף דער פראַקטישער אנמערקונג פון א אידישן חבר, אז ער האָט נישט געמיינט דעם אידישן ארבעטער...

באָרים האט אריינגעבלאזן אין די רוסישע ארבעטער א גייסט פון קאמף, פון וועלט איבערקערעניש. ער האט בא זיי ארויסגערופן די אילוזיע פון א מעכטיקע, פאצווייגטע ארגאניזאציע איבער אלע זיד אמעריקאנישע לענדער, וואס וועט אין א שיינעם טאג פארכאפן די פאבריקן און די מינעס און וועט ווערן די הערשערן פונם לעבן.

און עס האט זיך טאקע עפּעס אנגעהויבן שאפן, עפּעס באוועגן, אבער ווייט נישט דאס, וואס באָרים האָט געמיינט.

אז ס'איז אויסגעבראכן די רוסישע רעוואָלוציע און ס'איז אראפּגע־זעצט געווארן דער צאר, האָט באָרים געוואלט אוועקפארן אהין. קיין מיט־לען האָט ער נישט געהאט.

די רוסישע פארטרעטערשאפט דאָ האָט באקומען א פאראָרדנונג צו־ריקצושיקן אין רוסלאנד, אף אירע קאסטן, די, וועלכע זיינען אין רוסלאנד באם צאריזם פאליטיש פארפאלגט געווען, אבער דער נאר־וואס געוועזענער צארישער מיניסטער, וועלכער האָט נישט געוואוסט די פארגאנגענהייט פון אלע רוסלענדישע בירגער, וואס האָבן זיך דאָ געפינען און ס'איז אים איבערנאכט אויסגעקומען צו ווערן א „טאָוואַרישטש", א פארטרעטער פון א רעוואָלוציאנערער רעגירונג, האָט געזאגט צו די ערשטע, וואס זיינען צו אים געקומען, אז זיי זאלן צוזאמענשטעלן א קאָמיטעט אף אנצעווייזן וועמען מען דארף יאָ און וועמען נישט שיקן. האָט זיך געשאפן, אנשטאט איין קאָ־מיטעט — צוויי. דער ערשטער א צוזאמענלויף פון פארשידענע עלעמענטן וואס פיל פון זיי האָבן קיין שייכות נישט געהאט מיט דער רעוואָלוציאנערער באוועגונג אין רוסלאנד און זיינען דא אויך ווייט געווען פון א באוועגונג, דערפאר זיינען זיי אבער געווען געשיקטער צו פארכאפן די שיסל. דער צווייטער קאָמיטעט האָט זיך געשאפן פון מער ערלעכע פראָלעטאריש־

רעוואלוציאנערע עלעמענטן, מיט דער אויפגאבע אויסצואיבן א קאנטראל אף די, וואס פרעטענדירן צוריקגעשיקט צו ווערן קיין רוסלאנד, צי זיי האָבן טאקע געהאט א רעוואלוציאנערע פארגאנגענהייט און צי זיי קאָנען עפּעס נוצן דער רוסישער רעוואלוציע.

אבער, ביז דער צווייטער קאָמיטעט האָט זיך ארגאניזירט און געפאָדערט אנערקענונג באם רוסישן מיניסטער, איז דערווייל אוועקגעשיקט געווארן די ערשטע גרופּע, צונויפגעשטעלט פון ערשטן קאמיטעט, וואס אין דער גרופּע האָט זיך טאקע אויך געפונען דער קאמיטעט אליין, און דער רוסישער מיניסטער האָט שוין קיין ווייטערע גרופּע נישט געשיקט.

באָריס איז געווען פון צווייטן קאמיטעט און איז געבליבן א היגער.

יעדער טאג, זינט עס האָט אויסגעבראכן די רוסישע רעוואלוציע, האָט געברענגט די איבערראשנדסטע נייסן. די רוסישע רעוואלוציע האָט פארכאפּט דעם אטעם נישט נאר פון אלע, וואס האָבן געהאַט אמאל א שייכות צו דער רוסישער אימפּעריע, נאר האט אויך פארכאפּט דעם אטעם פון גאַנץ ארגענטינע, איז נישט אויסגעשלאסן געווען יעדע דערווארטונג, יעדע האפנונג.

איז געווען צו דערווארטן, אז דער געוועזענער מיניסטער פון צאר און דער זעלביקער איבער נאכט געווארענער פארטרעטער פון דער פּראוויזארישער רעוואלוציאנערער רעגירונג, וואס האָט געשטיצט דעם צאריזם און געהאלטן דער צארישער פאמיליע פארשפּארט. זאל דערהאלטן נייע פאראָרדנונגען, און אויסער דעם האָט דער קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך פאַרוואנדלט אין א „סאָיוז" פון רוסלענדער ארבעטער און סאציאליסטן, געפּלאנט זיך שטעלן אין פארבינדונג מיט דער רעוואלוציאנערער רעגירונג איבערן קאָפּ פון דעם געוועזענעם מיניסטער שטיין, וועלכער האָט נישט פאַרדינט דעם צוטרוי בא דער רוסישער רעוואלוציע און בא אירע רעוואלוציאנערן, וואס זיינען אהער פארוואָרפן געווארן.

דעם „סאָיוז" האט אויסגעוויזן אז אלע, די ברייטסטע מאסן, וועלן זיך אוועקלאזן אין נייעם רוסלאנד, אזוי איז טאקע געווען די אלגעמיינע שטימונג. ווער האָט דען אין יענעם מאמענט געדענקט פון נישט פארן? האָט

זיך דער סאָיוז געשטעלט פאר א אויפגאבע אויפצוקלערן די מאסן וועגן דער באדייטונג פון דער רוסישער רעוואלוציע, וואס זי איז און וואס זי דארף זיין. איז מען זיך צוזאמענגעקומען נאכט אויף נאכט און איבער די נעכט דיסקוטירט אויף אזא אופן וועגן דעם גורל פון דער רוסישער רעוואלוציע; וועגן קערענסקים פירערשאפט, וועגן די סאוועטן פון ארבעטער און סאלדאטן, וועגן א קאָאַליציע רעגירונג פון קאפיטאל און ארבעט אדער א אויסשליסלעך פראלעטארישע רעגירונג; וועגן פארזעצן די מלחמה אויף דער זייט פון די אליאירטע אדער דערקלערן פרידן און הייסן די סאלדאטן אהיים גיין; וועגן איינפירן א דעמאקראטישן רעזשים אדער אימפאנירן די פראלעטארישע דיקטאטור; וועגן לאזן דעם קאפיטאליזם: די ערד בא די פריצים, די פאבריקן בא די פאבריקאנטן, די געשעפטן בא די קאמערציאנטן, אדער באלד אפשאפן דעם קאפיטאליזם: צוטיילן די ערד צו די פויערים, די פאבריקן צו די ארבעטער, געשעפטן צו די אנגעשטעלטע און איינפירן דעם סאציאליזם. און דאס אלץ איז דיסקוטירט און דעבאטירט געווארן אזוי לײדעריש, אזוי פאליטיש באגרינדעט, אזוי צוגעגרייט און אנגעשטרענגט, מיט אזוי פיל איבערגעבענהייט, בלוטיקע פאראינטערעסירטקייט און רעוואלוציאנערע לײדנשאפט, אז עס האָט געמאכט דעם איינדרוק ווי דא אין „סאָיוז" געפינט זיך דער הויפט שטאב פון דער רוסישער רעוואלוציע; אז דא אין די פייערדיקע דיסקוסיעס ווערט אויסגעשמידט איר כאראקטער, אנגעצייכנט איר פאליטישע ליניע, באשטימט אירע טאטן, אירע וועגן און אויסוועגן — אז דא ווערט איינגענטלעך געפירט די רוסישע רעוואלוציע...

אין זעלביקן „סאָיוז" האָבן זיך געשאפן פאזיציעס: מעסיקע אדער מענשעוויסטישע און עקסטרעמע אדער באלשעוויסטישע, מאקסימאליסטישע. די ערשטע איז מיט קענטעניש און שטארקייט פארטיידיקט געווארן פון אידא באַנדארעוו, קאנטאר און איינער, וואס האָט ליב געהאַט מ'זאל אים רופן „טראָצקי". די צווייטע האָט געהאַט אלס אירע שטארקסטע פארטיידיקער אַלעקסאנדראווסקי, יארושעווסקי און מיט מער ברען פאר זיי — באַרים. אבער באלד נאך דעם באלשעוויסטישן זיג, באלד נאך „אָקטאָבער" האָבן זיך דאָ אין „סאָיוז" צוזאמענגעשמאָלצן אַלע פאזיציעס אין איינער — אין א

מאקסימאליסטישער, וואו באָרים האָט זיך געפילט ווי א פיש אין וואסער, זייענדיק איינער פון די פייערדיקסטע פראפאגאנדיסטן פון „סאָיוז".

* * *

די בלויזע פראפאגאנדע, וואס איז געווען ווי א אפקילונג נאך די ברע־נענדיקע דעבאטעס אין „סאָיוז", האָט אבער באריסן נישט באפרידיקט. ער האָט געדורשט נאך טאטן, נאך גרויסע, געפערלעכע אקטן.

איין מאָל נאָך א פארזאמלונג אין ווישאָ קרעספּאָ, וואו איך האָב גערעדט אין אידיש און ער אין רוסיש, דריקט ער מיר די האנט און זאגט:

— איך זע, אז מיר האָבן גוטע אינטערפּרעטאטערס פון דער רוסישער רעוואלוציע און מען הערט זיך צו מיט אינטערעס צו אונדזער ווארט. מיר האָבן א ווירקונג, אָבער וואס קומט ארויס פון דעם? גארנישט! מיר בלייבן באם רעדן, ווייטער — נישט א טריט. טאָטן, רעוואלוציאנערע טאטן — אָט וואָס מען דאַרף!

אָבער צו קיין טאָטן איז נישט געקומען. מער ווי איין גאסן־מאניפעס־טאציע, אָרגאניזירט פונם „סאָיוז", אף וועלכער עס איז ארויסגעטראָגן געווארן א מאקסימאליסטישע פאן מיטן סאוועטישן סימבאל: (האמער און סערפּ אין א קראנץ פון קאָרן־זאנגען) און וואס האָט ארויסגערופן א קוריאָ־זיטעט, זיינען קיין טאָטן נישט פארנומען געווארן. אויך די פראפאגאנדע האָט זיך מיט דער צייט אָפּגעשוואכט.

עס זיינען דאָ אונטערגעקומען די שטורמישע, די בלוטיקע יאנואר טעג, וועלכע זיינען צעקלונגען געווארן הויך און ברייט איבערן גאנצן לאנד און אויסערן לאנד, ווי א מאקסימאליסטישער אויפשטאנד, ווי א סאָוועטישע רעוואלוציע. די טעג זיינען אריבער און מיטגענומען מיט זיך א סך קרבנות.

דער „סאָיוז" האָט אין די יאנואר טעג קיין אנטייל נישט גענומען. אפילו קיין איין קרבן נישט... און ער איז זיך דעריבער צעפאלן.

* * *

עס האָבן א פּאק געטון באָריסן קליינע מאָמענטן פון רעוואָלוציאָנערע־ עגמת נפש, ער האָט זיי דערטרונקען אין בראנפן, דאס האָט אים אבער נישט באַרויקט.

מיט די רוסישע ארבעטער האָט ער נאָך אָנגעהאַלטן באַציונגען, אָבער זיי אליין האָבן שוין נישט געקענט זיין נישט די גרויסע אנצינדונג, נישט דער געוואַלטיקער כח פאר די פּלענער, וואס האָבן זיך בא אים צושפּילט נאָך די יאנואר טעג, און עס האָט אים א צי געטון צו די אנארכיסטן.

אנארכיסטן זיינען געווען אין יענער צייט, וואס האָבן געהאַלטן אז די רוסישע רעוואָלוציע איז געמאכט געוואָרן לויט זייער מעטאָד; זיי האָבן נישט געביטן זייער אידעאָלאָגיע פון אנארכיע קעגן שטאַט, מעג ער זיין א סאציאַ־ ליסטישער, לויט זייער מיינונג האָבן זיי פּרינציפּיעל גאָרנישט געביטן; זיי זיינען געבליבן קעגנער און באַקעמפער פון אלץ וואס איז נישט אנארכיסטיש, און זיי האָבן געהאַלטן פאר אנארכיסטיש גייסטיק צו שטיצן דער ראַטנרע־ גירונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע און אננעמען די סאָוועטישע ארגאני־ זאציע פאר דער סאציאַלער איבערקערעניש דאָ אין לאנד...

אין א טאג האָט מיך באָריס באַגעגנט. ער האָט מיר דערלאַנגט א קליין בראָשורקעלע:

— קוקט דאָס דורך!

אפן פאדער בלעטל פון דער בראָשורקעלע איז געשטאַנען:

„צענטראַלער סאָוועטן קאָמיטעט אין ארגענטינער ראיאָן"

אינווייניק איז געווען א פולשטענדיקע פּראָגראַם ווי אזוי דא שוין דורכצופירן די סאציאַלע רעוואָלוציע...

אין א צייט ארום טרעף איך באָריסן שיכור, אפּגעלאָזט, ברודיק מיט א ריח פון בראנפן און טאבאק, דאס היטל אראָפּגערוקט איבער די פארשמו־

רעטע אויגן. ער האָט געוואָרפן אַף מיר עפּעס אַזאַ גאַליקן בליק און זיך פאַרביי געשלייכט — האָט ער מיך נישט דערקענט?..

באָרים איז שפּעטער אַרעסטירט און פאַרמישפּעט געוואָרן אַף אַסאַך יאָרן טורמע איבער אַ רויבערישן איבערפאַל, וואָס איז דאָ געמאַכט געוואָרן און וואָס האָט געקאָסט דאָס לעבן פון אַ פּאָר מענטשן.

— —

און טאָמער גייט איר אַמאָל אַף וויזיט אין משוגעים הויז און איר זעט דאָרט איינעם אַ הויט־און־ביינערדיקן, אַ פאַר־דער־צייט אַלט־געוואָרענעם, אַ גייסטיק־צובראָכענעם, אַ פאַרקריפּלטן, וואָס דרייט אַוועק פון אייך די אויגן, ווייל אייך נישט קענען, ווייל זיך אויך ניט געבן צו דערקענען, ווייסט אַז דער איז באָרים.

II

רבקהלע

רבקהלע

אף דער פאַרזיכערונג פון זילבערשטיינען צו קאָנען אויפפירן „גאָט פון נקמה“, האָט מען אנגעהויבן צונויפקלייבן פערזאנאל צוצוטרעטן צו די רעפעטיציעס.

דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאכן דאָ אין בוענאָס איירעס אין 1907־טען יאר, ווען קיין פּרעטענדענטן אף אקטיארישער קונסט זיינען נאָך נישט געווען. אויב „לוביטעלעס“ אף רוסיש זיינען שוין יאָ געווען זיינען נאָך קיין „ליבהאָבער“ אף אידיש נישט געווען. מ׳האָט זיי ערשט גענדארפט אַרויסרופן.

האָט מען זיך אוועקגעזעצט צופאסן פּערזאנען, וועלכע מ׳האָט נאָר געהאט אין געדאנק, צו די ראלן אין דער דראמע. מ׳האָט אנגעהויבן פון די גרויסע ראלן: זילבערשטיין, וואס האָט שוין מיטגעשפּילט אין רוסישע ספּעקטאַקלען און איז געוואָרן א שטיקל אריינגייער אין די טעאטער קוליסן, האָט גענומען יאנקל שאַפּשאָוויטש. אַפּגעפּארטיקט יאנקלען האָט מען זיך גענומען צו שרהן, דער געדאנק איז אָבער נישט געפאלן אף קיין איינע פון די באַקאַנטע חברטעס. ס׳איז געבליבן צו נעמען די אקטריצע קארנפעלד. פאַרזארגט די צוויי הויפּטראלן, האָט מען שוין ווי עס איז מיט מאַטערניש, צונויפגעקליבן חברים און חברטעס פאר די אנדערע ראָלן. געבליבן איז רבקהלע-נישט קיין פאַרזארגטע. קלער אהער קלער אהין — נישטאָ ווער כ׳זאָל שפּילן רבקהלען.

די רעפּעטיציעס האָבן זיך דערוויילע אנגעהויבן בא פּעיסע דער שניי־דער אין ווארשטאט. רבקהלעס רעפּליקן האָט אפּגעמאלט דער סופליאר אליין און אלע האָבן זיך דערביי געזאָרגט: וואו נעמט מען א „רבקהלע“?

אין איין אָוונט, ווען מען איז זיך צענויפגעקומען אף רעפּעטיציע, קומט א חבר און ברענגט מיט א יונגע מיידל מיט העלע ליכטיקע אויגן.

אלע האָבן זיך איבערגעקוקט. זי איז אין אונדזער קרייז נישט געווען באקאנט.

— חברים, מיר האָבן שוין א רבקהלען — האָט זי פארגעשטעלט פאר־רויטלט דער חבר, וואס איז געקומען אין איר באגלייטונג.

א פרייד האָט זיך אָנגעצונדן אין אלעמענס אויגן.

„רבקהלע“, אביסל פארשעמט, אָבער שטראַלנדיק, האָט זיך גראציעז פארנויגט און... — מיט מער נשמה און הארציקייט האָט זיך באנייט די רעפּעטיציע.

די חברים און חברטעס, וואָס האָבן רעפּעטירט א פּיעסע, פלעגט מען, אין צייט פון די רעפּעטיציעס, ביזן ספּעקטאקל, און אפילו אויך נאכן ספּעק־טאקל, רופן לויט די נעמען פון זייערע ראָלן. „רבקהלעס“ אמתער נאמען ביז דער רעפּעטיציע האָבן די חברים סיי ווי נישט געוואוסט, האָט מען זי נאר גערופן „רבקהלע“.

געקומען איז זי אף דער ביטע פון א חבר, וואָס האָט מיט איר צו־זאמען געארבעט אין א פאָטאָגראַפישער סטודיא.

די רעפּעטיציעס זיינען אוועק גאר געהויבן. די אנטיילנעמער זיינען געווען נישט באוויבט און די אנטיילנעמערנס נישט באמאנט, זיינען געווען ווארים די געפילן, פייערדיק די הערצער און ליכטיק די אויגן. קיינער האָט אף די רעפּעטיציעס נישט געפעלט און יעדע רעפּעטיציע איז געווען א ספּעקטאַקל מיט שטימונג, מיט געפיל.

רבקהלע מיט איר שיינקייט און באשיידנקייט, מיט איר שנעלן איינלעבן זיך אין דער ראלע, האָט בא אלע ארויסגערופן אנטציקונג. זי איז באלד געוואָרן אלעמענס ליבלינג.

* * *

די פאַרשטעלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין „20 דע סעפּטעמבער“ איז אַראָפּ מיט גרויס דערפאָלג. דער עולם: א יונגער, א מונטערער, אַן אידעאַליסטישער, פול מיט יוגנטלעכן ברען און מיט פּיאָנערישקייט, האָט געלויכטן פון פאַרגעניגן. מ'האָט באַזונדער זיך געוואונדערט אויף רבקהלען: ס'ערשטע מאָל אויף דער בינע און אַזוי פריי און האַרציק געשפּילט. „ווי שעמעוודיק און נייגיריק זי איז געווען! ווי רייצנדיק און נאַאיוו! ווי אמתדיק רבקהליש זי איז געווען!“

* * *

די גאַנצע וואָך נאָך דער פאַרשטעלונג האָט מען אַלץ גערעדט פון איר. עס האָבן זיך געטראָגן די אָפּקלאַנגען פון דער פאַרשטעלונג.

„רבקהלע“ איז נאָכדעם א פּאָר מאָל געקומען אין ביבליאָטעק אויף לאַ־פּאַז. יעדעס מאָל איז זי אָבער געווען שווייגנדיקער, מעלאַנכאָלישער. און אַז אוונט ווען זי האָט זיך געזעגנט צו אַהיים־גיין, האָט איר האַנט געציטערט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען לייבל דער שמיד וואָס האָט, אַלס בחור, געוואוינט אין א לעצטן צימערל פון הויף וואו עס האָט אויך געוואוינט „רבקהלע“ אין א באַזונדער צימערל איז אַרום צוועלף אַזייגער באַנאַכט אַהיימגעקומען, האָט ער געטראָפן א שוידערליך בילד: אין פינסטערן ווינקל פון הויף, נעבן זיין צימערל, אויף דער בעלקע וואָס האָט אַרויסגעשטאַרט פון אונטערן דאַך, איז געהאַנגען א פרוי, די בלאָנדע האָר צעלאָזן, דעם שלאַנקן קערפּער אויסגעצויגן און אונטער די פיס איז געלעגן אומגעוואָרפן א בענקל...

„רבקהלע“!..

* * *

פאַרוואָס האָט זיך „רבקהלע“ געהאַנגען?..

אויפן טישל פון איר מיידלשן צימערל איז געלעגן אַ שטיקל ווייס פאַפּיר און מער ווי אַ שטומער טינטפלעק איז אויף דעם נישט געווען.

חברים און חברטעס האָבן צוזאָמענגעפאָרן נישט געאַרבעט. ס'האָט געוויי־טיקט דאָס האַרץ. מען איז געקומען צום לעצטן מאָל נאָך אַ קוק טאָן אויף דער ליבער „רבקהלע“, וואָס איז געלעגן צווישן בלומען אויף איר ווייסן בעטל און אַזוי סודותדיק געשוויגן...

די אינדיאַנער פירשטן

Buenos Aires

די אינדיאַנער פירשטן

1

אַף דער גאַס טשאַקאַבוקאַ האָט אַ שפּאַנישער פאַריין געהאַט אַ סאַלאָן מיט אַ בינע מיט אַ פּאָר קאַמאַראַטן. דער סאַלאָן האָט זיך פאַרדונגען פאַר אַלץ, אויך פאַר ספּעקטאַקלען פון אידיש טעאַטער.

דער דירעקטאָר פון דער טרופּע, מאַקס מאַרינהאָף — אַליין אַן אַק־טיאָר, איז געווען געניט פּראַקטיש אין טעאַטער געשעפט. ער האָט דערזען אַז „קאַפּיטאַן דרייפוס", וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרן שלום פון זיין אויס־געשעפּטן רעפּערטואַר, מוז אויך שוין אַראָפּ פון „די ברעטער", מען מוז זוכן אַ נייעם רעפּערטואַר, וועלכן מ'קאָן געפינען נאָר צוזאַמען מיט אַ נייעם „שטערן". און אַ נייער „שטערן" איז טאַקע אויך נויטיק אַף צו „נעמען" דאָס פּובליקום. האָט ער אָנגעהויבן צו קוקן אין די „הימלען", וואו עס בלאָנדזשען די „שטערן" און האָט אויער גערופן איינעם אַ באַרימטן אַק־טיאָר פון לאָנדאָן: פיינמאַן.

פיינמאַן איז געווען אַן אַקטיאָר שוין מיט אַ גאָר לאַנג יעריקער רעפּער־טאַציע אין אידישן טעאַטער, איינער פון די פּיאָנערן, מיט אַנערקענונג פון בוקאַרעסט, לעמבערג, ניו יאָרק און לאָנדאָן. ער האָט געברענגט מיט זיך אַ אייגענעם רעפּערטואַר—פּיעסן, וואָס ער האָט אַליין פאַרפאַסט מיט אַ געוויסן אייראָפּעאישן גלאַנץ, אויסער דעם האָט ער געברענגט גאָרדינס רעפּערטואַר, וועלכער איז נאָך געווען ניי און דאָ כמעט אינגאַנצן פרעמד. אין זיין באַגאַזש האָט אויך נישט געפעלט „אוריאל אקאסטא" און „אָטעלאָ" אין אַן אייגענער פרייער איבערזעצונג.

מיט אים איז מיטגעקומען א דאַמע, א דראמאטישע שוישפּילערן, אן „אויפגייענדער שטערן". מ'האָט איר גערופן —

„אינדיאנער פירשטן".

לעגענדארישע געשיכטעס האבן זיך געוועבט ארום דער דאַזיקער יונגער עלעגאנטער דאַמע, וואס איז געווארן דער ליבלינג פון טעאטער גייער, די העלע זון אין דער אידישער טרופּע אף טשאַקאַבוקאָ. און ס'איז געווען א סאך ווירקלעכקייט אין די לעגענדעס.

אזוי האָט מען דערציילט:

אין לאנדאן איז עפּשטיין אָנגעקומען פון פּוילן ווען זי איז געווען א קליין מיידל. בלויז פון הערן (ווייל זי האָט נישט געקענט נישט שרייבן און נישט לייענען) האָט זי שנעל איבערגענומען די ענגלישע שפּראך און איז אָנגעקומען אלס אנגעשטעלטע אין א מאָדע מאַגאַזין. עס האָט איר אָבער געצויגן צום טעאטער, וואו דאס לעבן איז פרייער, יום טוב'דיקער.

איר געטאָקטע, גראציעזע, שלאַנקע פיגור; איר שטאָלצער קאָפּ מיטן ליכטיק פּנים און גרויסע העלע אויגן; אנגענעמע שטימע און קלארע דיקציע; איר גלעטנדער בליק און גראציעזע באַנעמונג; איר באַחנטער זשעסט און איר וואונדערבארע באַנעמונגס פעיקייט — האָט פאר איר ברייט געעפנט דעם טויער פון טעאטער־לאנד. זי האָט אנגעהויבן איר קאַריערע אין לאָנדאָנער סקיצן טעאטער, וואו זי איז געווארן די אָנצי־ענדסטע פיגור. איר יעדער אויפטריט איז באַשאָטן געווארן מיט אפּלאָ־דיסמענטן און בלומען.

צווישן די וואס זיינען געווארן אפטע באַזוכער פון טעאטער, וואו זי האָט געשפּילט, איז געווען איינער — א אינדיאנער פירשט וואס איז גע־ווארן צו איר נישט גלייכגילטיק.

צוערשט האָט ער זיך פארליבט אין איר ווי מען פארליבט זיך אין

א קונסטוועדק. דערנאָך האָט ער זיך פאַרליבט אין איר ווי מען פאַרליבט זיך אין א פרוי.

פאַר וועמען דאָס טירל פון הינטער די קוליסן איז געשלאָסן, נאָר פאַר א פירשט האָט זיך עס געעפנט. פלעגט דער פירשט, אין אנטראַקט אָדער נאָך דער פאָרשטעלונג, ארונטערקומען הינטער דער בינע און איר אויסדריקן זיין באַוואונדערונג, איר שעצן און דאנקן און איר דריקן די האַנט.

דער האַנט־דרוק איז געוואָרן וואָס אמאָל שטאַרקער, האַרציקער, די בליקן — וואַרימער, ליידנשאַפטלעכער ביז ער האָט איר דערקלערט זיין באַגער צו זיין איר מאַן.

זי האָט זיין פאָרשלאַג אָנגענומען. עס איז געווען דער אויסדרוק פון איר ליבע־אויפברויז, וואָס דער פרעמדער ברוין־הויטיקער מאַן האָט ארויס־גערופן אין אירע יונגע מיידלשע בלוטן. צו דעם האָט זיך אין איר צעשפּילט איר קינסטלערישע נאַטור — איר פאַנטאַזיע, וואָס האָט איר אוועקגעטראָגן אין וויטן פאַנטאַסטישן לאַנד צו א לעבן פון א פירשטן, אין דער טיפער אינדיע.

אזוי איז דאָס אידישע מיידל פון פּוילן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א אינדיאַנער פירשטן...

* * *

דער פירשט האָט, אוים אייפערזוכט פון זיין פלאַם פייערדיקע אריענ־טאַלישער ליבע, איר געהאַלטן ווי פאַרשלאָסן אין זיינע פּאַלאַצן, אָפּגעשיידט פון דער מענטשלעכער וועלט, עס זאָל אף איר נישט פאַלן קיין בליק פון אַן אנדערן מאַן. עס זאָל נישט פאַלן אירער א בליק אף אַן אנדערן מאַן.

אזא פאַרשלאָסן לעבן האָט זי נישט געקענט לאַנג איבערטראָגן.

דער פירשטנטום, מיט זיין גאַנצן רייכטום און גלאַנץ, האָט זיך פאַר איר פאַרוואַנדלט אין א שווערער תפיסה אָן לופט. פון טאָג צו טאָג איז זי פון דעם פאַרשלאָסענעם לעבן געוואָרן אומעטיקער, טרויעריקער, בלאַסער.

דער פירשט וואָס האָט איר אלץ געשטעלט צום דינסט: זיין רייכטום,

זיינע הויפדאמען, זיין רום, זיין טריישאפט, האָט נישט פארשטאנען וואס איר פעלט; ער האָט נישט פארשטאַנען אז זי קאָן נישט זיין נאַר ווייב, מעג דאס זיין פון א פירשט; ער האָט נישט פארשטאנען אז די „פירשטן" קאָן נישט לעבן אין א שטייג, מעג זי זיין פון גאלד; ער האָט נישט פארשטא־נען אז זיין פירשטלעכער הארייזאנט איז פאר איר ענג, אז זי ווערט אין אים דערשטיקט; אז איר פעלט לופט, פרייהייט, ברייט לעבן, אָפענע וועלטן — און אז איר פעלט טעאטער.

האָט דער פירשט נאָר נאָכגעקלערט פון מאָמענטן, וואס זאלן איר אויפלעבן, דערפרייען, דערמונטערן, און איינמאָל ווען עס האָט זיך דער־נענטערט דער „פירשטנס" געבורטסטאג, האָט ער געוואלט באפעלן צו פייערן א יום טוב אין גאנצן פירשטנטום לכבוד דער פירשטן, אָבער זי האָט אים דערפון אפגעהאלטן.

— ניין. דאס וועט מיך נישט דערפרייען. אויב דו ווילסט מיר צוליב טון, לאָמיר, אין מיין געבורטסטאג, ערגעץ ארויספאָרן, א וייטן שפאציר מאכן... צושטרייען זיך...

דער פירשט האָט נאכגעדענקט און צוגעשטימט:

— גוט! מיר מאכן א לוסטרייזע אף א אינדזל.

די ערשטע נאכט אפן אינדזל, אין רייכסטן האָטעל, ווען דער פירשט איז געווען אין טיפן שלאף, האָט זי זיך ארויסגעגאנוועט פונם שלאפצימער און איז אוועק.

„די אינדיאַנער פירשטן" נעמט ארויס פון איר קופערט, וואו זי האלט אירע טייערע אָנדענקונגען, א קליינעם ראָל פאפיר ארומגענומען מיט א רויט בענדל, וויקלט עס פאנאנדער און זאָגט:

— דאס, זעט איר, איז די שיפסקארטע פון דער לוסטרייזע, אין מיין געבורסט־טאג, אף דעם אינדיאַנער אינדזל. אָט איז זיין נאָמען נעבן מיינעם. עס איז מיין איינציקער אנדענק פון יענעם עפיזאָד אין מיין לעבן...

א פּאָר שטילע טרערן האָבן זיך צושמאָלצן אין אירע העלע, וואַרימע אויגן. א סטרונע פון בענקשאַפט האָט א ציטער געטון. זי האָט צערטלעך צוריק איינגעראַלט די שיפסקאַרטע, אַרומגענומען מיטן רויטן זיידענעם בענדל און האָט געזאָגט:

— ס'איז מיר געווען גוט, געבאָדן זיך, ווי מען זאָגט, אין מילך און האָניק. דאָך האָב איך זיך געפילט שלעכט. וואָס האָט מיר געפעלט? כ'האָב געהאַט פון אַלעם גוטן פון וואָס מ'קאָן נאָר חלומען. דאָך האָט מיר אַלץ געפעלט און —

— עס איז געשען דאָס וואָס האָט געמוזט געשען — — — — — — —

בין צוריק געקומען אין לאָנדאָן. אין אָרעמקייט, אין הונגער, אָבער באַפרייט פון די גאָלדענע קייטן. און גליקלעך האָב איך זיך געפילט ווען איך בין ווידער געשטאַנען אויף די ברעטלעך פון טעאַטער —

— דאָס מאָל שוין אין אידישן טעאַטער.

2

דער אידישער טעאַטער אויף טשאַקאַבוקאָ האָט אויפגעשיינט מיט נייע „שטערן", מיט א נייעם רעפּערטואַר. עס איז אויפגעטראָטן אויף דער בינע די אייראָפּעאישע פרוי, די גראַן דאַמע, די העלדין — עס איז געווען פאַני עפּשטיין, וואָס איז קוים צוויי יאָר אויף דער אידישער בינע און האָט זי באַהערשט. איר דערשיינען אין יעדער סצענע, אין יעדער ראָלע, אין יעדער פּיעסע, האָט פאַרפלייצט דעם טעאַטער מיט אזא באַרוישנדער שטימונג, וואָס האָט אויפגעהויבן כוואַליעס אין די הערצער פון די צושויער.

און אויף כוואַליעס האָט זיך געטראָגן די לעגענדע פון דער „אינדיאַנער פירשטין"...

אין טעאַטער זיינען געלאָפן אַלע. אויך „חברה־לייט" און זייערע „נקבות"...

אין פאָלק האָבן זיך געשאַפן פארשידענע איראָנישע נעמען פאר זיי: „רייכע קרובים", „יחוס", „צארסקע פאמיליע", „יענע" אָבער מ'האָט מיט זיי גערן געהאנדלט, ס'איז בא זיי לייכט געווען א פעזאָ צו פארדינען; מ'האָט אָנגענומען זייערע טובות; דאנקבאר געווען זיי פאר זייער וואויל־טעטיקייט; זיי האָבן געהאָלפן אראפברענגען א קרוב, געשטיצט נויטבא־דערפטיקע; זיי האָבן חתונה געמאכט אַן אָרימע כלה, געפראוועט א רייכן ברית בא אַן ארימען פאטער; זיי האָבן גערן געשטיצט אַלץ וואס אידיש איז: געקויפט בא אידישע קרעמער; געלאזט זיך ארבעטן בא אידישע באַלמעלאכעס; געמאכט א אידישע שול און בית עולם אפצוהיטן פרומקייט און אויך געשטיצט אידיש טעאַטער און ארטיסטן.

אַזוי האָט מען זיך געלעבט„גוט און וואויל" מיט „די רייכע קרובים", מיטן „יחוס", מיט דער „צארסקע פאמיליע", מיט „יענע", כאָטש דאָס בלוט האָט זיך געשטעלט אין פנים פון שאנדע, געמיינט אז אין אמעריקע מוז עס אזוי זיין, ביז אין א זונטיק ווען אין טעאטער האָט מיט דער „צארסקע פאמיליע" אויסגעבראָכן א סקאַנדאַל.

דאָס איז געשען ווען פאַני עפשטיין האָט געשפילט „מרים", וואָס שפיגלט אָפּ דאָס טרויעריקע לעבן אין „פריילעכן הייזל". עס האָט פאר־קלעמט די „נקבות" באַ זייערע הערצער, וואָס האָבן געוויינט אפן קבר פון זייער אומשולד. די „חברה־לייט" האָבן נישט געקאנט אויסזיצן די דראמע און האָבן אויפגעהויבן א גערודער.

דעמאָלט האָט אויסגעבראָכן דער ערשטער קאמף מיט די פרויען הענדלער.

דער קאמף האָט א צייט אָנגעהאלטן אין שטאָט. מען האָט זיך געשלאָגן אין די גאסן און אף די פלאַסעס. עס זיינען געמאכט געווארן מיטינגען און מאניפעסטאציעס; עס זיינען געקליבן געווארן אונטערשריפטן צו פאר־דערן פון פארלאמענט די סאנקציע פון פאלאסיאס אנטיפרויענהענדלער פראיעקט; עס זיינען פון „יונגט" פאריין אפגעדרוקט געווארן פלאקאטן, פאנאנדערצוהענגען אף אלע הייזער, מיט דער אויפשריפט אז „דאָ ווערט נישט פארדונגען פאר פרויען הענדלער".

און כאטש די דאזיקע פּלאקאטן זיינען געבליבן ליגן אין לאקאל פון דער „יוגנט“ און דער גאַסן קאמף מיטן „יחוס“ האָט זיך געענדיקט „אָן זינער און אָן באזיגטע“, איז דאָך דער טעאטער געבליבן ריין פון זייער געביין; אָן „יחוס“, אָן שונד און אָן שאַנד אף א לאנגער צייט.

זיגמונד פיינמאַן, פאני עפּשטיינס לערער, איז געהאט אוועקגעפאָרן. ער איז אוועקגעפאָרן מיטן געדאנק אין א יאָר — אָנדערהאלבן צוריקצו־קומען און שטעלן א „ליטיש“ טעאַטער נישט בלויז אין זיין אינערלעכער פאָרם נאָר אויך אין זיין אויסערלעכער פאָרם.

אָבער פיינמאן איז מער נישט צוריקגעקומען. ער איז געשטאָרבן אף דער בינע אין גרויסן טעאטער פון לאָדז.

* * *

פאני עפּשטיין האָט פארטראטן פיינמאנען אין דער קינסטלערישער ליטונג. דער טעאטער גייער — אָן אויסשליסלעך קולטורעל דערהויבענער ארבעטער, האָט זיך נישט געוואלט אָפּשטעלן אף דער גאַרדין „בריק“ צווישן דער אַלטער אָפּערעטאָ און מאָדערנער דראַמע. ער האָט דאָך צוליב עפּשטיינס שפּילן גערן געזען „די קרייצער סאָנאטא“, „מירעלע אפרת“, „מאַפאָ“, „מעדעא“ און האָט אריבערגעיאָגט אף דער אנדערער זייט בריק, צו הירשביין, אַש, פּינסקי, איבסן, מירבאָ. דער דאָזיקער שפּאַן איז געמאכט געווארן אזוי שנעל, אזוי אין גאלאָפּ, אז דער אַנסאמבל האָט אים קוים גע־קאָנט נאָך גאַלאָפּירן, נאָר פאַני עפּשטיין האָט וואונדערבאר לייכט, קרעפּטיק און גראציעז זיך דורכגעטראָגן פאָראויס און אַליץ באגייסטערט און געטונקען די אוידיטאריע אין כוואליעס פון שטימונג דורך אירע אויפ־טריטן אין נייסטן רעפּערטואר.

און פאני עפּשטיין האָט אַליץ נישט געקאנט נישט שרייבן, נישט לייענען, נישט אף אידיש און נישט אף קיין אנדער שפּראך, פון די וואָס זי האָט אזוי פערפעקט און חנעוודיק גערעדט. אבער איינמאל אויסהערן די גאנצע פּיעסע

און אַ פּאָר מאָל — איר טייל צום שפּילן, איז דאָס פּאַר איר געווען גענוג צו רעזשיסירן דעם ספּעקטאַקל; צו איבערנעמען די אידעע, דאָס פּראָבלעם צו זען פאַר זיך די פּאַסנדע סביבה; צו שאַפן טיפּן, פאַרב, שטימונג. זי האָט נישט אויסגעלערנט איר ראָלע — זי האָט זיך אין דער ראָלע אַריינגעלעבט מיט אַלע אירע חושים און גלידער; מיט איר גראַציעזער שפּראַך און מיט איר קינסטלעריש פילנדיקער נשמה.

געוואוינט האָט פאַני עפּשטיין אין אַ פּענסיאָנאַט, וואו זי האָט געהאַלטן אַ צימער; איז איר צימער פאַרוואַנדלט געווען אין אַ מין חסידים שטיבל פון אַרטיסטן, ליבהאָבער און קולטור טוער.

ווער האָט דען געקאַנט באַשטיין דעם נסיון נישט צו זיין בא דער „אינ־דיאַנישער פירשטין"?

צו איר זיינען געגאַנגען דעלעגאַציעס פון אַרבעטער אינסטיטוציעס וועגן בענעפיטן, כאָטש מען האָט געוואוסט אַז וועגן דעם דאַרף מען גיין צום געשעפט־פירער פון דער טרופּע. וועלכע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע עס האָט געוואָלט זיין זיכער מיט אַ דערפאָלג פון אַ אינטערנעמונג, האָט זיך געווענדעט צו פאַני עפּשטיין און זי האָט די אַרבעטער אונטערנעמונגען באַשיינט, באַלעבט און פאַרזיכערט מיט דערפאָלג; צו איר זיינען געגאַנגען ליבהאָבער פון אַלע מינים: ליבהאָבער מאַניאַטיקער, ליבהאָבער פאַרצווייי־פלטע, ליבהאָבער נאַאיווע, פאַרטרוימטע און באַשיידענע, און אַלע האָבן בא איר עפּעס געפינען: ווער אַ טרייסט, ווער אַ ליכטיקן שטראַל פון האָפנונג, ווער אַ דערמונטערונג און ווער אַ גוטמוטיקע וואָרענונג... צו איר זיינען גע־גאַנגען קולטור טוער אף שמועסן וועגן טעאַטער, ליטעראַטור, קולטור, גע־זעלשאַפטלעכקייט, און עס זיינען שטענדיק געווען אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי ליב די דאַזיקע שמועסן מיט איר; בא איר האָט מען שטענדיק געטראָפן אירע חברים אַרטיסטן אין געשפּרעכן וועגן פּיעסן, וועגן שפּילן; וועגן כאַראַקטערס, אייגנשאַפטן, געוואוינהייטן פון פעלקער, פון מענטשן, פון

צייטן, פון ערטער; געשפּרעכן אילוסטרירטע ווענן סצענעס, מימיק, דיקציע און אינטאנאציע.

און דאך האָט זי זיך געפילט עלנט, איינזאַם, און האָט אין מינוטן שטילע, אינזיכיקע, האַרציקע —

— געוויינט...

פון גליק? פון אומגליק?

ווער ווייסט...

אין מאי חודש פון ארגענטינעם הונדערט יעריקן יובל, האבן בייזע כחות צושטערט די אידישע ארבעטער אינסטיטוציעס. טייל פון זייערע בויער זיינען פארשלאסן געוואָרן אף שיפן, דעפּארטירט צו ווערן. די פריי גע־בליבענע, אונטערן בלייענעם הימל פון קריגס צושטאנד, האָבן זיך צע־וואָרפן אין געהיימע קעמערלעך פון אונטערערד.

דעמאָלט האָט זיך די שווארצע מאכט געשטעלט בא דער טיר פון אידישן טעאטער און געשטעלט דעם רעפּערטואר אונטער איר צענזור.

נאָר שונד האָט באקומען די דערלויבעניש געשפּילט צו ווערן און נאָר שאַנד האָט געהאט די פרייהייט און די זיכערקייט צו באזוכן דעם טעאטער.

„יענע" זיינען ווידער געוואָרן די שטיצער און די באזיצער פון טעא־טער.

* * *

פאני עפּשטיין, אוים נויט און רחמנות צו אירע אומגליקלעכע קאָלעגן, האָט נאך א קורצע צייט מיטגעשפּילט אין דערנידריקטן טעאטער, וואס איז שוין נישט געווען אירער: נישט איר רעפּערטואר, נישט פון איר זשאנער נישט פון איר באציונג, נישט איר אוידיטאָריע.

— איר ווייסט דאך ווי ליב עס איז מיר דער טעאטער. איז ער דאך מיין איינציקער טרייסט, מיין גאנץ לעבן און דעריבער וויין איך אף זיין חורבן. איך פאָר אוועק. וואוהין? גלויבט מיר אז איך ווייס אליין נישט. איך וועל פאָרן וואו דער ווינט וועט מיך פארטראָגן. איך טרייסט זיך נאָר מיט

דער האָפנונג, אַז אייביק וועט דאָך נישט זיין נאַכט און ווען די זון וועט צוריק אויפגיין און עס וועט ווידער ווערן טאָג, זועל איך קומען און צוזאמען מיט אייך, צוזאמען מיט די פאַרגעשריטענע אידישע אַרבעטער, וואָס האָבן אַ געפיל פאַר קולטור, פאַר קונסט און דעריבער אויך פאַר טעאַטער, זיך פילן גליקלעך צו זיין פון די בויער פון אַ אידישן טעאַטער אין בוענאָס איירעס. עס ווילט זיך דאָך עפּעס אויפטון אין לעבן...

זי האָט אויסגעמאָלן אין פּרעכטיקע פאַרבן דעם קינפטיקן טעאַטער פּאַלאַץ, אין וועלכן עס וועט זיין אַ כבוד און אַ נענוס אַריינצוקומען אַזוי פאַרן אַרטיסט ווי פאַרן צושויער און האָט צוגעגעבן:

— קאָן זיין, אַז דאָס איז נאָר אילוזיע, אָבער דערלויבט מיר כאָטש מיטצונעמען, אַף מיינע בלאַנדזשענדע וועגן אַ שיינע אילוזיע!..

פאַני עפּשטיין איז צוריק פאַרטראָגן געוואָרן צו איר מוטערלאַנד דאָרט שפּילט זי צוערשט אין גרויסן טעאַטער פון לאָדז — אין טעאַטער אַף וועמענס בינע איר לערער איז געשטאָרבן — דערנאָך שפּילט זי אין וואַרשע ווערט געריסט, געלויבט; ווערט געטראָגן אַפן רויש פון אַפּלאַדיסמענטן און באַשאָטן מיט בלומען ביז —

— דער טויט האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

זי האָט אָפּגעשפּילט איר לעצטע ראָלע. דער פאָרהאַנג איז געפאַלן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אין אַ טריבן טאָג האָבן זיך, אין בלאָטעס פון אַ זייטיקער וואַר־שעווער גאַס, וואָס פירט צום בית עולם, געשניטן די רעדער פון אַ איינזאַמען שוואַרצן וואָגן... אין אים האָט גערוט פאַני עפּשטיין, איינגעהילט אין דער לעגענדע פון דער „אינדיאַנער פירשטן"...

שוואַרצבערג

שוואַרצבערג

א פּופּציק יעריקער בחור, אַן איטאַליענער, א קיילעכדיקער, א הויי־כער, א רויטער מיט א פּנים אַן אויסגעוואַשנס אין קאַלטער וואַסער מיט שמעקעדיקן זייף, איז געווען דער באַלעבאָס וואָס איז, אין זיין גרויען לייווענטענעם מאַנטל, פּונקט זיבן אַזייגער אינדערפרי אריינגעקומען אין וואַרשטאַט.

דאָס איז געווען א לאַנגער לאָקאַל, א האַלב טונקעלער מיט געש־לענגלטע וואַסער שטריכן אַף דער נאַר וואָס אויסגעקערטער פּאָדלאָגע. די מאַשינען זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין כמעט א גלייכער רייע גרייט צו באַניען די ריטמישע באַוועגונג פון זייערע גלידער נאָך א נאַכט רו. הויפנס אנגעהויבענע, האַלבע און ניט פאַרענדיקטע מעשענע אַפּאַ־ראַטן, קופּערנע זעקס־קאַנטיקע לאַמטערנעס, צינקענע וואַנעס, זיינען אַנ־געוואָרפן צווישן די מאַשינען און בא די לאַנגע טישן, אַף וועלכע עס העג־גען א רייע לייט - אייזנס אַף גאַז און אַף די ווענט זיינען צוהאַנגען קופּעס בלעכענע מאָדעלן.

אַלע אַרבעטער: איטאַליענישע, שפּאַנישע, פראַנצויזישע, אידישע, האָבן זיך שוין איבערגעטון אין די בלוי לייוונטענע אַרבעט קליידער, וואָס ווערן געניצט אין דער מעטאַל אינדוסטריע. יעדער פאַרנעמט זיין פּלאַץ און עס באַנייט זיך דאָס געקלאַנג פון דער אַרבעט. נאָר איין פּלאַץ, אין דער לאַנגער שערענגע איז נאָך נישט פאַרנומען —

שוואַרצבערג איז, ווי געווענלעך, נאָך נישט געקומען צו דער אַרבעט.

די אַרבעטער האָבן שוין געוואוסט, אַז דער באַלעבאָס גייט פאַרביי מיט א קללה שוואַרצבערגס פּלאַץ און אַמאָל קריצט ער אויך מיט די ציין

ס'איז אבער געווען געגוג, אז דער באלעבאס זאל כאפן א קוק אף שווארצ־בערגס א שטיקל ארבעט — אזוי ריין, אזוי גלאטיק, אזוי מייסטערהאפט, אז אף זיין גלאטיקן פנים זאל זיך צולייגן א שמייכל.

וויפיל פרימארגנס האט דער באלעבאס ווי צו זיך גערעדט:

— דעם דאזיקן „רוסא" מוז איך ארויסווארפן! ער הארגעט דאך אוועק דעם ווארשטאט! וואו איז דאס געהערט געווארן, אז אן ארבעטער זאל נישט קומען צו דער צייט! ארבעטער דארפן קומען מיט א האלבער שעה פריער און ער — שטענדיק מיט א האלבער שעה שפעטער! אדער פעלט גאנצע האלבע טעג! זאגט מען אים א ווארט — פליט שוין דער האמער צו אלדישווארציאר און כאפט זיך שוין צום רעקל. ר'איז שוין נישט מיינער! און זאגט מען א ווארט אן אנדערן ארבעטער, זיצט שוין דער „רוסא" מיט אן אראפגעלאזטער נאז, גייט שוין בא אים קיין ארבעט נישט, אדער ער שטייט שוין מיט א פאר גזלנישע אויגן און פראטעסטירט און ווארנט... ער קאן ניט דולדן, זאגט ער, מ'זאל ארבעטער שלעכט באַ־האנדלען! וויל איך אפזאגן אן ארבעטער, ווייל ער טויג מיר נישט; ער מאכט נאר קאליע מאטעריאל, און... אויסער דעם: בין איך דא באלעבאס צי נישט? דארף איך מורא האבן ס'זאל שווארצבערגן ניט פארדריסן. אן ארבעטער, זאגט ער, איז א מענטש, אן עקספלאטירטער, וואס פארדינט מיט שוויים זיין ביסן ברויט; מיט א מענטשן ווארפט מען זיך נישט! טאמער איז ער נישט אזא קינסטלער, איז וואס? איר באצאלט דען פאר קונסט ארבעט?!

און בשעת דער באלעבאס זשעסטיקולירט און כעסט זיך אזוי צו שווארצבערגס לײדיקן פלאץ אדער פארן קאפאטאז, קוויקן זיך דערפון די ארבעטער, מאכנדיק זיך ווי זיי הערן גארנישט און זיינען שטארק ארײנ־געטון אין דער ארבעט...

* * *

אין ווארשטאט איז געווען איינער, וואס האט געזען אנצוהאלטן זיין פלאץ דורך ארויסווייזן טריישאפט דעם באלעבאס, ווען ער פלעגט

איבערטראגן אלץ וואס טוט זיך אין ווארשטאט און אויסער אים. אזוי האָט ער אויך איבערגעטראגן אז שווארצבערג איז א גאנצער ארגאניזאַטאָר אין פּראָפעסיאָנעלן פאריין, וואוהין ער האָט שוין פארשלעפּט אלע ארבעטער פון ווארשטאַט, אפילו די לערנאינגלעך, ער האָט „אָפּגעטראגן" דעם באלעבאן אז שווארצבערג איז א סאציאליסט, א רעוואלוציאנער, א קולטור טוער אַף דער אידישער גאס. וואו א פאריין, וואו א פארזאמלונג איז דארט שווארצבערג ביז אין די האלבע נעכט, און טאמער טרעפט אמאל אז ער גייט נישט אין פאריין אדער אַף א מיטינג, א רעפעראט, גייט ער אין טעאטער אדער טרעפט זיך מיט א גאנצער כאָפּטע אין קינע־קאפע און אגיטירט זיי און רעדט צו זיי פון קלאסן קאמף, פון קולטור, פון סאציאַליזם... איז דען א וואונדער, אז ער פארשלאפט זיך יעדן טאג?

און דאָס וואס דער באלעבאס האָט געוואוסט פ א ר ו ו א ס שווארצבערג פארשפּעטיקט זיך כסדר, האָט אים נאך מער אויפגעטראגן. ער האָט אבער מורא געהאט פאר א שטרייק, אויב ער וועט שווארצבערגן אפּזאגן און ס'איז גלאט געווען שווער אפּצוזאגן אזא בריליאנטענעם ארבעטער, וואס גיט ארויס א שטיקל ארבעט נאר צו שפּיגלען זיך אין דעם. צו וועמען פירט מען צו א גוטן קליענט, וואס קומט וויזיטירן דעם ווארשטאט? צו שווארצבערגן. ווער ווייסט אזוי לייכט ווי שווארצבערג ארויסצוקומען פון א קאמפּליצירטער ארבעט? און ווער קאן אזוי ווי שווארצבערג מאכן אזא קאמפּליצירטע נייעס צו פּאטענטירן, אז אנדערע ווארשטאטן זאלן עס נישט קאנען נאָכמאכן?

* * *

שווארצבערג, א ריזעדיקער ברייטביינערדיקער יונג, מיט א ברייטער פּלייצע, מיט א פּאר פעסטע מוסקלען הענט, גלייך דער קערפּער, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, מיט צוויי רייען געזונטע ציין אין לאכנדיקן מויל, פלעגט אריינקומען מיט א קלינגענדיקן „גוט מאָרגן", וואס איז אויפגעכאַפּט געווארן פון די זשומענדע קאלירטע לייט־אייזן פּייערלעך און פון ריטמישן געקלאנג פון די העמערלעך. די מאָנאָטאָנע מוזיק פון'ם ארבעט־געצייג איז

וואָקאַליש באַפאַרב געוואָרן מיט לידער פונם אַרבעטער פּערזאָנאַל, וואָס האָט אָנגעהויבן צו זינגען ערשט ווען שוואַרצבערג איז געווען מיט אים. אָן געזאַנג איז בא שוואַרצבערגן נישט געגאַנגען קיין אַרבעט. באַלד ווי ער האָט אָנגעצונדן דאָס לייט-אײַזן, אָדער גענומען דעם האַמער אָדער דעם צירקל אין האַנט אַרײַן, האָט ער אינסטינקטיוו אָנגעהויבן צו זינגען.

און דאָס זינגען אין וואַרשטאַט איז געווען אַזאַ אָנשטעקעניש. ס'איז גענוג געווען אַז איינער זאָל אָנהויבן אַ באַקאַנט ליד, אַז דער צווייטער זאָל באַלד מיטברומען, דאָס זעלבע דער דריטער, דער צענטער, דער צוואַנציקסטער — אַלע. צוערשט האָט זיך דאָס ליד געברומט, דערנאָך איז אַוועק דאָס ליד מיט אַ טאָן אַלץ העכער, העכער, ביז עס האָט איבערגעשטיגן דאָס מאָנאָטאָנע זשומען פון די קאַלירטע לייט-אײַזן פּייערלעך און דעם ריטמישן געקלאַנג און געקלעפּער פון די העמערלעך און די מאַשינען. און ווען דאָס ליד האָט געהאַלטן גאָר הויך, איז שוואַרצבערג פון עקסטאַז אויפגעשפּרונגען און אָנגעהויבן דיריזשירן:

— אַזוי חברים! העכער! זאָל קלינגען דאָס ליד!

דעם באַלעבאָס האָט דווקא נישט געאַרט דאָס זינגען. ער איז געווען אַן איטאַליענער און דערצו האָט ער געהאַלטן אַז מיט געזאַנג אַרבעט זיך געשמאַקער, נאָר ווען שוואַרצבערג איז אויפגעשפּרונגען און גענומען דיריזשירן מיטן האַמער אין האַנט, האָט אים דער באַלעבאָס אָפּגעשטעלט:

— וואָס איז מיט אײַך שוואַרצבערג! ס'איז דאָך דאָ נישט קיין קאָנצערט...

* * *

צום טעגלעכן פּאַרשפּעטיקן זיך פון שוואַרצבערגן האָט דער באַלעבאָס זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט, אָבער שוואַרצבערג האָט אָנגעהויבן פעלן צוערשט האַלבע טעג און דערנאָך גאַנצע טעג אין דער וואָך ביז ער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט קומען צו דער אַרבעט.

איינמאָל פאַלט שוואַרצבערג אַרײַן צו זײַן חבר ווע, טוט אַ שליידער

דעם ווייכן הוט אפן „פרעגאלי"‚* זעצט זיך רייטנדיק אף א שטול מיט פנים צום אנלען און זאָגט:

— פאַרטיק! שוין באַפרייט זיך פון דער וויסטער פאַבריק.

— וואָס הייסט...

— דו ווייסט דאָך שוין פון לאַנג, ווי דער וואַרשטאַט האָט זיך מיר דערעסן. איז ער דען נישט דאָס זעלבע ווי א הינטישע בויד? ביזט צוגעבונדן אין אים ווי א הונט אף דער קייט, קאָנסט נאָר בילן און מער נישט...

שוואַרצבערג, פאַררויכערט, שפּאַנט איבערן צימער און רעדט מיט שוים אף די ליפּן:

— אין קאָפּ טראָגן זיך אַזוינע שיינע, אַזוינע הויכע געדאַנקען, וועלט באַפרייענדיקע, און אין האַרץ ברענט א פייער, וואָס לאָזט נישט רוען; וואָס טרייבט צו גרויסע טאַטן, צו אימפּאַזאַנטע. טוסט זיך א ריר און דערשפּירסט באַלד די פאַרזשאַווערטע קייט אף די הענט און אף די פיס. דאָס לעבן איז אַזוי ענג, אַזוי געצוימט, אַזוי מאַנאַטאָן, לאַנגווייליק, פאַרשטויבט!.. בין געווען אין טורמע, האָב איך געפילט, אַז דער קערפּער איז פאַרשפּאַרט, אָבער דער גייסט איז פריי. ליידסט צוליב אַן אידעאַל און ווייסט, אַז מיט דיין פאַרשפּאַרט זיין, ווערט דער אידעאַל ליבער, הייליקער, שטאַרקער, טריאומפירענדער. אָבער אין וויסטן וואַרשטאַט ביזטו אויך גייסטיק פאַרשפּאַרט. דער פאַקט פון זיין אין וואַרשטאַט דערמאָנט אין גאָרנישט; אין גאָרנישט!... ביזט נישט מער ווי אַן אַרבעטס־חיה, וואָס עמיץ האָט איינגעשפּאַנט.

— קלאַפּסט אין אַ אָפענער טיר, שוואַרצבערג, ווער זאָגט דען דיר, אַז עס איז נישט אַזוי? דעריבער פירן מיר דאָך א קלאַסן קאַמף, א סאָציאַלן קאַמף...

— קלאַסן קאַמף, סאָציאַלער קאַמף — איך צווייפל נישט אין דעם, אָבער דער קאַמף שלעפּט זיך ווי אַן אַלטער וואָגן, געשלעפּט פון אָקסן, און בלייבט כסדר שטעקן אין בלאָטע!... די שיינקייט, וואָס כ'האָב פריער

---

*) אַזאַ בעטל

געזעען אין יעדער באַוועגונג פונם אַרבעטער, זע איך נישט מער. נישטאָ מער יענער רייץ, יענע יאַנטעוודיקייט, מיט וואָס עס האָט געאָטעמט יעדע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, יעדע פאַרזאַמלונג, יעדער קער; נישטאָ מער יע־נער הייסער ענטוזיאַזם, וואָס האָט געלויכטן אויף יעדנס פּנים; יענער הייליקער ציטער אין יעדן, וואָס האָט זיך געשטעלט אין די קעמפנדע רייען. יעדנס וואָרט איז דאָך געווען אַ לירישער קלאַנג, און די ווערטער פון אַלע, זיינען געווען אַ הערלעכע סימפאַניע, וואָס האָט דערהויבן דעם גייסט און דיך געטראָגן אין אַ וועלט פון פרייד פון האַרמאָניע, געזאַנגען!... איצט איז אַלץ וואָכעדיק, גרילצנדיק, אַן אַ שבת און אַ זונטיק — עך!

— שוואַרצבערג, זע ווי עס שוימט דיר פון מויל... דוכט זיך אַז דו ביזט נישט מיט אַלעמען... באַרויק זיך...

— וואָס האָסטו געזאָגט? „באַרויקן זיך“? אַדיאָס!

שוואַרצבערג איז אַוועק און פון דער שויבנטיר איז אַרויסגעשפּרונ־גען אַ שויב.

שוואַרצבערגס געדאַנק האָט זיך אָנגעשפּיצט אויפן טעאַטער. דער דאָזיקער געדאַנק איז אים אַריין אין קאָפּ נאָכדעם, ווי ער האָט דאָס ער־שטע מאָל אַרויפגעטראָטן אויף דער בינע אין אַ ספּעקטאַקל, געשפּילט פון חברים און ליבהאָבער פאַר אַ אידישער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע.

ווען ס'איז אָנגעקומען די פיינמאַן טרופּע, האָט שוואַרצבערג נישט דורכגעלאָזן קיין איין פאָרשטעלונג, ביז ער איז אָנגעקומען אין דער טרופּע פאַר אַ סטאַטיסט.

דער ראָל פון אַ סטאַטיסט האָט שוואַרצבערג אין אָנהויב צוגעגעבן גרויס באַדייטונג. ער האָט אין דעם געזעען די מאַסע, דאָס פאָלק, די קראַפט, און ער האָט זיך געשטעלט אין פראָנט פון דער דאָזיקער קראַפט, אָבער שפּעטער האָט דאָס אים נישט באַפרידיקט און ער האָט אָנגעהויבן צו פאָדערן

ראלן, גרויסע, העלדן־ראלן, אזעלכע וואס קיינער אין דער טרופע קאָן זיך נישט אונטערנעמען צו שפּילן.

זיינען אקטיארן צו שווארצבערגן געווארן „ערנסט" און... אזוי ווי אין העלדן־ראָלן דארף דאָס קול פונם „העלד" אָפּהילכן אין די ווייטסטע ווינק־לען פון טעאטער, האָט מען ארויפגעשיקט שווארצבערגן איינמאל אף דער לעצטער באנק פון דער גאלעריע פארצולייענען פון דארט א ראָלע פארן „פובליקום" — ארטיסטן, וואס האבן זיך געפינען אף דער בינע.

— איר האָט א ריזן שטימע — האָבן שווארצבערגן די אקטיארן געק־לאפּט איבערן פּלייצע — הורא פארן נייעם גרויסן שטערן!...

און שווארצבערגן, וועלכער האָט זיך שוין געזען אין די הימלען, האָט מען געזאגט:

— איר דארפט נאר געפינען אזעלכע פּיעסעס, אין וועלכע עס שפּילן איבערמענטשלעכע העלדן, פארשטעלטע טיטאנען, און מען האט אים געזאגט וואס פאר א פּיעסעס ער זאָל זוכן.

איז שווארצבערג ארומגעלאָפן איבער אלע אידישע ביבליאטעקן און געזוכט די פּיעסן. שטייט שווארצבערג אין א ביבליאטעק מיטן אויפגע־מישטן קאטאלאָג אין האנט, און שרייט, און ווארפט זיך:

— וואס איז דאס פאר א ביבליאטעק, אז מען דארף עפּעס א ווירדיק ווערק איז עס נישטאָ! וואס איז דאס פאר א קולטור ארבעט!

דער ביבליאטעקער האָט א קוק געטון אין פּאפּירל, וואו שווארצבערג האָט זיך געהאט אויפגעשריבן די נעמען פון די פּיעסן, וואס ער זוכט און האָט דארט געלייענט:

„די גרינע קו וואס פליט איבערן קוימען".

„דער שרעקלעכער ריז פון פאריעריקן שניי"

— חבר שווארצבערג, מען מאכט דאך פון אייך חוזק!...

אבער שווארצבערג האָט שוין נישט געזען ארום זיך קיין חברים, קיין פריינט, נאר שטערער פון זיין גרויסקייט, פון זיין רום... און ער האָט שוין קיינעם נישט געגלויבט.

— קליינע מענטשלעך, נישט פאַרגינער וואָס איז זיינט! האָט ער גע־פינעט, וואָס פאַרשטייט איר פון סימבאָליסטיק...

שוואַרצבערג האָט געוואוינט אין אַ קליינעם צימער מיט נאָך אַ בחור אַן אַרבעטער, באַ וועמען דאָס גאַנצע פאַרגעניגן איז געווען דאָס בעטל, וואָס ער פלעגט אָפּהיטן, צערטלען, לויבן און ליבן. נאָכן טאָג שווערער אַר־בעט אין היץ און אין שוויים, פלעגט ער אַהיים קומען, זיך אַרומוואַשן, אַ שמייכל טון צום בעטל, געהערט דאַכט זיך, ווי דאָס קישן, וואָס די מאַמע האָט אים מיטגעגעבן אין ווייטן וועג אַריין, און היט עס ווי אַן אויג אין קאָפּ, שושקעט און ווינקט צו אים מיט אַזאַ ליבן שמייכל: „בעריש! קום באַלד! איך וואַרט אויף דיר"... און בעריש האָט אַזוי שטיל ווי זיין ליב קישן געזאָגט: „טייערע! איך כאַפּ זיך נאָר אַריין אין רעסטאָראַן, עס אָפּ און בין שוין מיט דיר".

בעריש האָט נאָך קיין איין טאָג נישט געפעלט צו דער אַרבעט. ער וואָלט דאָס נישט איבערגעטראָגן. ערשטנס האָט בעריש זיך פעסט באַשטימט אַז יעדן חודש מוז ער אָפּשפּאָרן פערציק פּעזאָס. צוואַנציק אַהיימצושיקן און צוואַנציק אוועקצולייגן אין באַנק. צווייטנס האָט בעריש גלאַט נישט גע־קאָנט זיין אַ טאָג אָן אַרבעט. וואו וואָלט ער זיך אַהין געטון? דאָס בעטל וואָלט אים אויך נישט אַזוי ליב געווען נאָך אַ טאָג נישט אַרבעטן. פלעגט טאַקע בעריש אָפּהיטן די אַרבעט. קיינמאָל נישט פעלן. שטענ־דיק קומען דער ערשטער. איז ער באַלד פון רעסטאָראַן געקומען אַהיים, זיך צוגעגרייט דאָס אַלקאָהאָל־מאַשינקעלע, וואַסער אין טשייניקל, טיי זיך צו מאַכן גאַנץ פרי, און דערנאָך זיך מיט פאַרגעניגן אויסגעצויגן אין בעטל, באַלד איינגעשלאָפן אין אַ זיסן שלאָף און איז אויפגעשטאַנען נאָך פאַרטאָג, ווען אַלע זיינען נאָך געשלאָפן, אויפגעבעט דאָס בעטל, אויסגעלעגט דאָס קי־שן, די קאָלדרע, אָפּגעטרונקען טיי און געלאָפן צו דער אַרבעט.

מיט שוואַרצבערגן איז אים קיינמאָל נישט אויסגעקומען אַ וואָרט אויס־

צורעדן. בעריש האָט נאָך שוואַרצבערס קול נישט געקענט. ווען שוואַרצ־בערג איז אהיים געקומען, איז בעריש געלעגן אין טיפן שלאָף און ווען בע־ריש איז אויפגעשטאַנען איז שוואַרצבערג געלעגן אין טיפן שלאָף.

אַזוי איז דאָס געווען ביז שוואַרצבערג האָט זיך פאַרנומען צו שפּילן א „העלדן ראָלע"...

צוערשט פּלעג שוואַרצבערג, ווען ער איז אויפגעשטאַנען, מיטיקצייט, מאַכן זיינע זשעסטיקולאַציעס, מימיקעס, אינטאָנאַציעס און אַקראָבאַטיק פון די העלדן, וואָס ער האָט אימפּראָוויזירט. ער פּלעגט דאָס צוערשט טון אין די אונטערוועש און שפּעטער אינגאַנצן נאַקעט, כדי צו זען דאָס צוש־פּילן זיך פון זיינע שטייפע און אַנטוויקלטע מוסקולן. שפּעטער זיינען שוואַרצ־בערגן באַפאַלן שלאָפלאָזע נעכט. אונטער זיינע פאַרמאַכטע אויגן, אין בעט, האָט זיך פאַר אים אויפגעהויבן די פאַרהאַנג פון א ריזיקער בינע, אויף וועלכער עס שפּילן זיך די גרויסע גריכישע טראַגעדיעס, און ער, שוואַרצ־בערג, שפּילט די גרעסטע ראָלע, דער ערשטער העלד.

פון שוואַרצבערגס בעט האָבן זיך געטראָגן שרעקלעכע אומפאַרשטענד־לעכע אויסגעשרייען, וואָס האָט בערישן אויפגעוועקט, נאָר ער האָט זיך געטראַכט: חלומות... רעדט פון שלאָף... און איז ווייטער איינגעשלאָפן.

עס האָט אָבער פּאַסירט אין א נאַכט אַז פאַר שוואַרצבערגן האָט זיך דער צימער פאַרוואַנדלט אין א גרויסן רוימישן צירק, בעריש, וואָס איז געלעגן און געכראָפּעט — אין א אויפגערייצטן לייב, וואָס ברומט אויף אים, און ער, ספּאַרטאַק, ווערט אַרויסגערופן צום קאַמף מיטן לייב. איז ער אַראָפּ־געשפּרונגען פון בעט, האָט זיך א וואָרף געטון צו בערישן און האָט אים אַזא שליידער געטאָן צו דער שויבן טיר, אַז די שויבן האָבן געפּלאַצט און עס האָט זיך צעשפּריצט דאָס גלאָז.

אַז די שכנים זיינען אַנגעלאָפן האָבן זיי געטראָפן שוואַרצבערגן מיט א צועפּענט מויל פון געלעכטער....

מען האָט אים געהאָלפן אַנטון און אים אַרויסגעפירט אַפן גאַס וואָס איז נאָך געווען פינצטער.

פון יענער נאכט אָן איז שוואַרצבערגס הײם שוין געווען נאָר די גאַס, וואו מען פלעגט אים זען א באוואקסענעם מיט א קײלעכדיקער שוואַרצער באָרד, אויסגעגאָלט דעם שפּיץ קאָפּ. שטיקער נאקעט לײב האָט ארויסגע־קוקט פון זײנע שמאטעס קלײדער, ארומגעגארטעלט מיט א שטריק.

אזוי, אפן גאס, האָט ער געשפּילט זײנע „העלדן ראָלן״: זשעסטיקו־לירט, דעקלאמירט, און כאַפּטעס קינדער, וואס האָבן זיך ארום אים פארזאמלט, האָבן אים אפּלאָדירט, און ער האָט צו זײ געלאכט, געפּינעט און געלאכט...

III

ראזיטשטיין

רויטשיין

באלד ווי מען האט געעפנט די ביבליאָטעק איז רויטשיין אריין מיט זיין פּעקל ביכער, וואס ער האָט איבערגעלייענט איבערן טאג, כדי צו טוישן זיי אויף אנדערע.

די ביבליאָטעק האָט געהאט ווינציק ביכער נאָר א סך לייענער. א בוך איז איינגעשמירט און אפּגעריסן געווארן פון די מאַזאַלישע, ניט געוואשענע ארבעטער הענט, וואָס האָבן עס געהאלטן, דערפאר איז דער בוך ניט פאר־שטויבט געוואָרן, אויך ניט אלט געוואָרן. ר'איז נאָר פאר דער צייט פארצערט געוואָרן. אלע האָבן געלייענט און יעדער האָט ניט ווינציקער ווי איין בוך איבערן טאָג איבערגעלייענט. דעם רעקאָרד האָט געשלאָגן רויטשיין. ער האָט איבערגעלייענט צוויי און דריי ביכער טעגלעך ווען ער האָט שוין גע־ארבעט בא זיך (א שניידער וואָס ארבעט בא זיך ארבעט שטענדיק א צוויי — דריי שעה אין טאָג מער ווי ווען ער ארבעט בא יענעם), און ווען ער האָט געארבעט בא יענעם איז אים געווען ווינציק פיר ביכער א טאָג.

רויטשיין האָט זיך א סך אנגעזעען און איבערגעלעבט אין דער אלטער היים, אין ווייס רוסלאנד, דערנאָך אויף דער לאנגער עמיגראנטן רייזע קיין אר־גענטינע, אין וועלכער דער אימיגראנט איז באהאנדלט געווארן ווי א פאר־ברעכער, וועמען מ'טרייבט ערגעץ אין עק וועלט אים דאָרט ארויסצעווארפן אויף א וויסטן אינדזל. און דאָ אין דער „נייער היים" האָט ער אויך געזען בילדער וואָס האָבן עפּעס ארויסגערופן...

רויטשיין האָט זיך נאָכן לאנגן וואנדער וועג צוגעכאפּט צו דער ליי־טעראטור ווי צו א קוואל. אָבער דער קוואל האט ניט פארלאָשן דעם פייער

וואס אין זיין הארץ האָט געברענט. וואס מער ער האט פון דעם קוואל גע־טרונקען אלץ העלישער האט זיך דאס פייער אין אים צעברענט.

* * *

צווישן חברים האט זיך אנגעהויבן א רייד פון ארויסגעבן א זשורנאל נאר עס האט געפעלט די ערשטע זאך: געלט.

די צווייטע זאך: שרייבער, האט מען אויך ניט געהאט אף דער האנט. מ'האט נאר געוואוסט אז ווילן צו שרייבן איז דא בא אסאך. רויטשיין האט שוין געהאט פולע טאשן.

אין א שיינעם אוונט קומט רויטשיין מיט זיין פעקל ביכער און מאכט:

— קינדער, איך האב א פלאן...

— וואס פארא פלאן?

— ארויסגעבן א זשורנאל!

צוועלף אויגן האבן זיך אנגעשטעלט אף רויטשיינס קיילעכדיקן מאטן פנים.

— איך גיב צושטייער דריי הונדערטער... די צוועלף אויגן האָבן זיך ברייטער צועפנט. קיינער האָט ניט געוואגט עפעס איבערצופרעגן. מ'האָט מורא געהאט אנצורירן דאָס גליק עס זאָל ניט אוועקפליען...

רויטשיינס חשבון איז געווען א פשוטער:

— דעם הונדערטער וואס איך האב געבארגט פייוולען אף א שיפס־קאַרטע פאר זיין כלה, איז אזוי ווי איך וואלט אים געהאט אין באנק. און אז מען שיקט א שיפסקארטע כאפט דאך ניט א מיידל און פארט שוין הענדום פענדום קיין „מאנאזיירע". אזוי שנעל רייסט זיך א מיידל נישט אפ פון דערהיים און לאזט זיך אוועק איבער די גרויסע ימים אין א אומבאקאנט לאנד מיט א שם וואס פרומע מאמעס ברענגען ניט אף די ליפן, וועל איך בא פייוולען א כאפ טאָן דעם צווייטן הונדערטער, און דעם דריטן וועל איך אָפּשפּארן אין א פינף זעקס וואָכן...

אוודאי איז מען ניט צוגעשטאנען אז רויטשיין זאל שוין אפן ארט ארויס־

לייגן דעם דריי הונדערטער. דאס ווארט פון א חבר איז באגלויבט. דריי הונדערט פּעזאָס איז טאַקי געווען א גאַנצער מאַיאָנטעק אין די אויגן פון די חברים „גרינע" ארבעטער. אז איינער האָט פאַרדינט צוויי פּעזאָס א טאָג איז דאס געווען א שיינער לוין, אבער אז א חבר זאָגט ער גיט, וועט מען דאך ניט גיין אונטערזוכן זיין באָבעס ירושה.

און די חברים האָבן באַשטימט דעם דרייהונדערטער דאָווקע ניט צו טשעפּען. זאָל ער זיין פּאַר א נויט. מ'וועט דאַרפן וועט מען אים „באָרגן" צו ביסלאַך, נאָר אָנהויבן זאָל מען פון אייגענער ענערגיע, געמיינזאַם, קאָ־לעקטיוו, פּראָלעטאַריש, און מ'האָט זיך באַשטייערט מיט דעם פאַרדינסט פון א טאָג ארבעט און מען האָט געמאַכט א טעאַטער אונטערנעמונג בא דער טרופּע פיינמאַן־עפּשטיין.

* * *

דערווייל האָט פייוול דערהאַלטן א בריוו פון זיין כלה, אז פּונקט ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם צוגרייטן זיך צו דער רייזע האָט זי דער־האַלטן די שיפסקאַרטע. א חברטע פון דער באַוועגונג האָט זי זיך ניט געשׂ־ראָקן פאַר בוענאָס איירעס, פאַרקערט, עס האָט איר געצויגן אין דער ווייטער פרייער רעפּובליק. זי האָט מיט פרייד דערהאַלטן די שיפסקאַרטע און פּאַרט.

פייוול איז געלאָפן צו רויטשטיינען אים מיטטיילן די פרייליכע נייעס און טאַקע בא אים כאַפּן כאָטש א פּופּציקער. מען דאַרף דאך דינגען א דירה, איינאָרדענען א שטוב. זי קאָן דאך היינט־מאָרגן אָנקומען.

רויטשטיין האָט אָפּגעווישט דעם שוויים וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זיין שטערן און שטעכנדיק האַסטיקער מיט דער נאָדל אין האַלבן רעקל וואָס איז געלעגן בא אים אויף די קני האָט ער געזאָגט:

— הער, ברודערל, גיי שוין צו דער באַלעבאַסטע דיינער, וואָס וויל ניט

פארדינגען א צימער פאר א פאר פאלק, און זאג אז עס קומט צו דיר א שוועסטער.

— איך פארשטיי דיך ניט...

— נארעלע, וואס איז דא ניט צו פארשטיין? א דירה פאר א פאר פאלק איז שווער צו קריגן ניט אין א „קאנוועגטיזשע"*) קריגסטו א דירה דארפסטו באגראבן א הונדערטער: צוויי חדשים דעפאזיט און פאר א חודש פארויס. האבן האסטו דאך קדחות, און וואס וועסטו ארייגשטעלן אין א נייער דירה? דעם אפגעריבענעם טשעמאדאן?

— אבער פופציק קריג איך בא דיר?

— פון די צוויי הונדערט וואס איך האב גערעכנט בא דיר צו נעמען, נעם זיך אראפ וויפיל דו ווילסט...

די מאטעריאלן און טעכנישע צוגרייטונג צום זשורנאל איז געווען פארטיק אין רויטשיינס דריי הונדערטער, וואס האבן געגעבן א שטויס צו דער ארבעט. איז צונויפגעשטעלט געווארן א רעדאקציע - קאלעגיע און עס זיינען זיך צונויפגעקומען: רויטשיין דער שניידער, מוליע דער מויערער, לייבוש דער בלעכער, מוניע דער פעאן בא דער קאנסטרוקציע פון דער פארלאמענט-געביידע. משה וואס האט אפגעארבעט א „קאסעטשע"**) און האט זיך דא אין שטאט גענומען צום „גאנגבארן" געשעפט (א געשעפט וואס איז געגאנגען איבער די גאסן מיט א לידל פון „אלץ צו צוואנציק סענט"), מאירקע דער סטאליער און חיים דער מאלער. און באשטימענדיק מוליען פאר קארעקציע רעדאקטאר, ווייל ער האט בעסער פון די אנדערע געוואוסט די פונקטואציע, האבן אלע אויסגעלייגט זייערע פעקלעך שריפטן: פובליציסטישע, בעלעטריסטישע, איבערזעצונגען און מיינסטייל שריפטן וואס זיינען געווען א געמיש פון אלץ. איבערגעלייענט א זאך האט דער קאלעגיע באַ־

*) אן ארימער הויף מיט אסאך צימערן.

**) שניט פון פעלד פראדוקטן.

שטימט דרוקן אדער ניט דרוקן. די דרוקבארע זאכן זיינען איבערגעגאנגען צום קארעקציע רעדאקטאר, וואס האָט געהאַט צו לאכן און צו אויקען און צו קריגן זיך מיט יעדן שרייבער ביז ער האָט צוגעגרייט דעם מאטעריאל צום דרוק.

* * *

פון יעדער אפעראציע איבער זיינער א דערציילונג פלעגט רויטשיין קוים ארוים א לעבעדיקער.

— מ'קאן דאך צעפּלאַצט ווערן צוצוזען ווי דער „גזלן" זיצט מיט זיין פען־מעסער און שניידט און שניידט.

ניט שרייבן האט אָבער רויטשיין מער ניט געקאָנט. און וואס מער ער האָט געשריבן אלץ מער האָט ער געהאט וואס צו שרייבן, אלץ מער האָט זיך אים געוואלט שרייבן. דאס איז געווארן בא אים זיין לעבן, זיין גענוס. ער האָט געשריבן האַלבע נעכט און גאנצע נעכט. און ווען פאר זיינע אויגן האָט זיך אוועקגעשטעלט א בילד, האָט ער שוין ניט געקאנט איינזיצן בא דער ארבעט אפילו אין מיטן טאג. באַלד איז די שניידער מאשין פארוואנדלט געווארן אין א שרייב טיש.

רויטשיין איז געווען א פארטיי מאַן מיט באשטימטע פּאָליטישע און סאָציאלע אנשויאונגען. אף אלע געביטן האָט ער אנגעהאלטן פּארטייאיש־קייט, נאָר אף דעם שרייב געביט האָט ער דאָס ניט שטארק אָפּגעהיט, דאָס געדרוקטע וואָרט האָט ער געהאלטן ווי א באזונדערען קולט צו וועמען אלע דארפן דינען. די אייגענע פּארטיי פרעסע איז אים געווען ליבער, נאָר עס האָט אים ניט געאַרט צו זיין געדרוקט אין די אויסגאבן פון אנדערע פּאר־טייען. אזוי האָט רויטשיין מיט הארציקער פרייד געארבעט אף רוי־ערד און געקליבן נחת פון די ערשטע ליטעראַרישע שפּראָצונגען, וואָס זיינען זיס און באטאמט געווען, ווייל זיי זיינען געוואוקסן אייגן.

אז די זשורנאלן האָבן זיך אפּגעשטעלט און ס'איז ניט געווען וואו צו דרוקן זיך, האָט דאָס רויטשיין ניט געקאָנט איבערטראָגן. עס האָט אים גע־טריבן פון דער ארבעט, פון דער שטוב און פון דער שטאָט. ער איז אוועק

אויף דער פּראָווינץ, געפאָרן פון איין אָרט אויפן צווייטן, זיך געכאַפּט צום האַנדל. געהאַנדלט און געוואַנדערט ביז ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ ווייטן הייסן ווינקל פון לאַנד צווישן אינדיאַנער.

* * *

נייע האָריזאָנטן האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר רויטשיינס אומרויקער, צעוויי־טיקטער נשמה. דאָס לעבן פון די אינדיאַנער און צווישן זיי, אין אַ האַלב ווילדער יונג־פּרווילעבער נאַטור, אין האַלב־טראָפּיקאַלישן קלימאַט, האָט רויטשיינען אָנגעטרונקען מיט נייע שטימונגען, ווי מיט שאַרפן אַל־קאָהאָל.

אַ לאַנגע צייט איז אַוועק אַז מען האָט פון רויטשיינען גאָרנישט געהערט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן לעגענדעס וועגן זיין פאַנטאַסטיש לעבן צווישן די אינדיאַנער.

אין אַ טאָג טרעף איך אַ בריוו בײַ מיין טיר. איך האָב דערקענט זיין שפּיציקע און פאַרפּלאָנטערטע האַנטשריפט. ער שרייבט:

„טייערער חבר!

כ'האָב געמיינט אַז ווייט פון קולטור צענטער; ווייט פון דער קאַלטער נאַכט וואָס די „קינדער פון פּלאָרידאַ" האָבן אויסגעשפּרייט אויף דער יונגער אידישער אַרבעטער גאַס: דאָ אין הייסן קלימאַט וואו די אומגעצוימטע נאַטור שפּילט אומאויפהערלעך איר מעכטיקע סימפאָניע, דאָ, צווישן די נאַאיווע און האַלב ווילדע אינדיאַנער, וואָס זיינען סענטימענטאַל און שרעקלעך, וועל איך, געוואָרענער מנחם־מענדל, זיך קאָנען פאַרגעסן. אַזוי האָט עס טאַקע אויסגעוויזן די ערשטע צייט ווען כ'האָב יעדן טאָג געזען נייע ערטער, נייע פּנימער; געהערט נייע שפּראַכן, נייע געזאַנגען; אינספּירירט געוואָרן פון נייע געוואוינהייטן, נייע בילדער. חוץ דעם בין איך פאַרטאַראַראַמט געווען אין דער נייער לופטיקער פּרנסה, געשינדן פון יענעם די הויט און פון זיך געריסן דאָס האָר; געמאַכט געשעפטן און געבראָכן דעם קאָפּ; זיך אויפ־

געהויבן און געפאלן, אבער — אין האריץ האט זיך ווידער צעפלאקערט דאס פייער...

פון מיינע מנחם מענדעלשע געשעפטן האָב איך אפגעשפּאַרט אָט די פּאַפּירן וואס כ'שיק דיר. דאס זיינען קויף שיינען אף דער ערד אין ווערט פון טויזענטער. אין די פּאַפּירן זאגט זיך דער פּרייז און וואו די ערד געפינט זיך. איך האָב זי ניט געזען. טו מיט די פּאַפּירן וואס דו ווילסט: פארקויף זיי, פארזעץ זיי אדער פלעט זיי אוים. דאס געלט זאל זיין אף א ליטעראטור פאנד אף ארויסצוגעבן א זשורנאל. אין עטליכע חדשים ארום וועל איך זיך זעען מיט דיר אין בוענאס איירעס. אויב מען וועט דארפן וועל איך פריער קומען.

דיין רויטשיין“

* * *

אז איך בין געווארן א „סוחר“ פון ערד איז ערד געווארן אן איבעריקע זאך אף דער וועלט... די פּאַפּירן זיינען בא מיר געלעגן חדשים און האבן זיך אין גארנישט פארוואנדלט...

רויטשיין איז געקומען קיין בוענאָס איירעס מיט א פארלוסט פון דעם וואס ער האט געהאט אפגעשפּארט צווישן זיינע קליענטן — ארימע אינדי־אנער און אינדיאנקעס, וועמען מען האָט צעשאסן און צעטריבן אין די טיפע וועלדער, ווען זיי האָבן געמאכט א בונט איבער צען סענט מער אפן טאג, וואס זיי האבן געוואלט אף גאליעטן*) בא דער שווערער ארבעט פון האקן קעבראטשא**) וואלד. האט רויטשיין שוין ניט געהאט בא וועמען צו מאנען, ער האָט געמוזט קומען אין בוענאס איירעס צו בעטן זיינע סוחרים, זיי זאלן אים ניט אפשניידן דעם קרעדיט, וואס דאס איז אים ניט געלונגען.

ווען איך האב אים צוריק געגעבן זיינע פּאַפּירן, האט ער אפגעזיפצט:

---

*) הארט געבאַקענע בולקעלעך.

**) רויט און ווייס זייער הארטע האלץ.

— עד, ווען איך בין אליין...

— ?...

— פארשטייסט?... מען איז פרייער צו האנדלען... אזוי... ביסטו צו־געבונדן... עס כאפט דיך ארום אזא בענקשאפט... אזא רחמנות... נעבעך ערשט דערהאלטן א טעלעגראמע אז די קינדער זיינען געפערלעך קראנק... היינט — ווידער א טעלעגראמע: „קום גיך א היים"!... געקומען מיט א שוואַ־כער האָפענונג און פאר צוריק מיט גרויע האָר... אין צוויי וואכן צייט גרוי געווארן... פארן מוז איך. עס ציט, און עס איז אזוי קיין חשק ניטא... די באַן שלעפּט זיך א גאנצע אייביקייט און דו זיצט איינער אליין באנאכט און ווערסט פארשאטן מיט שטויב... און אין קאָפּ מישן זיך שווארצע געדאנקען און דריקן...

* * *

איך האב אים באגלייט ביז סונטשאלעס. ביז די נאכט איז אוועק און ס'האט אנגעהויבן טאגן.

די סטאנציע איז נאך געשמאק געשלאפן. בלויז איין האן איז ארומ־געגאנגען אף דער פּלאטפארם און געקרייט. דער „כעפע"***) איז געשטא־נען א פארשלאפענער אונטערן גלאק און געגעניצט. דער לאקאמאטיוו האט זיך דערוווארט אפן קלינג און האט אנגעהויבן פּאמעלעך אוועקציען די וואגא־נען. מיר האבן זיך געזעגנט אן ווערטער. פון זיין לעצטן בליק איז מיר גע ווארן קאלט...

* * *

רויטשיין האט אין שטוב ניט געקאנט איינזיצן. פלעגט ערגעץ אוועק אף גאנצע טעג און וואכן, און ווייב און קינדער האָבן געהונגערט און אויס־געוויינט די אויגן נישט וויסנדיק וואו ער איז פארפאלן געווארן. און ווען

***) שעף. הויפט באאמטער.

ער פלעגט צוריקקומען האט ער זיך אין שטוב געפילט ווי אן איבעריקער. מיט קיינעם ניט קיין ווארט אויסגערעדט, נאר זיך פאררוקט אין א ווינקל און געשריבן, באטאג און באנאכט, אזוי ביז דער לעצטער שעה, ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיין באקאנטן דאקטער, צו וועמען ער פלעגט גיין, אן דעם וויסן פון זיין הויזגעזינד, שטענדיק ווען ער האָט דערפילט א גאר שארפע ווייטיק אין הארץ.

— איר מוזט האָבן „אבסאלוטע רו" האָט אים דער דאקטער צום לעצט געווארנט.

אין יענעם טאג איז רויטשיין, נישט ווי געוויינלעך, אהיימגעקומען, זיך צוגעשפארט און אין איין אויגנבליק אויסגעגאנגען.

בראָדסקי

בראָדסקי

דאס איז געווען מיט צוואנציק יאר צוריק.

אין א הייסן זומערדיקן זונטיק האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט בא גרינ־גלאַזן, וועלכער האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א „מעצענאט", צוליב שאַפן א אייגענע היגע אידישע ליטעראַטור. אליין אַן ארבעטער, א שניידער, א נישט לאנג איינגעוואנדערטער, האָט ער קיין געלט נישט געהאַט; ער האָט דאָס אָבער געהאָפט צו האָבן, אָפּשפּאָרן פון דער ארבעט, פון די אייגענע באַדערפענישן און שטיצן יעדן ליטעראַרישן אנהויב. ער אליין האָט זיך אויך גענומען צו דער פען; אָפּגעזעסן האַלבע נעכט און גאַנצע נעכט און געשריבן, דאָס זעלביקע האָט ער געפּאָדערט פון זיינע חברים, בא וועלכע ער האָט נאָר דערטאַפּט א וועלכע עס איז נויגונג צום שרייבן. עס איז געווען זיין גרעסטער פאַרגעניגן, די גרעסטע פרייד, ווען עמיצער האָט עפּעס אנגעשריבן. ער האט באלד די פרייליכע נייס מיטגעטיילט די חברים און גערופן צו זיך אַף פאַרלעזונג.

זייענדיק מיט דער גאַנצער נשמה אריינגעטון פאר דער שאַפונג פון א היגער אידישער ליטעראַטור, איז ער געווען זייער עמפּינדליך פאר יעדן ליטעראַרישן קלאַנג, וואָס ער האָט באַלד דערהערט און אויפגעכאַפּט מיט פרייד.

אין יענעם הייסן זומערדיקן זונטיק זיינען זיך צונויפגעקומען א גרופּע פון פינף חברים, בא גרינגלאַזן אין בחורישן צימער, אין א אלט הויז אַף פּלאַסאַ לאַוואַזשע, אַף אַ פאַרלעזונג פון א דראַמע, וואָס א שטעלמאַכער האָט אָנגעשריבן. גרינגלאַז האָט זיך פון דעם דערוואוסט דורך א חבר, א פּעאָן, וועלכער האָט געוואוינט אין שכנות מיטן שטעלמאַכער און פאר

ווען דער שטעלמאכער האט יעדן אָוונט פאַרגעלייגט די בלעטלעך, וועלכע ער האָט מיט א נאַכט צוריק אָנגעשריבן. איז גענוג געווען אז גרינגלאז זאָל זיך דאָס דערוויסן, ער זאָל שוין זיין באַם שרייבער, אים אונטערטרייבן, אנרעגן, באמוטיקן, און זיין ווערק זאָל קומען צו א פאַרלעזונג.

צו דער באַשטימטער צייט דערהערט זיך א אומגעדולדיקער קלאַפּ מיטן מעשענעם הענטל פון דער הויז־טיר. „דאָס דאַרף ער זיין". דער „באַ־לעבאָס" פון צימער איז ארויס און געטראָפן דעם שטעלמאַכער, א הויכן, א דאַרן, מיט וואָנצעס, מיט א שטעל ווי פון א רוסישן אָפיציר, שפּאַנט נער־וועז הין און צוריק פאַר דער טיר.

גרינגלאַז האָט פאָרגעשטעלט דעם נייעם פריינט —

— בראַדסקי.

בראָדסקי נעמט ארויס פון בוזים קעשענע א קליינעם ראָל פּאַפּיר, קוקט זיך ארום און בעט פאַרמאַכן די טיר.

— פאַרשליסן?

— ניין, צולאַכט זיך בראָדסקי כמעט קינדיש, קיין קאָנספּיראַציע איז דאָ נישטאָ, אָבער (ער ווערט באַלד ערנסט) די טיר בעט איך זאָל זיין פאַרמאַכט, די אָפנקייט שטערט... יאָ, עס דאַכט זיך ווי מ'וואָלט געזעסן אַף דער גאַס און יעדער קאַנאַליע וועט אריינשטעקן דעם שווייניישן שנאַבל...

איידער בראָדסקי איז אָנגעקומען האָט זיך די גרופּע פאַרווייַלט מיט ווינטשעווסקים „צושלאָגענע געדאַנקן פון א משוגענעם פילאָזאָף", איז מען געווען אביסל לצניש געשטימט און מען האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט צו נעמען אַף דער העצע בראַדסקין פאַר זיינע הכנות.

ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דעם ראָל פּאַפּיר איינגעוויקלט אין זיין גרויסער האַנט מיט ברייטע, צודרייטע, מאַזאָליעטע פינגער און געשילדערט די אומגעבונג, די נאַטור און די פּערזאָנען פון זיין ווערק, וואָס ער אליין קען זיך גאָר ניט אָפּלויבן דערפון און האַלט אין איין פאַרזיכערן, אז ווער עס האָט עס נאָר געהערט, איז אויסער זיך, איז אנטציקט... דאָס איז א וואונ־דערבאַרע זאַך... אזוינס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן...

מען וואַרפט זיך דורך מיט איראָנישע בליקן, וועלכע בראָדסקי באַ־

מערקט ניט אין זיין עקסטאז. ער וויקלט אויף דאָס פּאַפּיר, וואָס איז גע־שריבן מיט אומגלייכע, שפּיציקע און געבראָכענע אותיות, מיט א סך טינט־פלעקן, מיט א סך געשטראָכענע ווערטער און שורות, מיט אויסגע־ריבענע ערטער און צוגעקלעפּטע שטיקלעך; מיט שורות צווישן די שורות און בא די זייטן. ער לייענט מיט באגייסטערונג, מיט פייער, ער לעבט אויף, שפּילט. אָט שילדערט ער א שטילן פארחלומטן טייך, אף וועלכן עס גליטש זיך א שיפל, אין שיפל זיצן ארומגענומען א פארליבט פּארל, זיי גלעטן זיך מיט די אויגן און אף די ליפּן זייערע שפּילט אזא צערטלעכע מעלאָדיע...

— ווי פראכטפול! באמערקט בראדסקי אנטציקט, נאָכדעם ווי ער האט מיט זיינע זשעסטיקולאציעס און מיט זיין צערטלעכער באטאנונג פאַר־געשטעלט דאס בילד, און א נחת צעשיינט זיך אף זיין איינגעפאלן פנים. און ווען ער קומט צו א באַרג, שטעלט ער זיך אויף מיט זיין גאנצער גרויס און הויבט אויף איבערן קאָפּ די צוויי לאנגע הענט און די אויגן הויבט ער אויף נאָך העכער און קוקט אזוי ווייט, הויך, מיט אזא מוראדיקן כבוד צו דער נאטירלעכער מעכטיקייט —

— ווי קאָלאָסאַל!

און אף אזא אופן שילדערט ער דאָס אויפגיין און דאס פארגיין פון דער זון, דאָס פינקלען פון די שטערן, דאָס צופאלן פון דער נאכט, ווען עס הויבט זיך אָן הערן פון איר דאָס געוויין פון שאקאלן און דאָס געזאנג פון נאכטיגאלן...

די פּערזאנען האָט ער געשילדערט מיט אלע ניואנסן זייערע, האלטנ־דיק פאר א גרויס וויכטיקייט זייער יעדע באוועגונג, יעדן קער, יעדן געדאנק ווי פלאך אדער קינדיש ער איז געווען; יעדןווארט זייערע, וואס ער האָט ארויסגענומען פונם מאנוסקריפּט מיט אזוי פיל געמיט, אזוי פיל ליבע. אפילו די „קאנאליעס" און די „מערזאוועצעס", וואס איז אים אויסגעקומען צו שילדערן אין זיין ווערק, זיינען פון אונטער זיין גוטמוטיקן געמיט, ליבע, צערטלעכקייט און שיינקייט געפיל, ארויסגעקומען אויסגעפּוצט, אָפּגערייני־ניקט, פאראיידלט, סימפּאטיש. נאר אוים מענטש איז ער געווארן ווען ער

איז צוגעקומען צו זיינע פרויען־פערזאָנען. פאר זייער אנבליק האָט ער זיך צושמאָלצן פון צערטלעכקייט, איז געוואָרן איין אויסגוס פון סענטימענטאַ־ליזם. אויב ער האָט אַפּט באנוצט דאָס ווארט „קאנאליע" איז דאָס קיין מאָל נישט געווען צו א פרוי, זי איז פאר אים געווען בלויז גוטס, א הייליקייט...

גערעדט איבער די העלדן, די טיפּן, זייער האנדלונג און די ארומיקע נאַ־טור, די סביבה—א סך מער ווי ער האָט געלייענט פונם מאנוסקריפּט, וועלכן כאָטש ער האָט אים געשריבן מיט זיין אייגענער האנט, האָט ער אים דאָך שווער געלייענט. דאָס איז אביסל איבערדריסיק געווארן: „צו וואָס אזוי צוקייען די ווערטער פון די פּערזאָנען, עס ווערט דאָך פון זיי ארויסגעקייעט דער זאפט; צו וואָס אזוי פיל רעדן איבער דער האנדלונג? זאָל מען בעסער זעען די האנדלונג אליין", אָבער מ'האָט געמוזט זיצן ווי מיט שלעסער אף די מיילער, ווייל פאר א באמערקונג, וואָס איז אים פריער געמאכט געווארן איז בראדסקי געווארן א אויפגעטראָגענער.

און נישט נאָר האָט ער צעקייעט די ווערטער און גערעדט אזש מיט שוים אף די ליפּן איבער דער האנדלונג, נאָר ער האָט אויך זיינע פּערזאָנען מאָדעלירט ז׳ך זיין אייגענעם קערפּער, וואָס דערצו האָט ער זיך גענוצט מיט אלץ וואָס ער האָט פארמאָגט: שטימע, אויגן, פּנים, קאָפּ, הארץ, הענט, פיס, פינגער און די זאכן אין צימער...

ווען ער האָט געענדיקט לייענען האָט ער אָבער נאָך אלץ נישט געענדיקט שילדערן מיט אנטציקונג זיינע העלדן. בא די חברים האָט שוין געפּלאצט דער געדולד, דערצו האָט זיך פון אלע געגאָסן דער שוויים און מען האָט זיך געשטיקט אָן לופט אין אָנגעגליטן פארמאכטן צימער — האָט מען צעעפנט די טיר. בראָדסקי האָט צענויפגעוויקלט זיינע מאנוסקריפּטן האלטנדיק אין איין לויבן זיין ווערק, וואָס האָט געשילדערט זייער ראמאנטיש דעם אנהויב פון דער אידישער רעוואָלוציאנערער באוועגונג אין דער אלטער היים. קיין נאָמען פאר דעם ווערק האָט ער נאָך נישט געהאט.

ער האָט זיך געזעגנט, ארויסגעגאַנגען, אָבער באלד זיך אומגעקערט, ווי ער וואָלט עפּעס פארגעסן...

— יאָ, דאַ, דאס איז א מייסטערווערק; דאָס איז א וואונדערבארע זאַך... א גוטן טאָג!

מיר האָבן אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער: „אַ משוגענער!“.

א בכבודן פּלאַץ צווישן די פּיאָנערן פאר א היגער אידישער ליטעראטור האָבן מיר פאַר בראָדסקין שוין געהאט באשטימט — טאַקע א משוגענער, אָבער א טאלאנט...

II

בראָדסקי איז געווען דער עלצטער פון די היגע ליטעראַרישע בחורים. ווען מיר זיינען געווען אין בליענדסטן עלטער פון 20 ביז 25 יאָר, איז בראָדסקי שוין געווען א „זקן“ פון אריבער 30, דער ערשטער קאַנדידאַט פאר א בחורישן מושב זקנים.

און דאס לעבן האָט אים נישט געשמייכלט. ער האָט זיך געפילט ווי א באזייטיקטער; א באזייטיקטער פון אלע לעבנס; פון יונגנטלעכן, פון בחורישן, פון פאמיליערן, פון חברישן, פון געזעלשאפטלעכן, און דאס האָט אים געמאכט נערוועז, פּרעטענציעז, אומצופרידן, איינזאם, דערצו האָט זיין ארבעט, א פיזיש שווערע, א אומריינע, באַם פאררייכטן אלטע וועגע־נער אדער וואשן אויטאָמאבילן, גייסטיק און עסטעטיש גארנישט באפרידיקט און האָט זיך געלייגט ווי א שווערע אומדערטרעגלעכע לאסט אף זיין אומע־טיקן געמיט און צעבראכענעם קערפּער. געוואוינט האָט ער אליין אין א צימערל, ווי א קעסטל, איבער דער קיך, אן לופט און אן זון־ליכט, דא האט ער פארבראכט זיינע טעג און זיינע נעכט איינער אליין און נישט זעלטן אין בייסנדיקע יסורים פון קראנקהייט און הונגער.

* * *

אלע האָפנונגען זיינען אוועק, נאָר איינע איז אים געבליבן: די ליטע־ראַרישע, אין איר האָט ער זיך געקלאַמערט; זי האָט ער אָפּגעהיט, געצער־

טלט; צוליב איר געליטן פון שלאָפלאָזע נעכט, פון ארבעטסלאָזע טעג, וואָכן און חדשים; צוליב איר געקרענקט אן הייל־מיטלען און צוליב איר אזוי פיל פארדרוס איבערגעטראגן איבער נישט זיין אנערקענט אויך פון אנדערע ליטעראַרישע גרופּעס און נישט נאָר פון איינע, די טענדענציעזע, די „אוואנגארדיסטישע".

אויב דאָס רעאַלע לעבן איז אים געווען אזוי גרויזאם אומפריינטלעך, האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן צו דער שאַפונג פון א אילוזיאָניסטיש לעבן, צו א אויסגעחלומט לעבן, צו א ליטעראַרישן לעבן, וואָס אין דעם האָט ער אריינגעטון זיינע געדאנקן, זיינע שענסטע געפילן, זיינע פּרעכטיקע פאנטאזיעס; אין דעם האָט ער קינסטלעריש אויפגעלעבט זיין קינדהייט, וואָס ער האָט באווארפן מיט העלע ליכטיקע פארבן; זיין שפּילעוודיקע יוגנט, וואָס ער האָט ארומגענומען מיט עמאָציעס; זיין ליבע, זיין בענקשאפט, זיינע שטימונגען, שטרעבונגען, אידעאַלן.

און געשריבן האָט ער א סך, געשריבן צוליב שרייבן, צוליב גייסטיקער און עסטעטישער באפרידיקונג; געשריבן ווי פאר זיך אליין, זעלטן געווען געדרוקט. ערשט אין מיטן 1909, ווען דער אידישער סאָציאַליסטישער חודש זשורנאל „אוואנגארד" האָט שוין פארענדיקט א יאָר עקזיסטענץ, איז אין אים דערשינען בראדסקיס א דערציילונג „אין אסטראָג", וואס איז דאכט זיך, די ערשטע געדרוקטע דערציילונג פון בראדסקיס בארג שריפטן.

אין יענער דערציילונג שילדערט בראדסקי א טורמע, אין וועלכער עס זיינען פארשפּארט א גרופּע חברים און צווישן זיי איז דא איינער וואָס הייסט סעמיאן דאווידאוויטש. איך וועל אים רופן: בראדסקי, וועלכער האָט אויך שוין פארזוכט דעם טעם פון א רוסישער טורמע איידער ער איז געפארן אין ארגענטינע. און ווען ער איז באפרייט געוואָרן פרעגט ער זיך: „פריי?... הייסט דאָס פריי זיין?... דאָס גאנצע לאנד איז דאָך א טורמע" און ער אנטלויפט. ער „שווארצט" די גרעניץ און ווען ער איז שוין אף דער אנדערער זייט פון געפרוירענעם טייכל, דערהערט זיך א שאָס פון א ביקס און באלד נאָכדעם א קול:

— שטייט!

עס באַווייזט זיך אַ באַוואָפנטער זשאַנדאַר, נאָר אין פּרעמדע קליידער און ער טרייסט אויף דייטש:

— שרעקן זי זיך ניכט... היר איזט ניכט רוסלאַנד... און באַפעלט צו גיין נאָך אים.

מען האָט אים אַריינגעפירט אין אַ קאַמער, איבערגעקוקט די זאַכן און געהייסן בלייבן.

— ווידער פאַרשפּאַרט! האָט סעמיאָן פּראָטעסטירט, אָדער לאָזט מיך דאָך אויף אַמאָל!..

אַזוי איז בראָדסקי אַריינבאַגלייט געוואָרן אין דער נייער „פרייער" וועלט, אויף וועמענס שוועל עס איז אים שוין אויסגעקומען אויסצודריקן זיין אומבאַהאָלפענעם פּראָטעסט.

III

אין אַ טאָג פון אַפּריל, אין 1910־טן יאָר, פאַלט אַריין צו מיר בראָדסקי מיט אַ פרייד און דאָס פּנים שטראַלט אים:

— פריינט וואָלד, באַגריסט מיך!

— די „גראַנדע" געמאַכט?

— טשודאַק! וואָס אייך קען איינפאַלן... איך וואָלט דאָס נישט פאַרביטן אויף טויזנט גראַנדעס...

— וואָס נישט פאַרביטן?..

— מאַדאַם פאַני עפּשטיין פירט דאָך אויף מיין ווערק!

איך געדענק נישט ווען איך זאָל נאָך אַמאָל האָבן דערפילט אַזאַ אינער־לעכע איבעראַשענדע פרייד ווי אין יענער פייערלעכער מינוט.

קען זיין, אַז צו דעם „גליק" האָב איך אויך צוגעטראָגן אַ חלק: כ'האָב אויסגענוצט מיין באַקאַנטשאַפט מיט דער באַליבטער, ערשט קלאַסיקער אַק־טריסע און זעלטענער פרוי, פאַני עפּשטיין, צו בעטן בא איר די אויפפירונג פון בראָדסקיס פּיעסע. כ'האָב צו איר גערעדט וועגן דעם מיטן האַרץ אויף דער האַנט: עס האַנדלט זיך אין ראַטעווען אַ מענטש — אַ שרייבער, וועל־

בער גייט אויס פון הונגער, פארשווייגנדיק דאָס, און גייט אַראָפּ פון זינען ניט זעענדיק קומען צום אויסדרוק זיינע שאַפונגען.

און דאָס וואָס איך האָב איר געזאָגט זיינען נישט געווען גלאַט פראַזן אַף צו באַווירקן דער גוטער אַקטריסע, נאָר דער איינגעהאַלטנסטער אויסדרוק פונם בלוטיקן אמת, וועלכן איך האָב נישט אַרויסגערעדט, נאָר אַרויסגעצייטערט. עס האָט אין מיר געציטערט בראָדסקים מאַטעריעלע און גייסטיקע לאַגע און עס האָט אין מיר געציטערט אַ דאָפּלט געפיל: אַ געפיל פון מורא — איז דאָך דאָס געווען אַ פאַנטאַסטיש געוואַגטער שריט צו פאַרלאַנגען די אויפפירונג פון אַ פּיעסע, וואָס עפּעס איינער, אַ אָרימער אַרבעטער, האָט אָנגעשריבן, האָט דען ווער געחלומט אין יענער צייט פון אויפפירן אַ זאַך וואָס איינער האָט דאָ אָנגעשריבן? און אַ געפיל פון גליק האָט אין מיר געציטערט פאַר יאָ אָננעמען די אויפפירונג.

איר צוזאָג האָב איך באַקומען, אָבער זי האָט מיר אויפריכטיק דערקלערט, וואָס איך האָב סיי ווי געוואוסט: אַז אין יענעם מאָמענט איז דער אידישער טעאַטער שוין געגאַנגען אַף צוריק באַרג אַראָפּ, אַנהאַלטנדיק זיך ווידער באַם שונד; אַז זי אַליין פאַרענדיקט אייגנטלעך איר זיין אין בוענאָס איירעס און גרייט זיך אין וועג אַריין; אַז עס איז זייער שווער עס זאָל איצט גענומען ווערן צום אויפפירן אַ ליטעראַרישע פּיעסע, דערצו אַ נאָך נישט געשפּילטע און דערצו נאָך אַ פּיעסע פון אַ היגן אידישן אָנפאַנגער און אָן אַ נאָמען, אָן פּרעסטיזש און אַפילו אָן אָנערקענונג מצד די אַנדערע אָנפאַנגער — איז מיר טאַקע זייער טרויעריק געוואָרן אַף דער נשמה און כאָטש פאַני עפּשטיין האָט מיך געטרייסט, אַז זי, פון איר זייט, וועט זען צו טון אַלעס מעגליכעס, אַז מען זאָל דאָך די פּיעסע אויפפירן, בין איך דאָך אַוועק פון איר כמעט אָן האָפנונג.

„דער מענטש וועט דאָך משוגע ווערן, אויב ער וועט נישט באַגיין זעלבסט־מאָרד" — האָט מיך דורכגעגרוילט אַ געדאַנק...

די פּיעסע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן, איז טאַקע געווען די זעלביקע וואָס בראָדסקי האָט געהאַט פאַרגעלייענט מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק בא גרינגלאַזן אין וואוינונג, ער האָט נאָר אין פאַרלויף פון דער צייט זי אַליין

א צען מאָל קאָרעגירט, טעאַטראַליזירט, וואו עפּעס צוגעשטעלט, וואו עפּעס אוועקגענומען און איר א נאָמען געגעבן „קינדער פון פאָלק“.

אריבער דער עמאַציאַנעלער מאָמענט פון דער פריידיקער בשורה, האט שוין מיין נייגיר געוואלט וויסן מכח דעם האנאַראַר.

— טשעפּוכאַ! האט בראַדסקי א מאַך געטון מיט זיין אומשולדיקן, שעמעוודיקן שמייכל. דאָס איז מיר גארנישט איינגעפאלן.

„קינדער פון פאלק“ איז שוין געגאנגען אף פּראָבעס, וועלכע בראַדסקי, האָט אפּגעהיט מיט מער פונקטלעכקייט ווי די אַקטיאָרן. גרויסע אפישן זיינען שוין ארויסגעלאָזט געוואָרן, וואָס האָבן געמאָלדן די אויפפירונג פון בראָדסקיס פּיעסע אין טעאַטער סאַלאָן „גאַריבאַלדי“, וועלכער איז דאַמאָלט געווען א נייער און אין וועלכן עס האָט זיך איבערגעקליבן די אידישע טעאַטער טרופּע פון גאָס טשאַקאַבוקאַ. די פרייד איז געווען גרויס. בראָדסקי האָט געשיינט פון גליק. עס איז דאָך אין דער אמתן געווען א סענסאַציע: די ערשטע אויפפירונג פון א פּיעסע אָנגעשריבן פון א היגן אידישן שרייבער! אָבער — — —

אָט דער שלימזלדיקער „אָבער“, וואָס האָט שטענדיק באַגלייט בראָדסקין, האָט זיך דאָ אויך אוועקגעשטעלט און זיין גליק צעשטערט.

עטלעכע טעג פאר דער פאָרשטעלונג, אין מאַי פון 1910, האָט זיך דאָ צושפּילט דער ווילדער פּאַטריאָטיזם מיט איבערפאלונגען אף די ארבעטער אינסטיטוציעס און אף דער אידישער גאָס. דעם רעפּערטואַר האָט מען געמוזט שטעלן אונטער א פּאָליציייאישער צענזור, און אזוי ווי „קינדער פון פאָלק“ איז געווען א פּיעסע מיט א סאָציאלן אינהאַלט, מיט קלאַסן קאַמף און רעוואָלוציאָנערע יוגנט, האָט דאָס דער טעאַטער טרופּע אפּגעשראָקן און האָט בראָדסקיס פּיעסע נישט אויפגעפירט.

IV

איך מיט נאָך צוויי ארבעטער, אוואַנגאַרדצעס, וואָס איינער פון זיי רוט שוין אפן „עולם האמת“ און דער צווייטער איז אוועק פון אידישן

לעבן, האבן געוואוינט אין א קאמעראר*) אף קאנגאזשאַ צווישן ריאַ באמבאַ און אזשאַקוטשאַ, דאַמאלט האָט מען זיך געקענט דערלויבן אזא וואוינונג אין רעכטן מיטן צענטער. מיר האָבן געצאָלט דאכט זיך 30 פּעזאָס א חודש און דערצו געהאַט אלע פּרייהייטן. די באַלעבאַטים פון הויף זיינען געווען: א אַלטע פראנצויזן מיט א טאָכטער, א מויד, וואָס איז אביסל יונגער געווען פאר דער אַלטער מאמען און א שווארצע קאַץ אין וועלכער די טאָכטער איז געווען פאַרליבט. די דאָזיקע פאמיליע האָט אונדז געגעבן אַלע פרייהייטן, אויך די פרייהייט עס זאָלן קומען צו אונדז חברים און אפילו חברטעס, נאָר איין זאַך האָט זי אונדז פאַרבאָטן: מוזיק, דאָס קענען זיי נישט פאַרטראָגן, דאָס דענערווירט זיי...

אין דער דאָזיקער וואוינונג, מיט פרייהייטן, האָבן זיך פון צייט צו צייט פאַרזאַמלט חברים פון פאַרשידענע פּאַרטיי גרופּעס, צווישן וועלכע עס האָט זיך אנגעהויבן שאַפן א באַזונדערע באַציונג, א ליטעראַרישע. אף די דאָזיקע צוזאַמענקונפטן פלעגן זיין: העלפמאַן, איך, פּ. כ״ץ, וויטאַל, וואַל־קאַווינ־יצער (א דיכטער וועלכער איז פרי געשטאָרבן), פרומקין, גרינגלאַז, בראָדסקי, און מען פלעגט אף זיי לייענען די אייגענע שריפטן, זיי קריטיקירן, קאָמענטירן און שמועסן איבער זיי.

אָבער אויסער די דאָזיקע געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען פלעגט בראָדסקי אַליין קומען צו לייענען יעדע נייע זאַך וואָס ער האָט אָנגעשריבן, אָדער שמועסן פון זאַכן וואָס ער האָלט אין שרייבן און דענקט צו שרייבן, ניט פאַרגעסנדיק זיי אַליין אָפּצושאַצן און אָפּצולויבן ווי זעלטענע מייסטער ווערק...

עס איז געווען אין א אָוונט, עטלעכע וואָכן נאָכדעם ווי זיין פּיעסע „די קינדער פון פאַלק״ איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, פאַלט אריין צו מיר בראָדסקי, פאַר וועמענס אויסזען איך האָב זיך פשוט דערשראָקן: די קליידער פאַרשמירט, צופּאַטלט, דער הוט אָפן קאָפּ צעקנייטשט און פאַרדרייט,

---

*) עסצימער

דאָס פּנים געל, שרעקלעך איינגעצערט און פאַרקרימט, אַף די ליפּן א פאַר־טרוקנטע שוים און אין די אויגן — עפּעס אזא שרעקלעך פייערל...

— וואָס איז, בראָדסקי!..

— קאַנאַליעס, עך, קאַנאַליעס!..

און שפּאַנענדיק מיט אויסערגעוויינלעכער צעטראַגנקייט איבערן צימער, האָט ער ארויסגעלייגט אפן טיש צעקנייטשטע העפטן און פּאַפּירן, וואָס ער האָט ארויסגענומען פון אלע טאַשן —

— אָט דאָס האָב איך... דאָס איז מיר געבליבן... איך גיי אוועק... כ'ווייס נישט וואו... יאָ... אין שפּיטאָל גיי איך אוועק. דאָס לאָז איך בא אייך...

דאָס זיינען געווען שטיקער פון אָנגעהויבענע דראַמען, דערציילונגען, לידער, רויע, ניט אָרומגעריייניקטע.

אין איינעם פון די לידער האָט בראָדסקי געזונגען צו דער נאַכטיגאַל:

פאַרטרוי מיר דעם סוד אָ נאַכטיגאַל צאַרטע!
צו וועמען רופסטו מיט דיין זאַנפטיקער שטים?
צי אויך דיך האָט פאַרפאָלגט דאָס שיקזאַל דאָס האַרטע
און ווי א וואַנדערער בלאָנדזשעסט ארום?
פאַרטרוי מיר דיין ליד פון בענקנדע קלאַנגען
וואָס פליסן אזוי לייכט ווי א לויטערער קוואַל.
וועלכע געפילן און געהיימע פאַרלאַנגען
ליגן פאַרבאָרגן אין דיין זינגענדן ים?
צי באַקלאָגסטו די יונגנט און בליענדן פרילינג
וואָס קומט און פאַרשווינדט ווי א אויגנבליק באַלד?
אָדער צי בענקסטו און טרוימסט פון דיין ליבלינג,

וואָס האָט מיט זיין שטים פארהילכט דעם וואלד?
דיינע טענער, זיי טריפן אין מיין זעל און זיי וועבן
א הייליקע תפילה פון טרערן און פרייד
וואָס האָט אנגעזאמלט מיין איינזאמעס לעבן
דאס גיסט זיך צוזאמען אין יובל — געבעט....

און אין צווייטן ליד זינגט ער:

פארהילט איז די נאכט אין טונקעלן נעבל
זיין גרויליקע נעץ איז אף ערד אויסגעשפרייט.
עס אטעמט די לופט מיט ריח פון שוועבל,
ווי אין איר הויך א וועלט אונטערגייט...
אין איינזאמער שטילקייט טרוים איך און דרימל,
עס שפרייטן זיך שאטנס אף ערדישן שוים
און שטיל איבער מיר פון יונגינקן בוימל
פאלן די בלעטלאך מיט לייכטן גערויש...
און פון יעדער בלעטל, וואס פאלט טריב ארונטער
הערט זיך א קרעכצן א שטומער...
ווי ער וואלט זיך באקלאגט אפן קומענדיקן ווינטער
וואָס בארויבט אים זיין בליענדען זומער...
איך הער מיך שטיל איין אין די שטארבענדע קרעכצן,
זיי וועקן מיין אומעט און טליענדען וויי...
ווען ס'וועט מיין „איך" אין טאָג אין לעצטן
פאלן אף שטענדיק צוזאמען מיט זיי...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

V

בראָדסקים טאָג איז געקומען... עס האָט געדויערט גאַנצע פופצן יאָר, א גאַנצע אייביקייט פון נישט געלעבטן לעבן, פון איינזאַמען וואַנדערן אַף דערנער־וועגן — ער איז אָבער דאָך געקומען דער „יובל־טאָג" און בראָדסקין געבראַכט א סך ליבע און געבענטשט; א סך פרישע, צאַרטע און שמעקעדיקע בלומען... אין דעם טאָג האָט מען בראָדסקין אָנגעטון די קרוין פון אָנערקענונג. די פרייע אַרבעטער ביבליאָטעק האָט מיט גרויס כבוד אָפּגעגעבן איר לאָקאַל פאַרן יובילאַר. פון אַלע זייטן איז מען געקומען בראָדסקין אָפּגעבן כבוד און סימפּאַטיע. דערנאָך האָט מען אים געטראָגן אַף די הענט איבערן שטאָט און מיט גרויס פּאַראַד אָנגעקומען צום פּלאַץ פון העכסטער פייערונג. דער פּלאַץ איז געווען דורך דער גרעסטער אידישער אינסטיטוציע אין בוענאָס אייִרעס ערשט גראַדיק רייך אויסגעצירט, ווי פאַר דער גרעסטער פערזענלעכקייט, דאָרט האָט מלאך בראָדסקין פּאָעטיש באַזונגען, דעגאַלסקי האָט אין זיין פייערלעכע רעדע אים אונטערגעטראָגן א פולן בעכער פּאַטאָס.

עס איז געווען דער טאָג פון בראָדסקים לויה — — — — — — — — —

אַ איד אָן אַ באָרד

אַ איד אָן אַ באָרד

די טונקעלע שטילקייט פון רעדאקציע צימער, באלויכטן מיט א גאז־לעמפל, וואס האָט באטאג אומעטיק געברענט, איז איבערגעשלאגן געווארן פון א דראבנעם הוסטן, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין די ווענט פון וועס־טיבול. הוסטנדיק האָט עמיץ מיט עפּעס געגראבלט בא דער קליאמקע פון טיר, וואָס עפנט זיך אריין אין רעדאקציע.

— אריין!

איז אריין א מענטש אין די יאָרן, א קורצזיכטיקער, נאָר אָן ברילן. א פארוואקסן פּנים מיט א שווארצער פארשטויבטער בארד. שווערע אראָפּ־הענגנדיקע קעשענעס פון א פארגרינטן שווארצן אנצוג, א לאנגן אידישן ברויט און טריפנדן הערינג אונטערן ארעם.

ער האָט זיך אויסגעהוסט, דעם קאָפּ פאררייסן, די ברוסט ארויס־געשטעלט:

— איך בין יוסף הלוי, נאר איך שרייב אונטערן פּסעוודאנים „אַ איד אָן א בארד". איך דארף נישט „די גאס" זאל מיר פערזענלעך קענען. ס'איז נישט וויכטיק ווער עס שרייבט, נאר וואס מען שרייבט און ווי אזוי מען שרייבט.

— איר זיינט שוין לאנג אין לאנד?

— ניין. עטלעכע חדשים.

— איר קומט פון רוסלאנד?

— ניין. געווען אין בראזיליע, צווישן די אידישע וואלד העקער — יק'א קאלאניסטן.

— קאָנט איר אונדז זאגן אין וועלכע צייטונגען, זשורנאלן, איר האָט מיטגעארבעט?

— אין העברעאישע, נאר זאל דאס אייך נישט אפשרעקן. איך בין נישט קיין העברעאיסט, נישט קיין אידישיסט. איך בין א שרייבער. מיינע ארטיקלען זיינען נישט אבי וואס, זיי מאכן א רושם... וויפיל איר וועט צאלן פאר זיי, וועט אלץ ניט זיין באצאלט.

איך, דער רעדאקטער פון „אונדזערווארט", האָב געארבעט א האלבע וואך אין פאבריק און א האלבע וואך פאר דער וואכן צייטונג. איך האָב אים געזאגט:

— פאר ליטערארישע ארבעט האָט מען נאָך דאָ נישט געצאלט קיין האָנאראר. קיינער האָט דאס שרייבן זיך נישט געמאכט פאר א פאך, פאר א פרנסה. מען האָט געשריבן ווייל עס האָט זיך געוואלט שרייבן און ווייל עס איז געווען א באדערפעניש אזא. דאס שרייבן איז שטענדיק געווען א מאטעריעלער פארלוסט. נישט קיין פארדינסט. מען האט פארלוירן דערביי דאס פארדינסט פון טעג ארבעט אין א פאבריק, אין ווארשטאט, אפטמאל אויך די שטעלע, און מען האט פארלוירן דערביי די רו און דעם שלאף פון די נעכט...

דער איד האָט גענומען דאס ברויט מיטן הערינג פון רעדאקציע־טיש אונטערן ארעם, זיך אויסגעהוסט און געמאכט א באוועגונג צו דער טיר —

— הייסט דאס...

— ניין, דאס הייסט גארנישט...

אונדזער צייטונג האָט זיך געשטעלט פאר א פרינציפּ צו צאלן האָנאָראר און אויב עס וועט נישט טראגן אף האנאראר פאר מיטארבעטער, וועט זיך די צייטונג אפּשטעלן, אָבער נישט דאס איז דער עיקר.

דער עיקר איז וואס אונדזער צייטונג האָט א באשטימטע ריכטונג און וויל נישט צווינגען אירע מיטארבעטער צו שרייבן קעגן זייערע איבערצייגונגען...

— דאָס האָב איך נישט געטון און וועל עס נישט טון. אויב איך שטעל זיך פארן האנאראר, איז עס פּשוט ווייל פאר ארבעט דארף געצאלט ווערן.

חוץ דעם האָב איך געגעבן מיין ווארט מיין האָנאָראר צו שיקן מיין שוועסטער, וואס איז געבליבן עלענד דארט אין דער אלטער היים און דאס איז איר איינציקע קוועלע פון לעבן.

* * *

מיט זיינע ארטיקלען זיינען געווען צרות: שטענדיק זיינען זיי געווען צו לאנג און עס האָבן נישט געהאלפן די רוימישע ציפער, מיט וועלכע ער האָט זיי געטיילט. און ער האט געהאלטן זיין יעדן געשריבענעם ווארט פאר א פערל. עס איז געווען סכנות נפשות ווען מען האָט אים עפּעס געקירצט, אָדער אפילו נאָר א ווארט אויסגעמעקט. עס איז אים געגאנגען אין לעבן. ער איז דערפון אזוי אויפגעקאכט געווארן און אזעלכע קולות געמאכט, ווי מען וואלט אים געקוילעט.

דער „איד אן א בארד" איז געווען א באזונדערער מענטש, א פאר־שלאסענע וועלט, אָפּגעזונדערט פון אלץ און פון אלע, און פון דער פארשלאסענער וועלט זיינער האָט ער, דורך דער פּען, ארויסגעשיקט זיינע געדאנקען און זיינע געפילן.

אזוי האָט ער געפירט א מלחמה מיט אלדאס שלעכטע, אלדאס בייזע, וואס ער האט פארשטאנען פאר שלעכט און בייז; סאטיריש אויסגעלאכט דאָס קליינלעכע; אויפגעבאפּט יעדע נייע דערשיינונג, יעדע נייע אנטדע־קונג, יעדע נייע באוועגונג און דאס אויפגעהויבן ווי זאכן, וואס ברענגען די דערלייזונג פון דער מענטשהייט.

פאר זיך אליין האט ער גארנישט געשאפן און גארנישט געהאט, חוץ זיין עלנד, זיין נויט און זיין עקשנות פאר זיינע געדאנקען און פאר דער פארם פון אויסדריקן זיינע געדאנקען. און ער האט פון זיך קיינמאל קיין ווארט ניט דערמאנט, קיין מאל צו קיינעם קיין פּרעטענזיע נישט געהאט; קיין מאָל פון קיינעם קיין טובה נישט געבעטן. נאר די וועלט איז אים געלעגן אין קאָפּ, אין הארץ, און צוליב איר האט ער געשאפן בסוד עפּעס א גרויס ווערק אין מאנוסקריפּטן, וואס האבן אלץ פולער געמאכט זיינע קעשענעס — דאס

איינציקע אַרט וואו ער האָט געהאַלטן זיינע שאַפונגען — און נאָר פון דעם ווערק האָט ער פון צייט צו צייט גערעדט מיט באַגייסטערונג.

— דאָס וועט זיין אַ ווערק וואָס וועט איבעראַשן די וועלט; אַ ווערק פון וועלט דערלייזונג!

* * *

קיינער ווייסט נישט ווען און ווי אַזוי ער פאַרשווינדט פון בראַזיליע און קומט אין אַרגענטינע, אָדער פאַרשווינדט פון אַרגענטינע און קומט אין בראַזיליע, צי ער פאָרט מיטן שיף, צי מיטן באַן, צי ער גייט צופוס. אָט איז ער אין אַרגענטינע און אָט איז ער אין בראַזיליע.

אין בראַזיליע פאַרוואָרפט ער די ערשטע קערנער פון אַ אידישער פּרעסע. מיט גרויס שוועריקייטן גייען אויף די ערשטע שפּראָצונגען און פאַר־טרוקענען. נאָך צו טרוקן דער באָדן.

* * *

ער איז שפּעטער אַריין אַלס מיטאַרבעטער אין דער „פּרעסע“. די מלחמה אין דער וועלט איז געווען אין גרעסטן ברען און אין רוסלאַנד האָבן די באָלשעוויקעס פאַרכאַפּט די מאַכט. ער האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע אין דער וועלט מלחמה אַף דער זייט פון די אַליאירטע און ער האָט זיין פּאָ־זיציע פאַרטיידיקט מיט דער גרעסטער עקשנות.

די וועלט האָט ער איינגעטיילט אין צוויי לאַגערן: די אַליאירטע מיט אַמעריקאַ — איין לאַגער און דייטשלאַנד — דער צווייטער לאַגער. פון דייטשן לאַגער האָט ער געזעען אַלדאָס שלעכטס, פון אַליאירטן לאַגער — אַלדאָס גוטס. בּאַ אים איז עפּעס געווען פעסט באַשטימט, אַז די אַליאירטע קעמפן פאַר אַלע מענטשלעכע, פעלקערלעכע און סאָציאַלע רעכטן, ווען די מיליטאַריזירטע דייטשן גייען פאַרוואַנדלען דער וועלט אין אַ קאַזאַרמע.

און אז מ'האט אים געזאגט:

— מיט די אליאירטע איז דאך געווען דאס צארישע רוסלאנד...

האט ער א צוק געטון מיט דער בארד און אויפגעשפרונגען:

— צאריש וועט רוסלאנד ווידער זיין, אז דייטשלאנד וועט געוואונען די שלאכט! און די באלשעוויקעס העלפן דאס איר... זיי האבן פארראטן און דעזערטירט פון קאמף פאר א פרייע, גערעכטע וועלט... דער דייטשער יונקערטום האט געשיקט לענינען אין רוסלאנד אפצושטעלן דעם ווי־דערשטאנד...

און דער „איד אן א בארד" האט מיט אנגעצויגענע נערוון נאכגע־פאלגט יעדן קער פון די ארמייען, יעדע באוועגונג פון די פראנטן, און ער פלעגט אויפגעטראגן ווערן ביז משוגעת בא יעדן קלאפ, וואס עס האבן גע־כאפט די אליאירטע. און ער פלעגט פריילעך און לוסטיק ווערן, ווי א קליין קינד בא יעדן קלאפ, וואס די אליאירטע האבן געגעבן די דייטשן.

ער האט ניט בלויז מיט אייפער נאכגעפאלגט די אפעראציעס אף די פראנטן און פון זיי דערפרייט אדער אויפגעטראגן געווארן. ער האט די מלחמה געפירט ווי א געניטער פעלד־מארשאל, סטראטעגיש, פאליטיש און מיט קענטשאפט אין געאגראפיע און אין מלחמה פירונג. ער האט פארויס־געזען די שאך־צוגן און זייערע רעזולטאטן.

עס האט אים נאר געפעלט פרייהייט אין דער צייטונג פאר זיין פא־זיציע אין וועלט־קאמף. מען האט אויסגעאיבט א צענזור איבער זיינע אר־טיקלען, מען האט זיי געשניטן און אפגעשטעלט. עס פלעגט זיך טוען סכנות נפשות און ער איז בעסער אוועק פון דער צייטונג איידער אפטרעטן פון זיין פאזיציע.

ער איז ווידער אוועק אין בראזיליע, וואס איז צוגעשטאנען צו דער מלחמה אף דער זייט פון די אליאירטע. ער האט דארט געזוכט שאפן א אידישע פרעסע, דאס איז אים נישט געלונגען. צו א פראקטישער אונטער־

נעמונג איז ער אליין געווען אומבאהאלפן, און מיט אנדערע מענטשן האט ער נישט געקענט אויסקומען, נישט געקאנט זיך מיט קיינעם צוזאמענרעדן.

און דאס ווערק, וואס האט געדארפט „איבערראשן די וועלט" איז בא אים אליין געוואקסן און געוואקסן און פולער געמאכט זיינע קעשענעס מיט אנגעהויפנטע מאנוסקריפטן. ער איז געווארן אליין צוטראגענער און צושלאגענער פון די פעלזן און דערנער, וואס ער האט באגעגנט אף טריט און שריט אין לעבן, און ווען ער איז געגאנגען צום לעצטן מאל איבער די ווילדע וועגן און שטעגן פון בראזיליע קיין ארגענטינע, האט ער פארלוירן זיינע מאנוסקריפטן — פארלוירן זיין נישט פארענדיקט „וועלט איבערראשנדיק ווערק".

און שפעטער איז דער „איד אן א בארד" אויסגעגאנגען אין א היגן משגעים הויז — — — — — — — — — — — — — — — — — —

קאָרימאַן

קאַריטאַז

אין א טאָג, פון זעקסטן יאר, קומט אָן צו דער „ביבליאָטעקא רוסאַ" א בריוול פון לאַ פּלאַטאַ. אין דעם בריוול ווערט געשריבן, אז אין לאַ פּלאַטאַ האָט זיך געגרינדעט א אידישער פאריין. דעם ערשט־געגרינדעטן פאריין איז נאך נישט גענוי קלאר וואס ער שטעלט מיט זיך פאר. פאר אים איז נאָר קלאר איין זאך — אז ער דארף טון געזעלשאפטלעכע ארבעט, האָט ער באשטימט איינצולאדן געזעלשאפטלעכע טוער, היינט פון איין ריכטונג, מארגן פון א צווייטער, זיי זאלן רעדן פאר די מיטגלידער פון פאריין וועגן זייערע אידעען. דאָס מאָל בעט מען דער „ביבליאָטעקא רוסאַ" זי זאל שיקן א רעדנער.

דער גורל צו פארן פאלט אויס אויף מיר. איך האָב דאָס אָנגענומען מיט חשק: עס האָט זיך געוואָלט זעען און זיין א ווייַלע אין א פּראָווינציעלע שטאָט, פילן איר איינדרוק און עס איז געווען די אמביציע עפּעס צו טון.

בין איך אוועק צו זיך אהיים — א אויבערשט צימערל, וואו מיר האָבן געוואוינט אין צווייען. אונדזער ווירטשאַפט איז באשטאַנען פון א אייזערן בעטל, וואָס איין האלב האָט געהערט צו מיר, און א קעסטל, אויף וועלכן מיר האָבן ארויפגעלייגט דעם לאָדן פון פענסטערל, אויפגעשפּרייט א צייטונג און מיר האָבן געהאַט א געדעקטן טיש. איך האָב דעם דאָזיקן טיש צוגע־רוקט צו מיין טייל בעטל און האָב זיך געזעצט שרייבן דעם רעפעראַט פאר לאַ פּלאַטאַ.

איך האָב אָנגעהויבן פון געזעלשאפטלעכן לעבן בא די פּרימיטיווע מענטשן, אזוי ווי מען פלעגט אָנהויבן אין יענער צייט די רעפעראַטן, און האָב זיך אָפּגעשטעלט בא דער פראנצויזישער רעוואָלוציע אויף צו דערווייזן,

ווי אזוי די בורזשאזיע האט באלוינט די ארבעטער, וועלכע האבן די רעוואלוציע אויסגעקעמפט אף די באריקאדן. איך האָב, פארשטייט זיך, געענדיקט, אז א בורזשאזע הערשאפט טויג נישט, אז קעמפן דארף מען קעמפן פאר סאציאליזם.

נאך דעם טאג ארבעט אין פאבריק און נאך א זיצונג אין זעלביקן אוונט, איז נישט געווען קיין קליינע אנשטרענגונג דאס אויפשרייבן אזא רעפעראט — דאָס און די שטימונג פאר דער „רייזע", צום ערשטן מאָל אין דער ארגענטינער פּראָווינץ, ווי אויך די פארשטעלונג פון ארויסטרעטן פאר א אומבאקאנטן עולם, האָט בא מיר צוגענומען דעם שלאָף און בין געבליבן א וואכעדיקער אף מיין טייל בעטל ביז אינדערפרי.

* * *

אָנגעקומען קיין לאַ פּלאַטאַ בין איך נאָך מיטיק. עס איז געווען א העלער, ליכטיקער טאג, נאר עס האט געמאכט דעם איינדרוק ווי דאס שטעטל האָט זיך צוגעשפּארט און כאפּט א געשמאקן דרימל. שטיל אין די גאסן. קיין מענטש זעט מען נישט, און אין דער ליידיקער שטילקייט הערט זיך נאָר דער אָפּקלאנג פון מיינע טריט.

געפינען דעם נומער פון דער גאס און דעם נומער מיט א האלבן פונם הויז, לאזט זיך אוים אז דא וואוינט נישט דער פאריין, נאר א פּארוואל־טונגס־מיטגליד, א „סוקוינטעניק*), זיין נאמען געדענק איך נישט. איך גע־דענק נאָר, אז די אויפנאמע איז געווען האלב אף האלב: אין זיין אויס־מעסטן מיך מיט די אויגן איז געווען צו פארשטיין, אז ער האָט זיך פארגעשטעלט עס זאל קומען עפּעס א מער פארשוין מיט א פראק און נישט עפּעס א אינגל, כמעט, אין א צוקנייטשטן ברינענעם אנצוג. ער איז אָבער געווען צופרידן וואס עס וועט נישט איינגאנצן דורכפאלן דער היינטיקער אוונט, ווייל נישט דערהאלטנדיק קיין מעלדונג, האָט ער שוין געמיינט, אז עס קומט קיינער נישט און דאס האָט אים געערגערט.

אין אוונט האָט ער מיך געפירט אין לאָקאל פון ניי געגרינדעטן

*) הויזירער אף אייגענעם חשבון.

פּאַריין. מיר זיינען אַריין אין אַ שיין אויסגעפּוצטן, העל באַלויכטענעם זאַל. אַף די ווענט זיינען געהאַנגען די פּאָרטרעטן פון מאַרקס, הערצל, באַקונין און סאַן מאַרטין**) איבערן זאַל זיינען אין גלייכע רייען געשטאַנען אויסגעשטעלט ווינער בענקלעך. בא דער וואַנט — אַ גרויסער טיש פאַרדעקט מיט אַ נייעם טישטוך. באַם טיש איז געזעסן אַ מאַן שוין אין די יאָרן, נעט געקליידעט, אַריסטאָקראַטישן אויסזען, קלוגע אויגן און גאַנץ ביוראָקראַטישמעסיק איבערגעקוקט פּאַפּירן און עפּעס פאַרצייכנט. מיין באַגלייטער האָט פאָרגעשטעלט:

— אונדזער פּרעזידענט, הער קאַרימאַן.

ער האָט מיך העפלעך באַגריסט, מיך געבעטן פאַרנעמען פּלאַץ באַם טיש און זיך צוריקגענומען צו זיינע פּאַפּירן. ס'איז אַף אים נישט געווען צו זען נישט קיין פרייד, נישט קיין פאַרדרוס. דערווייל איז אָנגעקומען דער עולם, מיינסנטייל מענטשן אין די יאָרן, אויסגעפּוצטע, יום־טובֿיקע, מיט שיינע, יונגע און עלעגאַנט געקליידעטע פרויען. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי מען קומט צו אַ באַל.

בין איך געזעסן און געטראַכט: ווי אַזוי ווערט מען פאַרשווינדן פון דאַנען? דערווייל האָט זיך אָנגעפּאַקט דער זאַל און אָט קלינגט שוין דעם פּרעזידענטס גלעקל. עס ווערט שטיל און קאַרימאַן עפנט די פאַרזאַמלונג:

— דאַמען און הערן! איך האָב די ערע אייך פאָרצושטעלן דעם יונגן „רעדנער“, וועלכער איז געווען אַזוי פריינטלעך צו באַמיען זיך צו קומען ספּעציעל פון בוענאָס איירעס אַף דער איינלאַדונג פון אונדזער פאַריין...

ער גיט מיר איבער דאָס וואָרט.

איך נעם אַרויס מיינע אָנגעשריבענע בלעטלעך, און וועלכע איך באַהאַלט די אויגן, לייען. גיב אַפילו נישט אַ קוק אויפן עולם, וואָס פאַר ווירקונג איך מאַך, וואָס פאַר אַ ווירקונג עס מאַכט אַף דעם דאָזיקן עולם מיין רעפעראַט, איך פיל נאָר אויף זיך אַלעמענס אויגן און הער די שטילקייט.

**) אַרגענטינער מיליטערישער נאַציאָנאַלער העלד.

געענדיקט דעם רעפעראט, שטעלט זיך אויף קארימאַן, דריקט מיר די האַנט און זאָגט:

— אין נאמען פון פאריין און אלע אנוועזנדע באדאנק איך דעם יונגן „רעדנער", וועלכער האָט אונדז געלייענט א שטיק קולטור געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט...

מיר סימפאטיזירן אוואדע מיט די ארבעטער, מיט זייערע אידעען, ווייל מיר זיינען אויך ארבעטער... טאמער זיינען דא צווישן אונדז אזעלכע וואס האָבן א קלייט, א ווארשטאט, א קליענטעלע אדער א פּאר הונדערט פעזעס — איז וואס פאר א ווערט האָט דאס קעגן די ראטשילדס, די ראָקעפעלערס און די אנטשארענאס?...

* * *

צען יאר זיינען אוועק זינט יענער ערשטער בעקענונג מיט קארימאנען. דער בוים פון אידיש־געזעלשאפטלעכן לעבן איז אויסגעוואקסן, ווארצלען געשלאגן אין דער ארגענטינער ערד, צווייגן באבלעטערטע ארויסגעהויבן צום ארגענטינער הימל, אייגעזאפט אין זיך די ארגענטינער לופט און באַאָטעמט די זעלבע לופט פון זיין בליונג. אין פארלויף פון די צען יאר זיינען פארגעקומען סאציאלע שאטירונגען אין אידישן לעבן, קריסטאליזירונגען, איבערלעבונגען. בלעטלעך זיינען געפאלן און האָבן באזאפטיקט דעם בוים פון דער אידישער געזעלשאפטלעכקייט, צווייגן זיינען איבערגעבראכן און אפּגעבראכן געווארן און אף זייער ארט זיינען אנגעוואקסן פרישע.

ס'איז אוטערגעקומען די וועלט־מלחמה מיט די טראגעדיעס און אילוזיעס, וואס זי האָט געברענגט פארן אידישן לעבן.

ס'האָט זיך געשאפן אין די פאראייניקטע שטאטן א באוועגונג פאר א אידישן קאנגרעס, האָט מען זי דא אויך נאכגעפאלגט, אזוי ווי מען האָט אין אלץ נאכגעפאלגט די אידישע געזעלשאפטלעכקייט אין די פאראייניגטע

שטאטן, איבערהויפט דאָס אַלץ וואס איז געטון געווארן לטובת די ליידנדע אידן אין אייראפע.

מ'האָט געגלויבט אז אייביק וועט די מלחמה נישט אנהאלטן. אנדער־האַלבן יאר האָט זי שוין געדויערט און דאס זיינען געווען אייביקייטן. אין איין טאג איז געשעען דאס, וואס אין אנדערע צייטן איז דאס געשעען אין דורות, האָט מען זיך צוגעאיילט נישט צו פארשפעטיקן מיטן אידישן קאָנ־גרעס צו דער אינטערנאציאנאלער פרידנס־קאנפערענץ, וואס בא די אידן איז זי שוין געווען א באשטימטע, ווען די מלחמה האָט נאך געהאלטן אין מיטן ברען. עס איז געווען דער צוועק, אז פון דעם אידישן קאנגרעס זאל ארויס־קומען א פארטרעטונג אף דער פרידן קאנפערענץ. מען איז געווען „זיכער" אז אזא פארטרעטערשאפט פון אידישן פאלק וועט אויפגענומען ווערן מיט גרויס כבוד. האָט זיך דאך די מלחמה געפירט אונטער די לאזונגען פאר נאציאנאלן און סאציאלן יושר, פאר דאס רעכט פון די רעכטלאזע פעלקער... און ווער איז געווען אזוי רעכטלאז ווי דאס אידישע פאלק? און וועמענס זין נאָך האָבן זיך געשלאגן, אָן א פארוואס, אף אלע פראנטן ווי עס האָבן זיך געשלאגן די זין פון אידישן פאלק?

די פראגע איז נאָר געווען: וואס זאל די אידישע פארטרעטונג פאָ־דערן אף דער פרידנס קאנפערענץ — גלייכע בירגערלעכע און נאציאנאלע רעכט, אָדער פאלעסטינע?..

האט זיך וועגן דעם געפירט א פאלעמיק אין די היגע צוויי צייטונגען: „די אידישע צייטונג" וועמענס רעדאקטאר, ל. מאס, א כמעט בונדאוועץ, האט זיך געפינען אין א גייסטיקן קלעם, נישט קענענדיק אליין אננעמען א שטעלונג, בעת אנדערע: איך, יעקב יאסעלעוויטש און פ. כ"ץ, דאָס הייסט איך קענן זיי אָדער זיי קענן מיר, האָבן גאנץ שארף דעבאטירט וועגן דעם אין זיין צייטונג, און דער „טאָג", וועמענס רעדאקטאר עס איז געווען י. ש. ליאכאוויצקי, אייגנטלעך א ציוניסט, האָט געקוקט קרום אף דעם אידישן קאנגרעס, וויסנדיק אז ער וועט נישט צוגעלאזט ווערן צו אים. ער

האָט דעריבער גערן געדרוקט מיינע אַרטיקלען אונטערן קעפּל: „ווען איך וואָלט געווען אַ דעלעגאַט“, נאָכדעם ווען איך בין שוין געווען זיכער, אַז איך וועל נישט זיין קיין דעלעגאַט, ווייל אַלע אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, אויסער די פּועלי ציוניסטישע, האָבן זיך שוין געהאַט פון אידישן קאָנגרעס צוריקגעצויגן.

דער קאָנגרעס, וועלכער איז דאָך פאַרגעקומען איז אייגנטלעך נאָך געווען אַ פאָרמעלער צו באַשטעטיקן דאָס, וואָס איז שוין פון פריער געווען באַשטימט — צו פאָדערן פּאַלעסטינע — און באַשטימט איז דאָס געווען פון די ציוניסטן, די פּוילישע אריינגערעכנט, אַף די פּאַרקאָנפערענצן. האָבן איבער דעם נישט אַנטייל גענומען אין קאָנגרעס, אויסער די עכטע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, אויך נישט אַ רייע אַלגעמיין אידישע קולטור פאַריינען אין לאַנד.

* * *

אין לאַ פּלאַטאַ האָט שוין פון לאַנג עקזיסטירט דער „אידישער קולטור צענטער און ביבליאָטעק „מאַקס נאָרדוי“ — אַ סאָלידע קולטור אינסטיטוציע מיט אַ מוסטערהאַפטער אָרדנונג און ווירטשאַפט, אַ יורידיש־אָנערקענטע און לעגאַליזירטע פון דער פּראָווינציעלער רעגירונג (די ערשטע אָפיציעל אָנערקענטע אידישע קולטור אינסטיטוציע אין לאַנד). לויט איר נאָמען פונם ציוניסטישן פירער, האָט מען געקאָנט מיינען אַז זי איז אַ ציוניסטישע, אָבער דאָס איז זי נישט געווען. אַפילו נישט געהאַט קיין נייגונג און קיין סימפּאַטיע צום ציוניזם. דער אידישער קולטור צענטער און ביבליאָטעק „מאַקס נאָרדוי“ פון לאַ פּלאַטאַ, האָט אויך נישט קיין אַנטייל גענומען אַפן אידישן קאָנגרעס און ס'איז נאָך אויסגעפאַלן אַף זיין גורל, פּונקט אין קאָנגרעס־צייט צו רופן, טאַקע אין לאַ פּלאַטאַ, דעם ערשטן אידישן קולטור צוזאַמענפאָר אין לאַנד.

האָט דאָס געטראָפן ווי אַ באָמבע אין אידישן קאָנגרעס לאַגער, פון וואַנען עס האָבן זיך געטראָגן קולות אַפן וועג קיין לאַ פּלאַטאַ: „פּאָליטי־

שער שווינדל!", „קריאזשע פאליטיק!*), „אוגארטיזם"**), „היט זיך פארן קאודיזשאָ!"***).

די אידישע ארבעטער ביבליאטעק „פראָגרעס" (וואס איז געווען א פארייניקונג פון דער „ביבליאטעקא רוסא", פּאָגראָמירט בא דער פאטריאָ־טישער פּייערונג פון ערשטן יאר־הונדערט פון דער מאי־רעוואלוציע, און איז פּאגראמירט געווארן ווייל זי איז געווען א פראָלעטארישע, א סאציאליס־טישע; די ביבליאטעק „אוואנגארד", וואס איז אויפגעבויט געווארן נאכן פּאגראם, און פון דער ביבליאטעק פון אידישן ארבעטער פארבאנד) האט דערהאלטן א איינלאדונג צום קולטור צוזאמענפאר אין לא פּלאטא. די איינלאדונג איז געווען אונטערגעשריבן פון קאָרימאן אלס פרעזידענט פון אידישן קולטור צענטער און ביבליאָטעק „מאקס נאָרדוי", אונטערגעשריבן פונם „קאודיזשאָ" אליין...

אוואדע איז די איניציאטיוו געגאנגען אין נאָמען פון דער ביבליאטעק „מאָקס נאָרדוי", אבער אונטער איר איז געשטאנען איינער, וואס האָט קאלטבלוטיק, אָן עקסטאז, אָן אויסערער באגייסטערונג, אָן פרייד און אָן ערגערניש, נאָר מיט א זיכערער האנט געפירט די זאך קעגן אלע שוועריקייטן, קעגן אלע אטאקעס און קעגן אלע אוממעגלעכקייטן. געפירט שטיל, נישט פּאלעמיזירט, נישט דיסקוטירט, נאָר אימפּולסירט און דערפירט צום ציל —

— קאָרימאַן.

* * *

פאָרן מיר, אלס דעלעגאטן פון בוענאס איירעסער אידישע ארבעטער אינסטיטוציעס, צום קולטור צוזאמענפאר אין לאַ פּלאַטאַ, און עס גייט א שמועס צווישן די דעלעגאטן אין גייענדיקן וואגאָן פון לעצטן קלאס:

*) אידייענלאז.

**) פון אוגארטע דעם גוברנאטאר.

***) רעדל־פירער.

— גוט וואס דער צוזאמענפאר קומט פאר אין לא פלאטא. ווען ער זאל פארקומען ווייטער פון בוענאס איירעס, ווער ווייסט צי אונדזערע אינסטיטוציעס, וואָס לעבן איבער א געלט־קריזיס, וואָלטן געשיקט דעלעגאַטן.

—פון דער ווייטער פּראָווינץ וועלן אוואדע זיין נאָר מאנדאטן.

— ניין, נישט פון אומעטום. אָט שיקן ראָזאריא און סאנטאַ פע דירעקטע דעלעגאטן.

— אָבער חוץ די רייזע־קאסטן האָט דאך א צוזאמענפאר גוואלדיקע אויסגאבן. די גאנצע צוגרייטונג, די דורכפירונג. קיינער פון די דעלעגאטן וועט אוואדע נישט מאנען פאר דער צייט־פארלוסט, עס דארף דאך אָבער קאסטן האָטעל, סאלאָן.

— אף דער דעלעגאטן קארטע זאגט זיך: „סאלאן פראנסעס“, וואָס דאס איז אוואדע נישט דער לאקאל פון פאריין.

— מ׳קען א סאך וויסן פון די פּראָווינציעלע נעמען אף זאכן! עס איז אוואדע נישט קיין סאלאן און נישט קיין פראנצויזישער...

און אזוי שמועסנדיק איז אנגעקומען די באן. א לאַ פלאַטער דעלעגאציע האָט אונדז אפגעווארט, אונדז איבערגענומען און אונדז באלד געפירט צום צוזאמענפאָר.

צו אונדזער שטוינען איז דער „סאלאן פראנסעס“ געווען גאָר א לייטישער, איינער פון די ערשט־קלאסיקע, מיט א פּראַנט, אפילו אילומינירט מיט עלעקטרישע לאמפּן; מיט א גרויסארטיקן אריינגאנג, מיט לאזשעס און גאלעריען — שיין דעקארירט און העל יום טוב׳דיק באלויכטן. אין סאלאָן איז שוין אלץ געווען קאָנגרעסמעסיק צוגעגרייט מיט אלע פּיטשעווקעס: טישלעך אויסגעשטעלט אין האלבע קרייזן מיט דער „טאג ארדנונג“, פּאפּיר און בלייפעדער, אף זיי, פאר די דעלעגאטן. קעגנאיבער זיי — א גרויסער פרעזידיום טיש מיט אקטען ביכער, ארכיוון און צוגעשיקטע מאנדאטן, וואס ווערן גאנץ ביוראקראטישמעסיק דורכגעקוקט און אין אָרדנונג געבראַכט פון איינעם, וואס איז דארט אריינגעטון אין די פּאפּירן און קוקט זיך גארנישט אום אף דעם צופלוס פון דעלעגאטן און צושויער, וואס פילן אָן דעם סאלאָן מיט א איינגעהאלטענעם זשום.

דערנאָך טוט ער אַ קוק אויפֿן קעשענע זייגערל. און באַלד הערט זיך דאָס געקלאַנג פֿון אַ גלעקל, די דעלעגאַטן פֿאַרנעמען זייערע פּלעצער בײַ די טישלעך און דער, וועלכער איז בײַם פּרעזידיום־טיש געזעסן מיטן קאָפּ אַריבערגעבויגן איבער די פּאַפּירן, שטעלט זיך אויף —

— עס איז קאַרימאַן!

דאַכט זיך נידעריקער אַביסל ווי איך האָב אים געזען מיט צען יאָר צוריק אין לאַ פּלאַטאַ. אַביסל גרוי. דאָס פּנים און די הענט אָפּגעצערטער, אָבער דער זעלבער פֿעסטער כאַראַקטער, באַשיידן אָבער ענערגיש, נעט און איראָניש. ער דריקט נישט אויס קיין האַס צו די שטערער פֿון צוזאַמענפֿאָר; ער דערמאָנט אַפֿילו מיט קיין איין וואָרט נישט די, וואָס האָבן אים אַטאַקירט אַלס אָגאַרטיסטישער קאַודיזשאָ, כּדי דורך דעם אָפּצושרעקן די קולטור פֿאַראיינען; ער דריקט אויך נישט אויס קיין פֿרייד פֿון זיג מיט דעם פֿאַקט, וואָס דער צוזאַמענפֿאָר קומט דאָך פֿאָר. ווען אין סאַלאָן ווערט אַזוי שטיל, אַז מ׳קאָן הערן איינעמס אָטעם, הערט זיך קאַרימאַנס שטימע, אַזוי ווי זי וואָלט זיך דורכגעזיפּט דורך זיינע וואָנצעס:

— פֿריינט דעלעגאַטן און צושויער: דער ערשטער אידישער קולטור־צוזאַמענפֿאָר אין אַרגענטינע איז אַ פֿאַקט. איך דערקלער אים פֿאַר געעפֿענט. דעלעגאַטן: איר האָט דאָס „וואָרט".

* * *

עפּעס האָבן מיר זיך געפֿילט אין לאַ פּלאַטאַ ווי אונטער עמיצנס רשות. אויסער אַ קולטור קאָנגרעס איז דאָס געווען אַ קאָנגרעס פֿון לויטער קבצנים, קיילעכדיקע. אין אונדזערע קעשענעס זיינען געווען פּאַפּירן מיט פּראָיעקטן, מיט דירעקטיוון, נאָר אַ גאַנצע פּאַפּירענע פּעזע איז בײַ איינעם פֿון אונדז שווער געווען צו געפֿינען, האָבן מיר זיך פֿאַרלאָזט אויף דעם באַראַט פֿון דעם „עמיצן", וועלכער האָט דעם גאַנצן קאָנגרעס פֿאַרגרייט.

נאָר איידער עס האָט זיך געענדיקט די ערשטע קאָנגרעס זיצונג זיינען עטליכע לאַ פּלאַטער תּושבֿים, טאַקע אויך דעלעגאַטן דורך מאַנ־

דאַטן, אַרומגעגאַנגען צווישן די טישלעך און אַנגעזאָגט, אַז אַלץ איז פאַר־זאָרגט: מ׳זאָל אַליין נישט גיין ערגעץ נישט. מען וועט שוין פירן.

האָט מען אונדז טאַקע צוטיילט פּאַרטיעסווייז און צופירט אין האָטעלן, אָנזאָגנדיק מ׳זאָל בּאַ אונדז גאָרנישט מאַנען, און צומאָרגנס זיינען מיר פאַרבעטן געוואָרן צו לאַ פּלאַטער תושבים אַף צו באַערן זיי מיט אַ מיטיק...

מיד מיט נאָך אַ צען דעלעגאַטן האָט מען „פאַרפירט“ אין קאָרי־מאַנס הויז.

מיר געבן זיך אַ לאָז אַריין ווי פון אַ יאַריד אין אַ גרויסן, באַקוועמען קאַבינעט, לופטיק, ליכטיק, ציכטיק. אַרום די ווענט — אַ ביבליאָטעק און עקספּאָנאַטן פון היגיענע און געזונטהייט. בּאַ אַ זייט — אַ גרויסער שרייב־טיש מיט אַ סאַך ביוראָ און שרייבגעצייג און עקזאָטישע שטיינער. צו אונדזער אַריינקומען האָט זיך קאָרימאַן אויפגעהויבן פון אונטערן שרייב־טיש און אונדז אַנטקעגן געקומען מיט אַ אויסגעשטרעקטע האַנט, לייכט אַריינשמייכלענדיק צו זיך אין די וואָנצעס —

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז איך האָב געזעען קאָרימאַנען שמייכלען און מיר דאַכט זיך, אַז יענער אייגנאַרטיקער שמייכל איז הענ־גען געבליבן אַף די ליפּן — אייביק...

קיינער פון די דעלעגאַטן האָט נישט געפרעגט וועגן די קאָסטן פון צוזאַמענפאָר. מען האָט דען געהאַט מיט וואָס אומצוקערן די קאָסטן? מען האָט דען נישט געוואוסט ווי דער דלות פּייפט אין די פּוסטע פאַריינס קאַסעס? קיינער האָט זיך אויך נישט פאַרגעשטעלט אַז דער פאַריין „מאַקס נאָרדוי“ זאָל זיין אַזוי רייך און אַזוי ווילּיק צו פּאַטערן זיין רייכטום. מען האָט אָבער נישט געשטעלט קיין פראַגעס. מ׳האָט פּשוט מורא געהאַט פאַר אַ חשבון, אָבער מיך האָט געפּיקט דער נייגיר, איז פּלאַפּלענדיק פון אַלץ צו ביסלעך און דערוויסנדיק זיך, אַז קאָרימאַן איז רעגירונגס אינס־פּעקטאָר איבער היגיענע און געזונטהייט, וואַרף איך אַריין אַ פראַגע:

— ווי ווערט אָפּגעהיטן די היגיענע אין דער פּראָווינץ?

רופט זיך אָפּ קאָרימאַן:

— וואָס פרעגט איר! מוסטערהאפט... פונקט ווי אין א חזיר שטאַל.

— וואָס הייסט...

— הייסן הייסט מען טאקע ניט שפּייען אף דער פּאדלאגע, אבער מען הייסט נישט גוט. מ׳וואלט געדארפט הייסן נישט שפּייען אפן סופיט, וואלט מען כאָטש געוואוסט אז די פאראָרדנונג ווערט אויסגעפאָלגט...

מיר האָבן זיך צולאכט פון דעם וויץ, אבער איך האָב דאך געצילט עפּעס צו דערגיין, ווארף איך ווייטער אריין א פראגע:

— און ווי באציט זיך די רעגירונג צו אידן?

— גאר פריינטלעך. אז אונגארטע האָט נישט פיינט שטימען, אפילו אידישע — דאָס איז זיכער. פלאַץ פאר א בית עולם איז ער גרייט צו געבן שטענדיק...

— האָבן די היגע אידן וואל רעכט?

— זיי דארפן נאָר וועלן. אף אונגארטעס טעריטאריע קען מען האָבן וואל־רעכט אפן אנדערן טאָג זיין אין לאנד...

דעם געשפּרעך האָט איבערגעריסן קאָרימאַנס יונגע טאָכטער, וואס איז אריין און פארדרויטלט א זאָג געטון צום פאָטער:

— פּאַפּאַ, דער טיש איז געגרייט.

זאָגט שמייכלדיק קאָרימאַן:

— פריינט דעלעגאטן, א שאָד צייט. מ׳דארף זיך אנלאדענען צו קענען „זיצן" ביז מאָרגן אינדערפרי. חלשות־טראָפּנס און שמעק־טאבאַק איז אָנגעגרייט....

מיר גייען אריין אין עס־זאל און עס ווערט אונדז פינצטער אין די אויגן פאר ליכטיקייט...

* * *

די געשאפענע קולטור פעדעראציע האָט נישט געהאט קיין לאנגע עקזיסטענץ. זי איז ווייזט אויס געבוירן געווארן פאר דער צייט.

אין דער פּראָווינץ בוענאָס איירעס האָט זיך געביטן די רעגירונג. עס איז אראָפּ אונגארטע און עס איז ארויף קראָטאָ. בא אזא רעגירונגס־אומבייט

ווערן געוועלעך אויך געביטן די רעגירונגס אנגעשטעלטע. קאָרימאַן האָט געוואוסט, אז מען וועט אן אים אויך נישט פארגעסן, האט ער זיך דערווייל איבערגעקליבן פון לאַ פּלאַטאַ קיין בוענאָס איירעס, וואו ער האָט באַ זיך אין שרייב־צימער איינגעאָרדנט דעם סעקרעטאריאט פון דער קולטור פעדעראציע — זאל דערווייל נישט זיין קיין זארג אף דירה געלט!

טראסקונאוו, מאשעוויטש און ראזען זיינען געשיקט געווארן אין פארשידענע ערטער פון דער פּראָווינץ צו פּראָפּאַגאַנדירן פאר דער קולטור פעדעראציע, אבער עס האָט גארנישט געהאָלפן, און ווען די זאך האָט זיך אָנגעהויבן שלעפּן, האָט קאָרימאַן אוועקגעשטעלט די פראגע קולטור פעדעראציע און געזאגט:

— גיי, אָדער פּגר!

און די קולטור פעדעראציע האָט זיך רויק אוועקגעלייגט אין ארכיוו פון דער געשיכטע.

* * *

דער אידישער פאָלקס־הילף־קאָמיטעט פאר די מלחמה געליטענע איז געווען דער מזלדיקסטער אין דער מלחמה־צייט. ער האָט פארזאמלט ארום זיך אלע עלעמענטן פון אלע שיכטן אין דער אידישער געזעלשאפט; ער האָט צוגעצויגן דעם גאנצן אינטערעס; זיינע אונטערנעמונגען זיינען געווען פארזיכערט מיט די גרעסטע דערפאָלגן. געלט איז געפלאסן ווי צולאזטער האָניק. אומעטום איז מען געשטאנען אנגעגרייט מיט הילף און נאר אויסגעקוקט מען זאָל דאָס נעמען.

ס'האט זיך געצויטיקט דער מענטש מיט א פארנעם מיט א ברייטער ארגאניזאטארישער פעאיקייט, מיט א בליק וואס נעמט ארום דאָס נאָענטסטע און קלענסטע און אין דער זעלבער צייט דאָס ווייטסטע און גרעסטע; ס'האָט זיך געצויטיקט דער מענטש מיט ענערגיע, מיט א פעסטן כאראקטער און מיט אויסערלעכער באשיידנקייט; ס'האט זיך געצויטיקט דער מענטש

מיט א געניטער האנט וואס אימפּולסירט, קאנצענטרירט און שטעלט יעדע זאַך אַף איר אָרט. און דער מענטש איז געקומען פּונקט אין צייט —
— עס איז געווען קאָרימאַן.

איז קארימאן ארויסגעפארן איבערן לאַנד פאר די מלחמה געליטענע, איז געוואָרן א גערעטעניש פון סוב־קאָמיטעטן און זאמל־פּונקטן. די גרויסע „בלומען טעג", די קליידער זאמלונג, בא וועלכער עס האָט זיך אַנטוויקלט א פארצווייגטע ברייטע ארבעט פון סארטירונג, דעזאינפעקציע, וואשן, רייניקן, פאררעכטן, פּאקן — אַלץ אזוי מייסטערהאפט ארגאניזירט און געפירט. די מוסטערהאפטע קאנגרעסן; דער טרויער־טאג און דער רי־זיקער פּראטעסט מיטינג אין טעאטער וויקטאריא קעגן די פּוילישע פּאג־ראמען — אַלץ איז דאָך געווען אזוי באַלעבט, גרויס און סאליד.

די געוועזענע אידישע קאנגרעס מענטשן האָבן פארגעסן דעם "קאָודיזשאַ" פון לאַ פּלאַטאַ, האָבן נאָר מיט נחת געקוקט אַף דאס מייס־טערווערק און געדריקט קארימאנען די האנט:

— בראוואָ!

נאר קארימאן פלעגט זיך אָוועקדרייען מיט א ווערטל:

— ווי זאגט מען אַף פראנצויזיש: אז די רעדער דרייען זיך, פארט מען...

* * *

די מלחמה האָט אויפגעהערט, די פּראגראמען — אויך. דער אידישער פאלקס הילף קאמיטעט האָט אנגעהויבן פארלירן זיין לעבנס קוואַל... ס'האָבן זיך געעפנט די גרעניצן, ס'האָט זיך אנגעהויבן א אידישע וואנדערונג. אימיגראנטן האָבן אנגעהויבן פארהאלטן צו ווערן אַף די שיפן און אפילו צוריקגעשיקט געווארן, נישט זייענדיק פארזארגט מיט די אַלע דאקומענטן וואס מ'האָט פון זיי געפאדערט. אנדערע באדערפענישן האָבן זיך ארויס־געריקט: באזארגן „זשאמאדעס"*), אראפּנעמען פון די שיפן, איינארדענען

*) ארויספאדערונגס פּאַפּירן.

וואַרשטאַטן און קיכן פאַר ערשטער הילף. ס'האָט זיך צוליב דעם געשאַפן דער אימיגראַנטן שוין פאַריין, וועלכער האָט געוואוסט צוצוציען צו דער אַרבעט קאַרימאַנען. ער איז געגאַנגען אַרויף צו די הויכע פענסטער פון סור־איפּאַטשאַ צו די ליטווישע, פּוילישע, רוסישע און אַרגענטיניזירטע יאַהודים, האָט איבערגענומען די פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטן, האָט זיי דערפילט קאַרעקט, נאָר ער האָט זיך אין דער סביבה געפילט אַ פרעמדער, אַ אַנגע־שטעלטער אין אַ ביוראָקראַטישער אינסטיטוציע, און דאָס האָט געלאָשן אין אים זיין אינערליכן ענטוזיאַזם. זיין אַרבעט איז געוואָרן אַ רוטינערע אָן גייסטיקער אַמביציע, אָן אידעאַליזם. עס האָט אין איר געפעלט די „ראַזשינקע".

קאַרימאַן האָט דאָך אַ לאַנגע צייט אַנגעהאַלטן די שטעלע צוליב פּרנסה. זיינע קינדער, שוין דערוואַקסענע, זעלבסשטענדיקע, פּראָפעסיאָ־נאַלן, האָבן אפילו געקאָנט און גערן געוואָלט פענסיאָנירן זייער טאַטן, אָפּ־געבן אים זייער חוב, אָבער קאַרימאַן האָט זיך פון יעדער שטיצע אָפּגע־זאָגט. מיט זיינע אייגענע צען פינגער האָט ער געוואָלט פאַרדינען זיין ברויט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, און לעבן איז ער שוין געוואוינט געווען ברייט, און די מעגלעכקייטן זיינען געוואָרן שמעלער.

און אַזוי האָט זיך קאַרימאַנס געשטאַלט אַנגעהויבן וואָס ווינציקער ווייזן אין דער געזעלשאַפטלעכער סביבה, אין דער נישט אַנגעקראַכמאַליע־טער גאַס. אַ ביוראָקראַט בא דער אַרבעט אין דעמאָקראַטישן לעבן, האָט ער פאַרלוירן זיין פּערזענליכקייט אין דער ביוראָקראַטישער סביבה, וואו ער האָט אַנגעהויבן פילן די לאַסט פון לעבן אַף זיין שוין אַביסל אַנגעבויגענער פּלייצע אין דער אַנדערער העלפט פון זיין האַלבן יאָר־הונדערט. דער מאַן וואָס האָט יונגטלעך געלאַכט פון זיין עלטער, האָט שוין אַנגעהויבן פאַר איר צו רעזיגנירן. מ'האָט שוין קאַרימאַנען זעלטן ערגיץ באַגעגנט. פּלעגט זיך דורכשלייכן אין גאַס, פון דער ביורא אַהיים און פון דער היים אין ביורא, ווי אַ שאָטן. דעם קאָפּ און רוקן שוין אַביסל איינגעבויגן, די וואַנצעס ווינטערדיק.

דאָס לעצטע מאָל ווען איך האָב אים באַגעגענט, האָב איך אים ווידער באַגעגענט מיט די שוין אַ סאַך מאָל געפרעגטע פראַגן?

— וואָס הערט זיך? וואָס מאַכט איר? וואָס זעט מען אייך נישט?

— אַפּגעפאָרן אַמיגאָ*) — עס פידלט נישט מער...

און קאַרימאַן האָט דאָס געזאָגט מיטן זעלבן שמייכל, דאַכט זיך, וואָס איז געבליבן הענגען אויף זיינע ליפּן זינט יאָרן, ווען איך האָב אים געזעען צום ערשטן מאָל שמייכלען — דער זעלבער שמייכל און דאָך נישט דער זעלבער, דעמאָלט האָט ער געגלאַנצט, געוואַרעמט און איצט איז ער מאַט און קילט...

* * *

שטילע קלאַנגען האָבן זיך צוטראָגן, סודותדיקע, אומקלאָרע, אומ־גלויבלעכע. עפּעס האָט מען געמורמלט, געשושקעט זיך... „ניט כשרע זשאַ־מאַדעס"... פאַרדעכטיקע פּאַרזאָנען... „אַראָפּגענומען פון שיף"... „יענע"... די קלאַנגען, ווי שטיל און איינגעהאַלטן זיי זיינען געווען, האָבן זיי זיך דאָך דערטראָגן צו דעם שוין „אַלטן קאַרימאַן" אָבער נאָך גענוג ענערגישן פאַר אַ לעצטן באַשלוס —

און קאַרימאַן איז אַזוי רויק געגאַנגען צו זיין טויט, אַז ער האָט נישט געצויגן אויף זיך דעם קלענסטן חשד, נישט אין זיין שטוב נישט אין דער ביוראָ אויף סואיפּאַטשאַ. האָט זיך אויסגעקליבן דעם שטילסטן און לייכטן זעלבסטמאָרד: פּאַטאַסיע דע סיאַנוראַ, וואָס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע, און מיט פּאַטאַסיאַ דע סיאַנוראַ באַ זיך אין קעשענע, האָט ער מיט זיין אייזן־שטאַרקער רויקייט אָנגעשריבן אַ בריוול צו זיין מאַסאַנען לאַזשע שרייבנדיק:

*) פריינט.

טייערע!

ווען די דאזיקע ווערטער וועלן אנקומען צו אייך, וועל איך שוין מיין לעבן האָבן פארענדיקט. לעבט גוט! שטודירט! פאר אייך איז נאך דא א צוקונפט... טרייסט מיין פרוי, מיינע קינדער — — — — — — — — —, — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם זעלבן אויפדערנאכט האָט מען קארימאַנען אויפגעהויבן א טויטן אין די אלייען פון דער פלאסע ראדריגעז פעניא — ער האט פונקטלעך, קאָרעקט, אויסגעפירט זיין לעצטן באשלוס.

פינקלשטיין

פינקלשטיין

עס איז געווען אף איינע פון די עקסקורסיעס, וועלכע דער „אטע־נעא" האט פון צייט צו צייט דורכגעפירט אין די זומערדיקע זונטיקס און צוגעצויגן א צאלרייכע און סימפאטישע יוגנט.

דער פירער פון דער עקסקורסיע איז געווען דער טעמפעראמענטפולער סאציאליסטישער לידער און פראפעסאר פון היסטאריע אין לא פלאטער אוניווערזיטעט, ענריקע דעל וואזשע איבערלוסעא, וועלכער איז אויך געווען דער פירער פונם „אטענעא".

דאס איז געווען א עקסקורסיע צו דער קולטורעלער און נאטור שיינער לא פלאטא און איר אומגעגענד.

ווען איך בין אנגעקומען אפן דרום באנ־הויף, וועלכער פארייביקט דעם נאמען פון דער קאנסטיטוציע, האבן זיך די לעצטע שפעט אנגעקומענע עקסקורסאנטן ארויפגעכאפט אף דער באן, וואס האט שוין אנגעהויבן רירן.

אנגעקומען אין לא פלאטא, איז מען, דאס ערשטע, אוועק אין דער אוניווערזיטעט. אפן וועג, דערהער איך הינטער זיך אידיש, און דער קול איז אויך עפעס א קענטלעכער. איך קוק זיך אום — עס איז א באקאנטע גרופע און צווישן איר פינקלשטיין, וועלכן מ'האט אויך גערופן „נעגער" אין אינטימע קרייזן איבער זיין טונקל ברוין פנים און פעך־שווארצע האר.

מיר האבן זיך באגריסט ווי גוטע באקענטע, כאטש עס איז ביז יענעם מאמענט געווען פאר מיר א סוד פון וואנען מיר קענען זיך און פאר וואס מיר גריסן זיך שטענדיק, ווען מיר באגעגענען זיך.

מיר האבן שוין צוזאמען פארווײַלט באם מיטיק אין וועלדל, וואס

נעלסאן, דער רעקטאר פון דער אוניווערזיטעט האט פארזארגט און מיר האבן זיך שוין געהאלטן צוזאמען באם באקוקן די עקספאנאטן אין היסטא־ריש נאטור וויסנשאפטלעכן מוזיי, צוזאמען געהערט אין זעלבן מוזיי א וויסנשאפטלעכע לעקציע וועגן דער אפשטאמונג פון מענטשן, וואס דאס איז געווען א ביסל א שווערער נאכשפייז נאכן מיטיק אין וועלדל, כאטש דער דייטשער פראפעסאר, וועלכער האט געגעבן די לעקציע, האט פארזיכערט, אז עס איז גאנץ לייכט צו באגרייפן דעם אונטערשיד פון דעם פרינציפ, אז דער אפשטאם איז פון איין מין מאלפעס, וואס זיינען, פארשטענדלעך, ארויסגעקומען אין דעם ארט, וואס ווערט גערופן דאס „וויגעלע פון דער מענטשהייט“ און דעם אנדערן פרינציפ, צו וועלכן עס האט אויך בייגעטראגן דער ארגענטינער פארשער אמעגינא, אז עס איז ניט געווען איין אפשטאמונג נאר אסאך אפשטאמונגען אין פארשי־דענע ערטער פון דער ערד, אונטער פארשידענע קלימאטן און אנדערע נאטור אייגנשאפטן און אין פארשידענע צייטן.

דעם דאזיקן „לייכטן“ נאכשפייז האבן מיר געהאט צו קייען א גאנ־צן טאג, פארנדיק צום טייך און שיפנדיק זיך אפן טייך און צוריקפארנ־דיק אין לא פלאטא, מיר וואלטן דאס נאך געהאט פאר א טעמע באם נאכט־עסן, ווען אונדזערע קעפ ווערן ניט אנגעפילט מיט דער לבנה און מיטן סאטורן, אף וועמען מיר האבן געקוקט דורך די טעלעסקאפן פון לא פלאטער אסטראנאמישן אבסערוואטאריום.

מיר זיינען אזוי פארכאפט געווען מיט די אלע זאכן פון דער עקס־קורסיע, אז מיר האבן אין זיך אליין פארגעסן. ערשט אין באן, אפן וועג צוריק קיין בוענאס איירעס, זיינען מיר אראפ פון דער עקסקורסיע טע־מע און ארויף אף פארשידענע אנדערע טעמעס, וואס האבן ניט אפגע־היטן קיין ארדנונג, קיין סיסטעם, און האבן ארייננעטאנצט איינע אין דער אנדערער.

עס איז געקומען צו רייד וועגן ערשטע באגעגנישן, צעלאכט זיך פינקלשטיין מיט זייןברייטן אנשטעקנדן געלעכטער:

— איך האב דעמאלט געלערנט אין לא פלאטא... סטאָלעריי, ווען די

לאַ פּלאַטער אידן האָבן אנגעהויבן זייער געזעלשאפטלעכקייט מיט א פּאַ־ריין אָן באַשטימטן כאַראַקטער. איין מאָל אין א שבת אוונט רופט דער דאָזיקער פאַריין צו א קאָנפערענץ: עס וועט רעדן א בוענאָס איירעסער רעדנער. ווער? וועגן וואָס? האָט קיינער ניט געוואוסט, דעם פאַריינס קאָ־מיסיע — אויך ניט. זיינען די לאַ פּלאַטער אידן — פרישע באַלעבאַ־טימלעך, חשובע קוענטעניקעס, מיט זייערע יונגע לעבנסלוסטיקע ווייב־לעך, אויפגעפּוצט יאַנטעוודיק — געגאַנגען צו דער קאָנפערענץ... אַמוזירן זיך. איך בין אויך געגאַנגען. ווער איז דען ניט געגאַנגען? צו דער באַשטימ־טער צייט האָט זיך דער לאָקאַל אָנגעפילט. נעבן פאָרזיצער זיצט א בחורל, וועלכער זעט אויס זיין דעם פאָרזיצערס אייניקל, ער ווערט פאָר־געשטעלט אַלס דער רעדנער! אָבער ער רעדט ניט... ער נעמט גאָר אַרויס א פּעקל פּאַפּירן פון קעשענע און לייענט פון זיי אַרויס וועגן קלאַסן קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין אדם הראשונס צייטן און... איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטן ניט צוצוגיין און אים זאָגן: איך מוז אַוועקגיין און איך בין דער איינציקער וואָס הערט אייך...

דאָס האָט מיך דערמאָנט אין מיין ערשטער קאָנפערענץ אין לאַ פּלאַ־טאַ און כאָטש עס איז ניט געווען פונקטלעך אַזוי ווי פינקלשטיין האָט דאָס דערציילט, האָבן מיר זיך אָבער האַרציק צעלאַכט פון דער הומאָ־ריסטישער פאָרם אין וועלכער פינקעלשטיין האָט דערציילט זיין ערשטער באַגעגניש מיט מיר.

די כאַראַקטערלאָזיקייט פון ערשטן לאַ פּלאַטער אידישן פאַריין האָט אַרויפגעפירט אַף דער טעמע: כאַראַקטער. בא פינקלשטיינען האָ־בן זיך צעצוקט די קינבאַקן און פאַרשמורנדיק א ביסל די אויגן, ווי ער וואָלט דורך דעם אָפּגעשפּיצט א געדאַנק, זאָגט ער:

— כאַראַקטער איז די הויפּטזאַך, די אייגנשאַפט, דאָס פּערזענלע־כע. אַלע איבעריקע זאַכן: אינטערעסן, קריטעריעס, נויגונגען זיינען נעבנ־זאַכן, אין וועלכע איינעמס כאַראַקטער ווערט ניט צושוואומען, ווייל כאַראַקטער לאָזט זיך ניט צושוואומען ווערן. דעריבער קאָן דיר זיין אַנ־טיפּאַטיש איינעמס פּאַרטייאישקייט, איינעמס גלויבן און עס זאָל דיר

זיין סימפּאַטיש די פּערזאָן, און עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן אַז צוליב דער סימפּאַטיע, וואָס דו האָסט צו אַ פּערזאָן, דאָס הייסט צו זיין כאַראַק־טער, ווערט דיר אויך סימפּאַטיש דאָס און וואָס ער גלויבט און יענע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, וועלכע ער טוט, אָדער דער אופן ווי אַזוי ער טוט געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, און זיין באַ־ציונג צו דערשיינונגען ווערט דיר כמעט ווי אַ מוסטער.

דער מענטש מיט כאַראַקטער איז דיר סימפּאַטיש אַפילו ווען ער איז דיר אַ שונא. דער מענטש אָן כאַראַקטער איז דיר אַנטיפּאַטיש אַפילו ווען ער איז דיר אַ פריינט. עס איז אַ פאַלשע, אַ כאַניפישע פריינטשאַפט.

ס'איז דאָ אויך ניט וויכטיק צי פינקלשטיין האָט פּונקטלעך אַזוי געזאָגט — אַזוי איז ער געווען.

די באַן איז אָנגעקומען. עס איז געווען איינס אַזייגער פּאַרטאָג. מיר האָבן זיך געזעגנט. ער איז אַוועק אין זיינע געזעלשאַפטלעכע קרייזן, איך אין מיינע. מיר האָבן זיך נאָר פון צייט צו צייט צופעליק באַגעגנט, אַזוי ווי ביז דער עקסקורסיע.

* * *

כמעט די גאַנצע אידישע יוגנט, וועלכע האָט אָהער איינגעוואַנדערט אין פאַרלויף פון די ערשטע צען יאָר פון היינטיקן יאָר־הונדערט — און יענע איינוואַנדערונג איז געווען אַ יוגנט איינוואַנדערונג — האָט ניט גע־דענקט צו בלייבן אין דעם לאַנד, נאָר אָפּזיין אַ שטיקל צייט און אַוועק־פאָרן — ווער צוריק אין אייראָפּע און ווער אין צפון אַמעריקע. אָבער וואָס מער מען האָט געלעבט דאָ, אַלץ מער האָט מען זיך איינגעלעבט און אין איין צייט ווען די אויסוואַנדערונגס פאַנטאַזיעס האָבן זיך אויס־געלאָזט, מען האָט שוין געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט זיך, אַז מען בלייבט דאָ, האָט מען זיך פאַרטראַכט וועגן די לעבנס פּערספּעקטיוון אין דעם לאַנד און מען האָט אָנגעהויבן זען מעגלעכקייטן, וועלכע מ'האָט פריער ניט געזען און ניט געזוכט.

האבן אסאך זיך א נעם געטון צום שטודירן מיטן ציל צו דערגרייכן א פּראָפעסיאָנעלן דיפּלאם.

יעדער האט געמאכט פאר זיך אליין דעם חשבון. דער ארבעטער האט גערעכנט, אז די צייט, וואס ער גיט אוועק פאר געזעלשאפטלעכער ארבעט וועט ער נוצן פארן שטודירן, כדי צוצוגרייטן זיך צו די עקזאמענס. אין די שפּעטערע יארן פון דער מיטלשול, וועט ער זיך טיילווייז אדער אפשר אינגאנצן באפרייען פון דער ארבעט אין ווארשטאט און מיט דער שפאנישער שפראך, וועלכע ער וועט שוין האבן סיסטעמאטיש אויסגע־לערנט און מיט אנדערע אויסגעלערנטע מאטעריעס, וועט ער זיך ווי עס איז פארדינען אף לעבנס מיטל דורך געבן לעקציעס. דעם זעלבן חשבון האט זיך אויך געמאכט דער, וועלכער איז נישט געווען קיין ארבעטער און האט זיך דערוויל געכאפט צו א וועלכן עס איז האנדל.

יעדער האט זיך אזוי געמאכט דעם חשבון פאר זיך, אבער דעם זעל־בן חשבון האבן זיך אלע געמאכט און גאנצע מאסן האבן זיך געכאפט צום שטודירן.

נישט אלע וואס האבן זיך געכאפט צום שטודירן זיינען געשטאנען אף א גלייכן גראד. עס זיינען געווען אזוינע וואס האבן געהאט א אוני־ווערזיטארישע בילדונג אין אייראפע, וואס דאס איז דא אין יענער צייט זייער אנגענומען געווען. זיי האבן נאר געדארפט דערגאנצן זייער ביל־דונג מיט ארטיקע מאטעריעס, ווי שפּאניש, ארגענטינער געשיכטע, אר־גענטינער געאגראפיע, און האבן דא פארגעזעצט זייער שטודירן אין די פאקולטעטן. אנדערע — און דאס זיינען געווען א גרעסערע צאל — הא־בן נאר געהאט א טיילווייזע אדער גאנצע גימנאזיע אדער מיטלשול — בילדונג. זיי האבן זיך געדארפט גרייטן צום באטשיליעראט עקזאמען אף ארייננצוקומען אין א פאקולטעט. און נאך אנדערע — און דאס זיינען געווען די גרעסטע צאל, כמעט אלע ארבעטער — האבן געמוזט אנהויבן פון אנהויב, דארט וואו עס הויבן אן זעקס יעריקע קינדער, אין ערשטן גראד אנפאנג־שול. טייל פון זיי האבן באזוכט די שטאט־אוונט שולן פאר דערוואקסענע, טייל האבן אליין געלערנט בא זיך אין דער היים

און זיך צוגעגרייט צום אלגעמיינעם עקזאמען פון די ערשטע זעקס גראדן און טייל האבן גרופּעסווייז גענומען א לערער, טאקע איינעם פון די דערמאנטע מיטלשול אדער אוניווערזיטעט סטודענטן, און זיך צוגעגרייט צום עקזאמען.

אויך פינקלשטיין האט זיך געכאפּט צום שטודירן. ער איז געווען פון דער לעצטער קאטעגאריע, פון די וואס זיינען געווען ארבעטער און סטודענטן אין דער זעלבער צייט.

אסאך פון די היינטיקע פּראפעסיאנאלן: מעדיקער, אינזשעניערן, אגראַ־נאמען, דענטיסטן, אפּטייקער, נאטאריוסן, פּראפעסארן, זיינען ארויסגע־קומען פון יענער פּראלעטארישער און האלב פּראלעטארישער סטודענטנ־שאפט, אבער אסאך מער זיינען געבליבן שטיין בא פארשידענע גראדן פון לערנען. דאס לערנען פאר א דערוואקסענעם ארבעטער האט זיך ארויסגעוויזן פיל שווערער ווי מען האט זיך פארגעשטעלט, איז ווילאנג עס האט אנגעהאלטן דער גרויסער עקאנאמישער קריזיס, וועלכער האט זיך אנגעהויבן פאר דער אייראפּעישער מלחמה און צוגלייך מיטן עקאנאמישן קריזיס איז אויך געווען פּאראליזירט, צום גרויסן טייל, די געזעלשאפט־לעכע ארבעט, האט מען זיך אפּגעגעבן צום שטודירן — צייט איז געווען, ס׳איז אויך געווען א באדערפעניש אויסצופילן מיט עפּעס דעם געזעלשאפט־לעכן בלויז און אביסל האט אויך גערייצט די קאריעריסטישע בילדונג, אבער באלד ווי די צייט האט זיך אנגעהויבן בעסערן: עס איז געווארן א נאכפראגע אף ארבעט און עס האט ווידער אנגעהויבן צוריק אויפלעבן די געזעלשאפטלעכקייט, האבן זיך די אויסגעהונגערטע ארבעטער סטודענטן צוריק א ווארף געטון אין ווארשטאט, אין פאבריק, אין געשעפט און אין דער זעלבער צייט אין פּראפעסיאנעלן פאריין, אין דער קולטור אינסטיטו־ציע, אין דער פּאליטישער פּארטיי און מען האט פארלאזט דעם „חדר“ מיט די שול־ביכלעך, וואס זיינען אוועקגעלייגט געווארן פאר אן אנדענק.

* * *

אין יאר 1914 האב איך זיך מיט פינקלשטיינען צוזאמענגעצויגן. דאָס האָט געקאָנט זיין א פשוטער צופאל אדער געלעגנהייט און ניט מער. ס'איז געווען א גאנץ געוועגלעכע זאך, אז צוויי בחורים וואס האבן זיך מער אדער ווינציקער געקענט, זאלן וואוינען צוזאמען צוליב היימלעכקייט, צוליב עקאנאמיע און מען האט זיך אזוי ארום געקאנט דערלויבן א ביסל א לייטישערן צימערל. אין אונדזער צוזאמענציען זיך האט אבער געשטעקט עפעס וואס איז געווען אויסער דאס געוועגלעכע.

ס'איז דער ערשטער יאר אייראפעישע מלחמה. דער ריטם פון אר־בעט האָט זיך אפגעשטעלט. עס האָט זיך אויך אפגעשטעלט דאָס געזעל־שאפטלעכע לעבן. ארבעטלאזיקייט און הונגער דעפילירן פאר די געשלאָ־סענע פאבריקן, ווארשטאטן, געשעפטן. נויט און דערשלאגנקייט פייפט אין יעדער ארבעטער שטוב. מען שלינגט די בלוטיקע מלחמה נייס: צען טויזנט מענטשן געפאלן פון איין שאס, צוואנציק טויזנט... די צאלן פון געקוילעטע מענטשן שטייגן מיט יעדן טאג, מיט יעדער שעה, מיט יעדער מינוט אין די הונדערטער טויזנטער, אין די מיליאנען, זיי שווינדלען און ברענען אין קאפ. און די ארבעטער פון אלע לענדער דערמארדן זיך קעגנ־זייטיק! ברידער לויפן פרייוויליק און מיט תאוה פארגיסן דאס בלוט פון ברידער!..

אין יענעם מאמענט פון אנטוישונג און אפאטיע האט זיך די ליניע פון מיין לעבן עפעס א דריי געטון אין א אנדערער ווענדונג. א בעסערע? א ערגערע? א דערוויילקע? א שטענדיקע? איך האב זיך די פראגעס ניט געשטעלט. איך האב נאר געפילט, אז מיין אייראפעישע צוקונפט, מיט וועלכער איך האב געבאלעמט און פאנטאזירט די זיבן יאר זינט איך האב זיך אפגעריסן פון דער אלטער היים, לעבט נישט מער...

און אפן וועג צו דאס אנדערע האב איך זיך ווידער געטראפן מיט פינקלשטיינען אף דער עקסקורסיע פון א לעבן, וואס האט אונדז צוזאמען געהאלטן גאנצע פינף יארן.

ער האט שוין דעמאלט ניט געארבעט, ניט דערפאר ווייל ער האט ניט געדארפט, אויך ניט דערפאר ווייל עס איז געווען שווער צו ארבעטן

און שטודירן אין איין צייט, נאר דערפאר ווייל ער האט זיך שוין געהאט ארויסגעצויגן פון שקלאפישן און אומעסטעטישןווארשטאט לעבן, און ער האט שוין געלעבט א אנדער לעבן.

* * *

דאס אנדערע לעבן איז געווען די שול, וואס שטעלט מיט זיך פאר א לייטער פון שטייגן און דערגרייכונגען, צי וואס עס האט געטריבן פינ־קלשטיינען דער אומרו, וועלכער האט אין אים געלעבט. די שול האט איר ערד און איר הימל, איר אייגענע סביבה, אירע ליידן און אירע פריידן, אירע געשיכטעס, אירע טאג־פראגן, אירע פאסירונגען און אירע פראַ־בלעמען — דאס אלץ באקומט גאר אן אנדערן, א ברייטערן, א ליכטי־קערן אויסזעען אין די אויגן פון א סטודענט, אן ארבעטער, א פינקל־שטיין, וועלכער האט שוין דורכגעמאכט די ערשטע פינף און צוואנציק יאר לעבנס־שול און טראגט אריין אין דער שול־וועלט זיינע דערפארונ־גען, זיינע אנשויונגען, זיינע שטרעבונגען און זיין ברייטן בליק אפן איי־גנטלעכן פראגראמאטישן לערנען. אלץ וואס ער לערנט: שפראך, מאטע־מאטיק, געאמעטריע, געאגראפיע, געשיכטע, עקאנאמיע, פיזיאלאגיע, פסיכאלאגיע און אפילו פראפעסיע, לערנט ער מיט טיפן אינטערעס, מיט באגייסטערונג, געפינט אין יעדער לערע אומאויסשעפלעכע קוואלן פון שיינקייט און וויסן.

די קאריערע, דער דיפלאם, וואס ווערט, מיט זעלטענע אויסנאמען, גענוצט פאר א פאטענט צו א קראם, אין וועלכער עס פארקויפט זיך רעצעפטן, שמעקנדיקע זייף אדער געוויסן, רייצט אים ניט, דעם גאנצן רייץ געפינט ער אינם לערנען כדי צו וויסן. לערנען בא די פראפעסארן, וואס וויסן מער און לערנען זיך, לערנענדיק מיט אנדערע.

און עס האט ניט געפעלט אין יענעם פעריאד מיט וועמען צו לער־נען: עס זיינען געווען שול חברים פון פארשידענע דיוויזיעס און לער־

יארן, ווען מ׳האט, פארווייַלנדיק זיך, ארויסגעהאלפן אין אלע נעכט פון א גאנץ יאר און באזונדערס פאר עקזאמענס; עס זיינען געווען סטודענטישע פארייען און כמעט סטודענטישע, ווי „בואוונטוד איז־ראעליטא*), וועלכע האט איינגעארדנט קורסן און מ׳האט געדארפט פירן די דאזיקע קורסן און זיין דער לערער אין איינע אדער אין עטלעכע פון זיי; עס זיינען געווען באקאנטע ארבעטער ווען עס האט א צי געטון צו בילדונג און מ׳האט געדארפט מיט זיי לערנען און זיי נאך צוגעבן מוט אין זייער שווערער אונטערנעמונג, וואס האט געשיינט מיט העראַ־אישקייט. קיין פרנסה איז פון דעם ניט געווען און פינקלשטיין האט פאר קיינעם ניט דערציילט, אז ער „שלאפט" ביז נאך מיטיק, כדי איבערצו־שלאפן דעם פרישטיק און דעם מיטיק, וואס איז פאר אים אין ערגעץ ניט געווען געגרייט; ער האט ניט דערציילט פון זיינע „פרישטיקן", וועל־כע ער האט געפראוועט פארנאכט מיט א ביטערער מאטע**) ווען עס איז געווען צען סענט אף זשערבע***). פינקלשטיינען האט מען אומעטום גע־זען אין אויסגעפוצטן, א פרייַלעכן, א וויצלדיקן און אמאל אפילו א פארשווונדערישן, ווען ער האט אפגענומען דעם האנאראר פון איינע פון די ווייניקע לעקציעס, וועלכע עס האבן זיך זעלטן געמאכט פאר באַ־לוינונג, אדער פאר פירן די ביכער אין ערגעץ א געשעפט צי אין א אינס־טיטוציע, וואס דאס איז אויך ניט געווען צופיל און ניט צו אפט...

ער האט צו קיינעם קיין פרעטענזיעס ניט געהאט פאר זיין מאטע־ריעלער נויט, וועלכער ער האט אויפגענומען מיט שפאס. ער האט אויך קעגן איר ניט געקעמפט, ניט געבויגן זיין שטאלץ און ניט געזוכט פאר עפעס זיך צוצופאסן, כדי זיך צו באפרייען פון איר. זי האט אים אבער אויך ניט באקעמפט און כאטש זי איז פון אים ניט אפגעטראטן,

*) אידישע יוגנט.

**) אזא געטראנק אנשטאט טיי.

***) געטרוקנטע גראז פאר מאטע.

האט זי אים אבער ניט געשטערט צו געניסן פון דאס שיינע וואס ער האט געפינען אין שול־לעבן צווישן די פיר ווענט פונם בילדונגס הויז אף טשארקאס, אדער אין די אויסגעשטערנטע פלארעסער נעכט מיט אירע ראמאנטישע סערענאדעס, געזונגען פון פאלקס־קינדער אונטער די פענצטער פון פראַלעטארישע דולצענעאס; זי האָט אים ניט געשטערט צו זיין אין די ארעמס פון זיין געליבטער שווארצכיינעוודיקער עליזא מער ווי טויזנט און איין נאכט אין באבלומטן הויז פון דער גוטמוטיקער פאמיליע קאפקין, אף קאנאלעכאַס, אדער פארוויילן זיך יוגנטלעך און אינטים אין א קרייז פון אינטעליגענטע און סימפאטישע פריינט און פריינטינס; זי פלעגט אים גאנץ גערן הערן צוגייען זיך אין געזאנגען פון פאלקס לידער, בא זיך אין בחורישן צימער, בא דער געליבטער אדער ערגעץ אף שפאציר, פונקט ווי זי פלעגט אים הערן ליינען סערוואנטעסן אין אריגינאל, שמועסן מיט הארציקן פארגעניגן פון דער שפאנישער לי־טעראטור אדער דיסקוטירן איבער וועלט־זאכן. ער האט אפילו בא דער נויט געפונען חן...

אין יעדער שטרעבונג צו דערגרייכן דאס וואס עס איז ניט פאראן געפינט זיך שיינקייט, דעריבער האט פינקלשטיין סימפאטיזירט מיט די פארשידנסטע געזעלשאפטלעכע שטרעבונגען און אידעאלאגיעס און גע־לויבט דאס שיינע פון דער פארשידנקייט. ער האט ניט אנטיילגענומען אין קיין פארטיי, ער האט געזען אין יעדער פארטיי א דאפלטע פארלע־צונג: איינע קעגן דאס שיינע אין דער שטרעבונג פון א צווייטער פאר־טיי און די צווייטע פארלעצונג איז געווען קעגן דאס שיינע אין דער שטרעבונג פון דער אייגענער פארטיי דורך ניט שיינע מיטלען. ער האט ניט געהאט און ניט געזוכט קיין רעצעפט פאר דעם, אבער עס איז געווען זייער מיאוס אין זיינע אויגן דער פרינציפ און די פראקטיק אז דער ציל הייליקט אלע מיטלען. ער האָט געזעען פארקערט: אז די מיטלען לעסטערן דעם ציל.

* * *

נאך דער מלחמה האבן זיך די אומשטענדן געביטן. עס האט זיך געוויזן פּרנסה און דער עולם האט זיך צו איר א ווארף געטון. אויך בא פינקלשטיינען האט זיך דאס לעבן געביטן: ער איז שוין ניט אליין. אף זיין פּלייצע הענגט שוין אויך דער עול פון פּרנסה אף צו דערנערן א פאמיליע, וואס איז אים אזוי ליב און אף צו פארזארגן א שטוב ווירט־שאפט. ער ציט זיך אריין אין שטוב און אין פאמיליע לעבן און דאָס ציט אים ארויס פון פריערדיקן לעבן און פון פאקולטעט. און זייענדיק אריינגע־צויגן אין שטוב זוכט ער דאָ א באפרידיקונג פאר זיין עסטעטישער נאַ־טור, זיינען די באדערפעניששן שטענדיק גרעסערע פון די מעגלעכקייטן און מען בלייבט אלץ מער ניט באפרידיקט. און פינקלשטיין קאן זיך ניט צופּאסן צו אומשטענדן און פערזאנען וואס פאדערן פון אים אונטער־ווארפונג, פאלשקייט, אפּגעהאלטנקייט, רעזיגנאַציע, און ער קאן די אלע פאדערונגען ניט נאכקומען. די נויט שטייט ווידער פאר דער טיר. ס'איז אָבער שוין ניט יענע כיינעוודיקע נויט פון אמאל, די איז אלט און מיאוס און בייז. וואס טוט מען?

פאמיליע רופט אין לאנד פון גרויסע מעגלעכקייטן, אין צפון אמערי־קע. עס איז שווער זיך צו באשליסן. לאנג טראגט מען זיך ארום מיט דער פראגע פון „יא אדער ניט פארן", אבער די נויט טרעט ניט אפּ, זי קלאפּט אלץ האסטיקער אין טיר.

* * *

פינקלשטיין געזעגנט זיך מיט ארגענטינע. אין זיין ערשטן בריוו פון שיף שרייבט ער מיר:

— ווי שווער עס איז זיך אפּצושיידן פון דעם לאנד, אין וועלכן מהאט אפּגעלעבט די בעסטע יארן.

אט שטייט איר אפן שיף, וואס הויבט זיך אן אפּרוקן פון ברעג. א שמאָלער פאס וואסער טיילט אייך אפּ פון די אלע וואס זיינען אייך אזוי

ליב, און וואס מער די שיף רוקט זיך אפּ פון ברעג אלץ ברוויזנדיקער ווערט די ליבשאפט אין אייך. דאָס הארץ נאגט. עס ווערט אומעטיק און דער אומעט נעמט אייך אריין אין זיינע שטייפע ארעמס, און עס טוט באַנג, און אין מח הויבן זיך אן בלעטערן די גאנצע אכצן יאר פון אייער דארט זיין. איר זעט ערשט ווי שיין אלץ איז געווען. איר ווילט אפּהאלטן אייערע סענטימענטן, וואס האבן זיך אזוי הארציק צושפּילט, אנשטעלן א פריילעכע מינע צו אייערע טייערע, וואס זיינען געבליבן אפן ברעג, אבער דאס הארץ וויינט. איר פילט ווי איר פארלאזט אייער לעבן...

און די שיף שלעפּט אייך אוועק אלץ ווייטער. עס ווערן פארלוירן פארן אויג די באזונדערע ליכטיקע פנימער. מענטשן און ערד פארוואנדלען זיך אין איינער א טונקעלער ליניע, פון וועלכער עס צייכנט זיך די שטאָט, וואס איר פארלאזט, און די שטאט איז דאך אזוי שיין, אזוי איינגעמויערט אייך אין הארץ...

* * *

געפארן איז פינקלשטיין מיט א פּלאן אנצוקומען אף א שטעלע אין א פּריוואטער אדער רעגירונגס ביורא, וואס שטייט אין באציונג מיט ארגענטינע; ער האט אבער דארט אזא שטעלע ניט דערגרייכט און ניט ווילנדיק האט ער זיך דאווקע געמוזט נעמען צו האנדל, וואס ער האט שטענדיק געזוכט אויסצומיידן, און עס איז אים אוועק דאווקע נישקשה, דאָס האָט אבער ניט אפּגעלאשן די בענקשאפט.

— עליזא בענקט, שרייבט ער מיר, בענקט אן אויפהער צום הייליקן לאנד, און איך בענק ניט ווינציקער, כאטש איך פארשטעל דאס פאר איר, כדי זי צו טרייסטן, מונטערן. איז דאך דא אין דאלאר־לאנד ניטא קיין ביסל נשמה. אלץ איז פארביזנעוועט און פארגעלטעוועט. איין טרייסט איז נאר דא: אומקערן זיך...

ס'איז דאס געזאנג פון די „ארגענטינער", וועלכע קאנען זיך ניט איינלעבן אין לאנד פון די „גרויסע מעגלעכקייטן„ און בענקן.

אלע יארן פון זיין זיין אין צפון אמעריקע האט פינקלשטיין זיך נאר געגרייט צום טאג ווען די שיף וועט אים אויפנעמען און צוריקפירן צו די ברעגן פון לא פלאטא אין דעם לאנד, וואו ער האט געלעבט זיינע אכצן יוגנט יארן, אבער...

... פינקלשטיין קען שוין מער ניט קומען... זיין „עקסקורסיע" אין צפון אמעריקע איז געווען די לעצטע...

Buenos Aires

אינהאַלט:

זייט

מענדל מאַלער — 7
אַרעלע — 13
סטאַניסלאַווסקי — 23
שלוימקע — 35
דער אַלטער — 45
ליכטמאַן — 63
פּלעסל — 75
באָרים — 83
רבקהלע — 97
די אינדיאַנער פירשטן — 103
שוואַרצבערג — 115
רויטשטיין — 129
בראָדסקי — 141
אַ איד אָן אַ באָרד — 157
קאָרימאַן — 165
פינקלשטיין — 183

געדרוקט
אין דער דרוקעריי
פון „בית יתומים„
קאבילדא 3642, בוענאס איירעס

PEDRO WALD

HOJAS

Semblanzas de mi ambiente

Editado por la Sociedad
de Escritores y Periodistas
Israelitas en la Argentina.

AYACUCHO 430 **BUENOS AIRES**